STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07249

DE PROFUNDIS

Oscar Wilde

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אסקאר ווײלד.

געבוירען 1856, געשטאָרבען 1900.

פֿערלאַג „פּראָגרעס", לאָנדאָן.

אסקאר ווילד.

דע פראפונדיס

אויפֿצייכנונגען און בריף פֿון דער תפיסה אין רעדינג.

איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פֿון

ק. מרטר.

מיט אַן אָבהאַנדלונג איבער דעם פּראָפֿעסער פֿון

בעל מחשבות.

אַרויסגעגעבען פֿון

מ. זוסמאַן, 90 ניו רויד, ווייטשעפּעל, א.

לאָנדאָן, 1909.

„אַרבייטער פֿריינד" דרוקעריי, 163 דושובילי סטריט, א.

בעל מחשבות — אסקאר ווײלד.

אסקאר ווילד.

פון

בעל מחשבות.

I.

אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט מען אין די אייראָפּעאישע קינסטלער־קרייזען זיך אָנגעהויבען שטאַרק צו אינטערעסירען מיט דעם ענגלישען שרייבער אָסקאַר ווילד. אָבער צוגלייך מיט דעם אינטערעס צום שרייבער איז אויך געוואַקסען דאָס אינטערעס צו דעם מענשען, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך דעם נאָמען אָסקאַר ווילד, נאָך מעהר. דאָס אינטערעס צום מענשען איז מיט דער צייט אַריבערגעוואַקסען דאָס ערשטע. הינטער די וועניגע בענדער פון אָסקאַר ווילדס לעבענס־ווערק האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען די לעבעדיגע געשטאַלט פון שרייבער, וואָס האָט זיך נאָר אין אַ קליינעם טייל פערקערפערט אין זיינע נאָוועלען, מעשה׳לעך, ליעדער און קריטישע אַרטיקלען. פאַר׳ן טיעפערען מענשענקענער איז אָסקאַר ווילדס לעבען געוואָרען זעהר אַן אינטערעסאַנטע טהעמאַ, אפשר איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע.

עס זיינען פאַרהאַן גאָט־געבענשטע מענשען וואָס האָבען די קראַפט איינענע און פרעמדע איבערלעבענישען צו פערוואַנדלען אין א קונסט־ווערק. האַלב קלאָרע בילדער און פאַרשטעלונגען

וואַקסען אוים אונטער זייער פּענזעל, אונטער זייער פּעדער אין אַ קונסט־ווערק, בעקומען אַלע סמנים פון אַ נאַטירליך־לעבעדיגען געשעפּף. זיי וועבען אוים פון דעם אַרומיגען שפּינוועבם שענע טעפּיכען מיט קלאָרע אָרנאַמענטען. אונענטוויקעלטע, האַלב־פאַרטיגע מענשען און אָביעקטען ענטוויקעלען זיי ביז צום סוף, ווייל אַ גאונישע השגה האָט זיי ענטפּלעקט דעם גרונדגעדאַנקען פון שעפּפער; און דאָס וואָס איז דורך צופעליגקייטען אין לעבען ארויסגעקומען נישט דערוואַקסען, נישט דערצויגען, דערענדיגט דער קינסטלער אין זיין בוך, אין זיין מירמעלשטיין אָדער אויף זיין ליינוואַנד.

עס איז אָבער פאַרהאַן אויך אַן אַנדער מין קינסטלער־טיפּ, — און דער טיפּ האָט אין דער לעצטער עפּאָכע זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אָפטער און אָפטער, — וואָס נעהמט נישט נור די נאַטור און מענשען, נאָר זיך אליין אַלס אָביעקט פאַר זיין קינסטלערישער שעפּפונג. ער בעטראַכט זיך אליין אַלס עפּעס וואָס איז נישט פאַרטיג און נישט פערענדיגט. און ער מיהט זיך זיין אידעאַל פון שענקייט און סטילמעסיגקייט פריהער פאַר אַלץ צו ענטפּלעקען פאַר די אַרומיגע וועלט דורך זיינע אייגענע קינסטלערישע פערפולקומענונג.

ווען דער געטליכע ראַפאַעל מאַכט פון אַ שענען איטאַליע־נישען דאָרפס־ווייב די אידעאַלע געשטאַלט פון אַ סיקסטינער מאַדאָנאַ — פערענדיגט ער דערמיט די ליניען, פון לעבעדיגען ווייב, וועלכע זענען אין דער ווירקליכקייט בלאָס און נישט קלאָר געצייכענט. פון דער נישט פולקומענער שענקייט האָט ער געמאַכט אַ אידעאַלע געטליך שענע פיגור. זיין אָביעקט איז געווען אַ ז ו י ט י ג ע ר. ער האָט געלייענט אין קערפּער פון דאָרפס-ווייב די פערבעהאַלטענע שריפט פון אַ געטליכער שענהייטס־אידעע און ער האָט דורך זיין קונסט די אידעע ענטפּלעקט אויך פאַר טויזענדער אַנדערע. דער קינסטלער ענטפּלעקט אין זייטיגע אָב־יעקטען די שענהייטס־אידעען און דורך געוויסע טעכנישע מיטלען בריינגט ער דערצו, אַז די אידעען זאָלען אויך לייכטען פאַר די,

וואָס האָבען נישט ווי ער אַזוינע טיעפּע פערשטעהענדיגע אויגען. דער קינסטלער מיהט זיך, אַז דאָס וואָס האָט געקאָנט זיין זאָל ווערען, און דאָס וואָס איז זאָל שײנען פאַר אַלעמענס בליקען. דעם ערשטען טייל אַרבייט ער אויס דורך זיין קינסטלערי־שער פאַנטאַזיע, דעם צווייטען טהייל דורך זיינע קינסטלערישע טעכניק.

לאָמיר זיך אָבער איצט פאָרשטעלען אַזא ראַפאַעל וואָס זוכט און ענטפּלעקט די שענהייטס־אידעען נישט אין זייטיגע אָביעקטען נאָר אין זיך אַליין, ווען ער אַליין ווערט צוגלייך דער יסוד און דאָס מאַטעריאַל פאַר זיין קונסטווערק. איז זיין טעכניק די מאָלערישע, — ווערט ער זיך דענקמאָל מאָלען אין צעהנדליגער בילדער; איז ער אַ פּאָעט, — ווערט ער אין טויזענדער פאָרמען ענטוויקלען זיין אינעווענינסטען און אויסענווענינסטען מענשען; ער ווערט זוכען מיט אַלע מיטלען, אַז דאָס וואָס ער קען זיין, זיין „אידעאַלעס איך" זאָל אַרויסשיינען פאַר אַלעמענס אויגען. זיין פּאָעזי ווערט זיין בעוואוסטזיניג דורך און דורך סוביעקטיוו.

אָבער מיט דער מאָלערישער און פּאָעטישער טעכניק ענדיגען זיך נאָך נישט די מיטלען זיך צו מאַכען זעהענדיג פאַר די האַלב־זעהענדיגע. די אויסערע לעבענספיהרונג, אַלערליי זיטען און ניטען זיינען אויך מיטעל צו לאָזען אַרויסשיינען איטליכען בעזונדערען שטריך פון דער אינעווענינסטער אידעע.

ס'איז בעקאַנט, דאָס פערשיעדענע גרויסע מענשען האָבען געהאַט אַ וואונדערליכע אַרט זיך צו קליידען, מיט מענשען צו רעדען, די האָר זיך צו קעמען א.ז.וו.א.ז.וו. געוויסע העכערע קלאַסען לאָזען מערקען דורך זייערע אויסערע פאָרמען, ווי מען לעבט און ווי מען זאָל לעבען, דאַמיט די אידעע פון גלאַנץ, מאַכט און שענקייט זאָל זיי אַרומרינגלען ווי אַ גאָלדענער קראַנץ. מאַנכע פאַנאַט־שע קינסטלער, ביי וועמען די איינציגע אמונה איז די הייליגקייט פון דער הוילער קונסט ווילען מאַכען אויך פון זייער אויסענווענינסטען לעבען אַ קונסטווערק. ווי דער סקולפּטאָר קנעט זיין לעהם, קנעטען זיי אויס זייער אויסענווענינסטען מענשען אַזוי,

אַז פֿון יעדער ליניע זאָל אַרויסשיינען די קינסטלערישע אידעע. זיי מאַכען פֿון איטליכען טהאַט זייערען אַ קונסט אויפֿגאַבע, און זיי ריהרען זיך נישט פֿון אָרט בעפֿאָר זיי בעשטימען נישט פֿאָראויס די פּאַסענדע בעוועגונג, וואָס לויט זייער קונסטגעשמאַק דאַרף איצט געמאַכט ווערען. קוקט זיך צו צו עלעגאַנטע גרויסשטעדטישע דאַמען, אָדער צום טאַלאַנטפֿאָלען אַקטיאָר, וואָס שפּיעלט זיין ראָלע אויף דער סצענע און איהר וועט בעגרייפֿען ווי מען מאַכט פֿון זיין אויסערען מענשען אַ אָבגעטאָקט קונסטווערק, ווי די אונפֿאָלקומענע נאַטור ווערט פֿערוואַנדעלט אין עפּעס אַ פֿיינס, אַ געשליפֿענעס. דער חלוק צווישען די לעצטע ביידע און דעם אָריגינעלען קינסט-לער איז אָבער דער, וואָס די דאַמע און דער אַקטיאָר נעהמען אַלס מוסטער נישט זייער „איך" פֿאַר זיך, נאָר אַ פֿאַרטיגעס, אָדער כמעט אַ פֿאַרטיגעס מאָדעל. דער שעפּפֿערישער אמת'ר קינסטלער שטעלט אָבער אַוועק זיין אייגענעם „איך" אַלס אָביעקט און צענטר פֿון זיין קונסטווערק.

אזא מין פֿערהעלטנים צו זיין אייגענעם קערפּערליכען „איך" זענען מיר געוועהנט צו זעהען אין דער רעליגיעז-מיסטישער ספֿערע. מיר ווייסען דאָס דער מיסטיקער מאַכט דעם גוף פֿאַר אַן עבד ביי דער נשמה. ער מאַכט אום זיין גאַנצען גופניות'דיגען לעבען לויט דעם גייסט נאָך פֿון זיין מיסטישען גלויבען. פֿאַר'ן מיסטיקער אַסקעטען איז דער לייב אַ צו גראָבער מלבוש פֿאַר דער נשמה, און ער זוכט ווי וויים מעגליך פֿון איהם פטור צו ווערען. אַ טיעפֿע אמונה פֿערצעהרט דעם האַרטען לייב און מאַכט איהם אַלץ דורכזיכטיגער און דורכזיכטיגער.

זעלטען טרעפֿט דאָס אָבער, אַז דער אייגענער גוף זאָל ווערען אַ קנעכט ביי דער קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע, האָטש אַ קנעכט אין אומגעקעהרטען אופֿן. דען פֿאַר דעם קינסטלער איז דער גוף נישט קיין גראָבער מלבוש, וועלכען מען מוז וואָס גיכער אָבשאָק-לען פֿון זיך, נאָר אַ קאָיזערמאַנטעל פֿון טייערען בראָקאַט. מען דאַרף איהם פּוצען און רייניגען, פֿערשטעהען ווי איהם צו טראָגען און ווי צו פֿערטהיילען די פֿאַלדען פֿון איהם.

דער מענש ביי וועמען דער רצון צו לעבען קינסטלעריש און ערהאַבען איז געוואָרען אַ טיעפֿע און הייסע אמונה — איז אַ נייער מין קדוש, וואָס זוכט אין זיין אויסערען גופֿניות'דיגען לעבען צו זיין פֿולקום און הויך דערהויבען איבער די געוועהנליכע מענ־שען. אויך די אמונה פֿערלאַנגט טויזענדער קרבנות, פֿערלאַנגט נזירות און פרישות, פֿערלאַנגט אַז מען זאָל זיך נישט אויסמישען מיט די געוועהנליכע בשר־ודם'ס, פֿערלאַנגט אַז יעדע טהאַט זאָל דערנעהנטערען צום אידעאַל, און פֿערקערפערן דאָס אידעאַל.

אין איבסען'ס דראַמאַ „העדאַ גאַבלער" איז אויסגעשטעלט געוואָרען אַזאַ טיפּ. העדאַ גאַבלער איז אָבער אַ טהעאַטער־פֿיגור. אָסקאַר וויילד דאַגעגען איז געווען אַ לעבעדיגער מענש, וואָס איז ערשט 9 יאָהר טויט. דאָס איז געווען אַ קדוש פֿון אָקאָרסט בעשריבענעם מין. זיין אמונה איז געווען די קונסט, און פֿון אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שיכות צו איהר און פֿון זיך אַליין האָט ער געוואָלט מאַכען אַ פֿולקומענעם קונסטווערק.

דעריבער איז אָסקאַר וויילד'ס לעבען נאָך אינטערעסאַנטער ווי זיינע ווערק. דען אין זיינע ווערק האָט ער נאָר אַ טייל געגעבען פֿון זיין לעבען אַלס קונסטווערק. דעם גרעסטען טייל פֿון זיין קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע האָט ער אויסגעדריקט נישט אין פּראָזאַ, נישט אין פּאָעזיע נאָר אין דער אַרט ווי ער האָט פֿערבראַכט און גענאָסען די טויזענדער טעג פֿון זיין לעבען.

II.

אָ. וויילד איז געבאָרען דעם 15טען אָקטאָבער 1856 אין דובלין. ער שטאַמט פֿון אַן אירישע משפחה גוטסבעזיצערס. וויילד'ס מוטער, בעקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטער'ן נאָמען ספּעראַנצאַ, איז געווען זעהר אַ בעגאַבטע פֿרוי. אין איהר לאָנדאָנער סאַלאָן פֿלעגען זיך צונויפֿקלייבען די דאַמאָליגע שפּיצען פֿון ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפֿט. אָ. וויילד האָט זיינע

גרויסע קינסטלערישע טאַלענטען צו פֿערדאַנקען דער מוטער זיינער, פֿון וועלכער ער האָט אַסך זאַכען אָבגע'ירשה'ט. זיין פֿאָטער איז געוועזן אַ בעריהמטער אַרחעאָלאָג און אַ בעקאַנטער ליטעראַט. אָסקאַר ווילד האָט דערום אויך דעם פֿאָטער אַסך צו פֿערדאַנקען. שוין פֿון קינדהייט אָן האָט איהם דער פֿאָטער בעקאַנט געמאַכט מיט די אוצרות פֿון אַלטע אויסגעשטאָרבענע קולטורען, מיט די אַנטיקע קונסטווערק פֿון דער אַלטער גריכישער קולטור און פֿון דער איטאַליענישער רענעסאַנס־צייט. פֿון איהם האָט ער גע'ירשה'ט אַ גוסט צו אַלערליי אַנטיקען און דעם פֿיינעם איידעלעם געשמאַק צו שענע היסטאָרישע געגענשטענדע. אָ. ווילד האָט זיך זיין גאַנצען לעבען אויסגעצייכענט מיט אַ זעלטענער מבינות אויף אַלערליי אינטערעסאַנטע און שענע אַלטערטהימליכקייטען. צווי־שען פֿאָטער און זוהן איז אָבער נישט געוועזן קיין גרויסע התקרבות. די מוטער דאַגעגען האָט ווילד פֿערגעטערט. ער איז געוועזן פֿעסט איבערצייגט, אַז זיין טאַלענט האָט ער נור איהר אַליין צו פֿער־דאַנקען. די ריין וויסענשאַפֿטליכע נייגונגען פֿון זיין פֿאָטער האָבען ווייניג צוגעצויגען דעם זוהן. אָסקאַר ווילד האָט זיך אינטערעסירט מיט דער וויסענשאַפֿט ביז צו אַ געוויסען מאָס. די וויסענשאַפֿט האָט איהם געדאַרפֿט דיענען נאָר אַלס אַ יסוד, אויף וועלכע ער זאָל קענען ענטוויקלען אַ לעבען פֿול פֿון שענקייט און קינסט־לערישע תענוגים. ער האָט געשעפּט פֿון איהר קוואַל נאָר אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס איז נויטהיג פֿאַר אַ מאָדערנעם מענשען, דאַמיט זיינע געדאַנקען און געפֿיהלען זאָלען גלאַנצען אין טויזענד פֿאַרבען און, הויפּטזעכליך, דאַמיט זיי זאָלען אַרויסקומען שען, פֿאָלקאָם שען. אויך אין דעם פרט איז ער געוועזן זעהר עהנליך צו דער מוטער, צו וועלכער ער איז געוועזן זעהר אַ טרייער זוהן. דאָס גאַנצע לעבען און אויך נאָך'ן פֿאָטערס טויט האָט ער איהר אַרויסגעוויזען די גרעסטע צערטליכקייט. איבערהויפּט איז ווילד געוועזן שטאַרק צוגעבונדען צו זיין פֿאַמיליע. ער האָט פֿערגעטערט זיין ברודער און האָט היים געליעבט זיין שוועסטער, וועלכע איז יונג אָבגעשטאָרבען.

שוין אין דער שולע אין דובלין צייכענט זיך ווײלד אויס צווישען זיינע קאַמעראַדען דורך זיין גאָרנישט קינדישען רייפען שכל און דורך זיינע איינפּעלע, און פערנעהמט צווישען זיינע חברים דעם ערשטען פּלאַץ. אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט צייכענט ער זיך נישט ווייניגער אויס ווי אין דער שול. ער ווערט דער ערשטער צווישען זיינס גלייכען, און דער פּלאַץ בלייבט איהם זיין לעבען לאַנג, ביז צו דעם אונגליק, וואָס האָט אין פינף יאָהר געמאַכט אַש פון זיין גלאַנציגען לעבען. אין אָקספאָרד האָט ער פלייסיג שטודירט פילאָזאָפיע און עסטהעטיק; דאָרטען האָט ער אויך אָנגעהויבען פּרובען זיינע קרעפטען אין דער פּאָעזיע, און שוין די ערשטע פּראָבע איז איהם שטאַרק געלונגען. און דאָס טרעפט ביי אָנפענגער זעהר זעלטען.

דער יונגער ווײלד האָט אין אָקספאָרד פערבראַכט גליקליכע יאָהרען. מען האָט איהם ליעב געהאַט, ער איז געווען בעריהמט. זיינע ליעדער האָבען בעקומען דעם ערשטען אוניווערזיטעטס-פּרייז. און דאַרום זיינען שוין אין די ערשטע וואָכען פערקויפט געוואָרען פון זיי זעקס אויפלאַגען. אין יאָהר 1878 ערשיינט זיין פּאָעטיש ווערק „ראַווענאַ", און זיין נאָמען אַלס פּאָעט ווערט נאָך פער־פעסטיגטער. באַלד ווי ער פערלאָזט די אוניווערזיטעט הויבען אָן צו ערשיינען זיינע נאָוועלען, פאַנטאַסטישע מעשה'לעך, קליינע קריטישע אַרטיקלען און זיין גרויסער ראָמאַן „דאָס פּאָרטרעט פון דאָריאַן גריי", — אַ פייערדיגס לויב-ליעד אויף יוגענד און שענ־הייט, — אַ ליעד אויף די צוויי גרויסע מעלות, וועלכע ווײלד האָט אייגענטליך בעזעסען אין אַ גאַנץ קליינער מאָס. אָ. ווײלד איז אין געוועהנליכען זינן קיינמאָל נישט געווען יונג, און שען אודאי נישט. ער האָט זיין גאַנצען לעבען פערגעטערט די שענהייט, און דאָס נישט בעזיצענדיג אַליין, האָט ער דאָס נאָך מעהר געשעצט ביי אַנדערע.

אַ לענגליכער קאָפּ מיט אַ קורצע דיקע האַלז איז געזעסען אויף ברייטע פּלייצעס פון אַ גרויסען אונגעלומפּערט שווערען קערפּער. דאָס פליישיגע אויפגעלאָפענע געזיכט האָט זיך נישט

אויסגעצייכענט מיט אַ בעזונדער שענעם אויסדרוק, און עס האָט געטראָגען פֿון איהם מיט עפּעם אַ זיסקייט און אַ ווייבערשער שוואַכקייט. איידעל איז נאָר געווען זיין שאַרפֿער פּראָפֿיל. אַ שטאַרקער אויסגעשטעלטער שטערן, אַ דינע נאָז און אַ טעמפּער אונטערקינבאַק גיט צו דעם פּראָפֿיל אַן אויסדרוק פֿון העזה און פּראָטעסט. זיינע מיטעל גרויסע אויגען, לעבעדיגע און דורכדרינ־גענדע, רעדען פֿון אַ פֿעסטקייט און בעזעסענקייט ביי זיך, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט זיין גאַנצען לעבען סיי אין זיינע טהאַטען ווי אין זיינע ווערטער, אַלס מענש און קינסטלער. געדיכטע האָר, פֿראַנטיש געוואַשענע און פֿאַרפֿומירטע, האָבען אָהן אַ בעשטימטע פֿריזור אַרומגערינגעלט דעם קאָפּ און נידעריג זיך אַראָבגעלאָזען איבערן שטערן. זעהר נישט קיינע שענע דיקע ליפּען, האָבען געוויזען, אַז ווייַלד איז אַ פֿריינד פֿון אַלערליי תענוגים און תאוה׳עס. זיין קערפּער איז געווען בייניג און מוסקע־לעז. זיינע הענד זיינען געווען גרויס און נישט שען און ער פֿלעגט זיך דעריבער אָפּט מצער זיין.

בשעת אָבער אָ. ווייַלד פֿלעגט אָנהויבען אימפּראָוויזירען זיינע מעשׂות, אָדער זיך אַריינלאָזען אין אַ עסטהעטישען שמועס, פֿלעגט ער ווערען גאָר אַן אַנדערער. עס פֿלעגט עפּעס אַרויסשיינען דורך די נישט האַרמאָנישע ליניען אַ בעזונדערע שענקייט.

לויט׳ן כאַראַקטער נאָך איז אָ. ווייַלד געווען דאָס וואָס מען רופֿט אָן אַ גוטער מענש. זיינע געדאַנקען זיינען שטענדיג געווען איידעל און שען אָקוראַט ווי די הנהגות זיינע און זיין קאָסטיום. זעלטען ווען איז געווען אַ מענש מיט אַזאַ ריינע צונג. ער האָט פֿיינד געהאַט די אַנעקדאָטען וואָס מענער דערצעהלען זיך, ווען זיי זיינען צווישען זיך. אום דאָס נישט צו דערלאָזען פֿלעגט ער אָנהויבען צו דערצעהלען אייגענע פֿאַנטאַסטישע מעשׂות, משלים. ער האָט פֿיינד געהאַט פֿון גאַנצען האַרצען אַלץ וואָס איז געווען גראָב, קלעפּעדיג — פֿאַמיליער און ד. גל. דערביי פֿלעגט ער זיין צערטליך גוט צו זיינע פֿריינד און אייגענע, און פֿלעגט זיך נישט אָבשטעלען פֿאַר קיינע אונקאָסטען, ווען עס האָט זיך נאָר־

געהאַנדעלט וועגען גליק פֿון איינעם פֿון זיינע מקורבים. אַלס פֿרייער מענש איז ער אָבער אין זיין גוטסקייט נישט געגאַנגען צו ווייט. ער האָט פֿערמאָגט אַ געזונדען עגאָאיזם, און זאָרגענדיג פֿאַר יענעם פֿלעגט ער אָן זיך נישט פֿערגעסען. און שפּעטער, דערנאָך ווי ער איז געזעסען אין פֿעסטונג, ווען אַלע זיינע געוועזענע פֿריינד האָבען זיך פֿון איהם אָבגעשאָקעלט, פֿערגעסענדיג די אַמאָליגע טובות,— איז זיין צונג געבליבען ריין, ווי אין די גליקליכע צייטען, מיט קיין איין בייז וואָרט האָט ער נישט געשטערט די רוהע פֿון זיינע פֿאַלשע פֿריינד און בעגלייטער. אַ הויך פֿון שענקייט און העכסטע איידעלקייט האָט איהם אַרומגערינגעלט זיין גאַנצען לעבען.

אין יאָהר 1889 האָט אָ. ווײלד אַלס לעקטאָר בערייזט מעהרערע גרעסערע שטעדט אין אַמעריקאַ. דער ערפֿאָלג פֿון זיינע לעקציעס, וועלכע האָבען בעריהרט פֿערשיעדענע ליטעראַרישע, פֿילאָזאָפֿישע און עסטהעטישע פֿראַגען איז געווען געוואַלטיג גרויס. נישט נאָר די בעלעזענקייט זיינע און די ברייטע בילדונג זיינע האָט מען בעוואונדערט, נאָר אויך און הויפּטזעכליך די אָריגינעלע פֿאָרם זיינע, ווי ער פֿלעגט אויסדריקען און קלאָר מאַכען זיינע געדאַנקען. אָ. ווײלד האָט געהאַט דאָס טאַלענט די טיעפֿסטע און שענסטע געדאַנקען אויסצודריקען אין אַ קורצען קונציג אָבגעד־טאָקטען שפּרוך, אין אַ פֿונקעלדיגען אַפֿאָריזם. די עקסצענטרישע אַרט פֿון זיין פֿיהרען זיך, זיינע קליידער און וואונדערליכע מאַניערען, די קונסט זיך צו וואַרפֿען אין די אויגען צוליעב זיין אָריגינעלער פּערזענליכקייט, האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט דעם ערפֿאָלג פֿון זיין רייזע אין אַמעריקאַ.

קיין סך געלד האָט איהם די רייזע נישט איינגעבראַכט. ווײלד איז נישט געווען דער מענש, וואָס האָט ליעב זיך צו אָבצו־געבען מיט געלד חשבונות. אפילו אין די בעסטע צייטען זיינע, ווען זיינע טהעאַטער־שטיק זיינען געגאַנגען איבער עטליכע ביהנען מיט אַמאָל און זיין יאָהריגער פֿערדיענסט פֿלעגט דערגרייכען מעהרערע צעהנדליגער טויזענד איז ער נישט געווען פֿריי פֿון מאַטעריעלע זאָרגען.

קומענדיג פֿון אַמעריקאַ האָט זיך אָנגעהויבען, לויט זיינע אייגענע רעד, אַ צווייטע פעריאָדע אין זיין לעבען. ער האָט אָנגעהויבען נאָך מעהר צו פֿערוואונדערען די אַרומיגע מיט דער פֿראַנטישער אַרט זיך צו קליידען מיט זיינע סאַלאָנע מאַניערען. אמת, ביי אַלעמדעם האָט מען איהם פֿאָרט נישט געקענט פֿער־גלייכען מיט די געוועהנליכע סאַלאָנע פֿראַנטען. אויף טריט און שריט פֿלעגט ער עפּעס אָבטהאָן אַזוינס, וואָס פֿלעגט צושטערען די עטיקעטע; ער איז געווען צו אַ גרויסער אָריגינאַל, אַז ער זאָל זיך קענען אויסמישען צווישען די חברה געפּוצטע יונגע לייט. אָ. ווילדען אָבער פֿלעגט מען אַלץ מוחל זיין. אַלע האָבען געמוזט מודה זיין, אַז ער איז עפּעס אַ בעזונדערער אַרט מענש, און אין גיכען איז נישט פֿערביי קיין גרעסערע פֿערזאַמלונג אין לאָנדאָן, אַוואו מען זאָל זיך בעגעהען אָהן ווילדען.

שפּעטער האָט ער געלעבט אין פּאַריז, און אויף זעהר אַ ברייטען פֿוס. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען ווערט ער פֿלייסיג. עס הויבט זיך אָן די גלאַנציגע פעריאָדע פֿון זיין קינסטלערישען לעבען. ער שרייבט איינע פֿון זיינע בעסטע ווערק, די פּאָעמאַ „ספֿינקס". אין קרייז פֿון זיינע בעקאַנטע ליטעראַטען און קינסט־לער הויבט ער אָן צו געבען פֿון זיך זיינע פֿאַנטאַסטישע מעשה'לעך, פּאַראַבעלען און וואונדערליכע אַנעקדאָטען. עס שיטען זיך פֿון זיין מויל ווי פּערעל גלענצענדע אַפּאָריזמען אָהן אַ צאָהל. ער איז אין אַלעמענס אויגען אַ מענש וואָס הערט נישט אויף צו לויבען און צו בעזינגען די יוגענד און די שענהייט.

אָסקאַר ווילד איז געווען איינער פֿון די זעלטענסטע רעדנער פֿון זיין צייט. אין פּאַריז מעסט ער זיין גייסט מיט די גייסטער פֿון אַ פּאָל בורזשע, וויקטאָר הוגאָ, עדמאָנד דע גאָנקור, סאַראַ בערנאַר און אַנדערע. מיט פֿיעלע פֿון זיי ווערט ער נאָהענט בעפֿריינדעט און אין זייער געזעלשאַפֿט פֿערברייננט ער זיין צייט. עס עפֿענען זיך פֿאַר איהם באַלד די טהירען פֿון די אַריסטאָקראַ־טישע סאַלאָנען, און אויך דאָרט ווערט ער באַלד אַנערקענט אַלס דער יונגער פּרינץ פֿון ליטעראַטור און קונסט. צו דערזעלבער צייט

טרעפֿט ער זיך אַמאָל מיט פּאָל ווערלען, אין דער צייט, ווען ווערלען האָט זיך שוין אין גאַנצען אָבגעלאָזען. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ווײַלד האָט אַזוי הויך געשעצט ווערלענס פּאָעזיע, האָט ער דאָך נישט געקענט מוחל זיין דעם שמוציגען אויסזעהען פֿון פּאָעטען. ווײַלד האָט געקענט אַסך אויפֿטהאָן פֿאַר אַזוינע אונגליקליכע, אָבער פֿערברײנגען מיט זיי האָט ער נישט געקענט. זיין געפֿיהל פֿאַר שענקייט האָט עס נישט דערלאָזען.

באַלד דאַרויף האָט אָ. ווײַלד געהייראַטעט מיט אַ יונגער רייכער דאַמע. דער שדוך איז געווען אַ געראָטענער. ווײַלד איז געווען אַ העפֿליכער זעהר דעליקאַטער מאַן און אַ היים-ליעבענדער פֿאָטער. זיינע צוויי קינדער האָט ער פּשוט פֿערגעטערט.

נאָר אַזוי ווי דעם ווייב'ס פֿערמעגען איז נישט געווען אין זיינע הענד, איז ער געצוואונגען געווען וויטער צו פֿאָהרען לייענען לעקציעס. שפּעטער איז ער געווען אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ פֿרויען-זשורנאַל. א. ווײַלד איז אָבער געווען אַ שלעכטער רעדאַקטאָר, איהם האָבען געפֿעהלט דערצו צוויי זאַכען: התמדה און פּינקט-ליכקייט. ווען מען פֿלעגט מיט איהם רעדען אַמאָל וועגען די דאָזיגע חסרונות פֿלעגט ער אין זיין פּאַראַדאָקסאַלען אַרט ענט-פֿערען: אַז ער האָט נישט קיין צייט צו זיין פֿלייסיג און פּינקטליך. פֿאַר א. ווײַלד איז וויכטיגער געווען אָבצוזיצען שעה'ן אויף אויסצוקלייבען פֿוטער אויף אַ פּעלץ, אָדער וואָלצייג אויף אַן אַנצוג, ווי צו געהען זיך עסק'ן מיט רעדאַקציאָנעלע מאַנוסקריפּ-טען און קאָרעקטען. ווײַלד האָט מורא געהאַט צו בעקומען דעם נאָמען פֿון אַ פּיעל-שרייבער, ער האָט נישט געוואָלט זיך וואַרפֿען צו אָפֿט אין די אויגען פֿון לעזער מיט זיינע אַרטיקלען. דעריבער פֿלעגט ער נאָר שרייבען זעלטען זעלטען ווען, און מייסטענס צופֿעליג, אָבער נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיינע איינקינפֿטע זענען געווען קליינע, האָט ער דאָך נישט געקענט זיך אָבזאָגען פֿון צו לעבען רייך און שעהן, און דאָס פֿלעגט איהם ברײנגען אין אַ צושטאַנד פֿון שטענדיגער געלד נויט.

פֿון 1893 הייבט זיך ווידער אָן ביי איהם אַ צייט פֿון

קינסטלערישען שאַפֿען. ער פֿערענדיגט זיין בעריהמטעס אָריגינעלעס ווערק „סאַלאָמע"*), גיעט אַרויס זיינע אַפֿאָריזמען אונטער'ן טיטעל „אָסקאַריאַנאַ", הייבט אָן אויסצואַרבייטען זיינע קאָמעדיען, וועלכע האָבען איהם שפּעטער איינגעבראַכט גרויסע איינקינפֿטע. אין דער צייט דערגרייכט זיין בעריהמטהייט צו דער העכסטער שטופֿע. אפילו די, וואָס האַלטען נישט פֿון זיינע ווערק און זיין כאראַקטער מוזען מודה זיין, אַז ער בעצויבערט דורך זיין גאַנצען אויסערען מענשען, און דאָס זיין רעדענס-קראַפֿט און זיין קינסטלערישער געשמאַק ווירקט אויך אויף זיינע הייעסטע געגנער.

אָבער אין דער אייגענער צייט הייבט מען אָן צו פֿערברייטען וועגען איהם פֿערשיעדענע רכילות'ען. ווילד וואָס האָט ליעב געהאַט אַלערליי תענוגים, וואָס האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פֿון קיין תאוה, אויב נאָר די תאוה האָט געטראָגען אויף זיך אויסערע סמנים פֿון שענקייט, פֿלעגט אַרויסווייזען אַ ליידענשאַפֿט צו שענע יונגע מענער. מען האָט אָנגעהייבען שושקענען זיך, אַז ווילד פֿערפֿיהרט יונגע לייט און רייצט אויף ביי זיי די תאוה צו דער גריכישער ליעבע. דאָס אין ווילד'ס קינסטלער נשמה האָט גערדרעמעלט אַזאַ ליידענשאַפֿט בעווייזען זיינע ביכער „דאָס פּאָר־טרעט פֿון דאָריאַן גריי", (בעזונדערס די סצענעס, וואו עס דריקען זיך אויס די געפֿיהלען פֿון קינסטלער באַזיל צו „דאָריאַן גריי") און „דער פּריסטער און זיין ליכט טראָגער"; דאָס איז אָבער נאָך נישט קיין בעוויז, אַז ער האָט ווירקליך פּראַקטיקירט די פֿער־וועהרטע און נישט נאַטירליכע תאוה. זיין פֿריינדשאַפֿט מיט דעם יונגען מאַרקיז קווינסבערי האָט מען אָבער אויסגעטייטשט אין אַ מיאוס'ן אופֿן. און דער אַלטער מאַרקיז קווינסבערי האָט נאָך אַ געוויסען סקאַנדאַל ווילד'ן עפֿענטליך בעשולדיגט, אַז ער האָט פֿערפֿיהרט זיין יונגען זון. ווילד איז געצוואונגען געווען אָנצוגעבען אויף'ן מאַרקיז אין געריכט. פֿון דעם ערשטען פּראָצעס אָן הייבען זיך אָן ווילדס צרות. כאָטש דער ערשטער פּראָצעס האָט זיך

---

*) ערשיענען אין יודישער איבערזעצונג אין דעמזעלבען פֿערלאַג.

געענדיגט אין גוטען אופן, אָבער אַ פֿלעק איז געבליעבען. פּאָליציי האָט אָנגעהייבען נאָכזוכען ווײַלד'ן, און ענדליך האָט זי אַרויס־געגעבען אַנ'אַרעסט בעפֿעהל. דאָס געריכט האָט שטאַרק נישט געוואָלט דעם סקאַנדאַל, און האָט געגעבען ווײַלד'ן אינדירעקט די מעגליכקייט אַוועקצופֿאָהרען נאָך פֿאַר'ן אַרעסט בעפֿעהל. ווײַלד האָט אָבער נישט געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט. זיין אינער־וועניגסטענס קינסטלערישעם געפֿיהל האָט איהם נישט דערלאָזען צו ענטלויפֿען פֿון געריכט. דעם 30טען אַפּריל 1895 האָט דאָס געריכט אפילו נישט מיט קלאָרע ראיות איהם אַנערקענט אַלס אַ מענשען וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט אַנ'אונאַטירליכער ליעבע, פֿערפֿיהרט צו דעם צוועק יונגע מענשען, איהם פֿער'משפּט אויף צוויי יאָהר קאַטאָרגע (צוכטהויז) און אָבגענומען פֿון איהם אַלע בירגערליכע רעכטע.

אין דעם אייגענעם טאָג איז א. ווײַלד אויסגעמעקט געוואָרען פֿון דעם ענגלישען לעבען. די טהעאַטערס האָבען אויפֿגעהערט צו שפּיעלען זיינע דראַמען, קיין זשורנאַל האָט נישט געדרוקט קיין איין צייל פֿון זיין פֿעדער. פֿריינד און גוטע ברידער מיט ווענינגע אויסנאַהמען האָבען גענומען אָבלייקענען זייערע פֿריהערע בעקאַנטשאַפֿט מיט ווײַלדען. צוערשט איז ווײַלד געזעסען אין וואָנדסוואָירטהער תפיסה, שפּעטער האָט מען איהם אַריבערגע־פֿיהרט אין „רעדינג דזשייל”, וועלכע ער האָט פֿעראייביגט מיט זיין ווערק „די באַלאַדע פֿון רעדינג דזשייל”. בעת מען האָט איהם געפֿיהרט פֿון איין תפיסה אין די אַנדערע האָט אַ כשרה בעל־הבית'ישע נשמה איהם אָנגעשפּיגען אין פּנים אַריין. דער בעל הבית האָט דערקענט צווישען די אַרעסטאַנטען דעם בלייכען אויסגעדאַרטען בעריהמטען שריפֿטשטעלער, און זיין כשר'ע האַרץ האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען נישט אַ שפּיי צו טהאָן ווײַלדען אין פּנים אַריין. עס וואָלט גאָרנישט שאַדען ווען מען וואָלט דערגעהן דעם נאָמען פֿון דעם פֿיינעם ענגלישען בעל־הבית און פֿעראייביגען איהם אויף קינפֿטיגע דורות.

אין תפיסה איז ווײַלדען אויסגעקומען צו פּליקען שטריק אויף

פלאַקס, און די הענד פון קינסטלער זענען שטענדיג געווען פער־בלוטיגט און צואוואונדעוועט. אַ צייט לאַנג האָט מען איהם נישט געגעבען קיין ביכער, נישט קיין פאַפיער און פעדער. שפעטער האָט מען איהם ערלייכטערט זיין לאַגע. צוערשט פלעגט נאָך קומען צו איהם זיין פרוי, דערנאָך האָט דאָס אויך אויפגעהערט. צולעצט האָט ער נאָך געמוזט געבען זיין פרוי אַ גט, און די קינדער האָט מען אוועקגעגעבען דער מוטער.

ווײלד איז אַרוים פון תפיסה אָרעם, אויף אייביג פערפלעקט אָהן פריינד און אייגענע. די ערשטע צייט האָט ער נאָך בעקומען שטיצע. ער איז אַוועק קיין פאַריז, וואו ער האָט געלעבט איינזאַם און עלענד, נישט פעהיג מעהר קינסטלעריש צו שאַפען, פערלאָזען פון אַלעמען. אין נאָוועמבער 1900 איז א. ווײלד געשטאָרבען אין אַ קליין צימערעל פון אַ פאַריזער האָטעל. א 8—7 פאַרשוין זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לויה. קיינער ווייס נישט דעם אָרט, וואו מען האָט איהם מקבר געווען.

III

אָסקאַר ווײלד אַלס מענש, ליטעראַט און פאָעט איז געווען אַ געגנער פון רעאַליזמוס. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אַלערלייראָמאַנטישע אידעען. די קונסט איז ביי איהם קיינמאָל נישט דער שפיגעל פון לעבען. דער קינסטלער בעשאַפט שעהנהייט. די קונסט שטרעבט נאָר דערצו צו פראָדוצירען שענקייט. דאָס קינסטלערישע ווערק פערפאָלגט נישט קיין מאָראַלישע צוועקען. יעדע קונסט איז לגמרי אוננוצליך. דער קינסטלער דאַרף נישט האָבען קיין מאָראַלישע סימפאַטיען, אַזוינע סימפאַטיען זענען פאַר איהם אַ גרויסער חסרון. דער קינסטלער קען בכלל נישט שאַדען מיט זיין ווערק. ער מעג און קען אַלצדינג בעשרייבען און אויסדריקען דורך די קונסט. די קונסט שפיגעלט נישט אָב דאָס לעבען נאָר דעם בעאָבאַכטער. דאָס לעבען אַרום איז נישט פולקום, נישט

דערענדיגט. אין האַנד פֿון קינסטלער איז דאָס אַ רויהעס מאַטע־ריאַל פֿון וואָס ער קען מאַכען וואָס זיין האַרץ געלוסט. די געוועהנליכע בעגעגנעגנהייטען, דער געוועהנליכער לעבענסגאַנג זענען נישט שעהן און נישט וויכטיג. און דער קינסטלער שאַפֿט זיך דעריבער אַן אייגען לעבען, אַ געקינצעלטען. דאָס געקינצעלטע איז פֿאַר ווײלדען אינטערעסאַנטער און וויכטיגער ווי דאָס נאַטירליכע. דער ראָמאַנטיזמוס געפֿעלט נישט דעם געוועהנ־ליכען מענשען דעריבער, ווייל ער געפֿינט נישט אין איהר זיין אייגענעם פנים. צו האָט דער קינסטלער מאָראַל, צו נישט,—איז אַ נעבענזאַך. די קונסט אָבער האָט נאָר איין מאָראַל: צו מאַכען פֿון אונפֿאָלקומענעם אַ פֿולקום קונסטווערק.

האָט ווײלד געוואָלט עפּעס שאַפֿען, — מיהט ער זיך צו פֿערגעסען דאָס וואָכענדיגע, געוועהנליכע און ער רופֿט אַרויס אין זיין מוח חלומות, זעהונגען, אַלערליי פֿאַנטאַזיעס. דאָס געוועהנ־ליכע, דאָס וואָכענדיגע איז נאָר אַ גראָבער פֿאָדעם אויף וועלכע ער ציעהט אויף די קאָרעלען און פּערלען פֿון דער פֿאַנטאַזיע. אָט אַזוי שאַפֿט ער זיינע פֿאַנטאַסטישע מעשה׳לעך: „דער גליקליכער פּרינץ״, „דער יונגער קעניג״, „דער געבורטסטאָג פֿון דער אינ־פֿאַנטין״, „דער פֿישער און זיין נשמה״ א.ז.וו. א.ז.וו. אין וועלכע עס מישען זיך אוים רעאַליסטישע שטריכען אינאייגעם מיט פֿאַנ־טאַסטישע. דאָס פֿאַנטאַסטישע פֿערנעהמט אָבער דעם אויבערשטען אָרט אין דעם געמעל.

הערט ער אויף צו זיין ראָמאַנטיש, פֿערלירט ווײלד זיין אָריגי־נאַליטעט. זיינע קאָמעדיען שטעהען ניט העכער פֿון די פֿון זיינע פֿראַנצויזישע רביים: אָזשיע, דיומאַ פֿים און אַנדערע. אויב זיי בעקומען יאָ אַ שטיקעל ווערט, איז נאָר צוליעב דעם ערטערווייז וויציגען דיאַלאָג פֿול פֿון פּאַראַדאָקסען, וועלכער איז אויך מעהר פֿאַנטאַזי ווי רעאַליסטישע ווירקליכקייט. אַלס תלמיד פֿון דיומאַ האָט ער אַ גלענצענדען ערפֿאָלג אין די לאָנדאָנער טעהאַטערס. אַלס אמת׳ר ווײלד וואָס שאַפֿט זיין וואונדערליך פֿאַנטאַסטישעס

שטיק „סאַלאָמע", בלייבען די טהעאַטערס אַ צייט לאַנג פאַר איהם פערשלאָסען.

זיין ווערק „סאַלאָמע" איז דאָס פולקומענסטע וואָס איז אַרויס פון זיין דראַמאַטישער פעדער. איטליכע פיגור אין איהר איז שטאַרק ראָמאַנטיש. דער יונגער סיריער, יוחנן, הורדוס, זיין ווייב הורודיה און צולעצט די הויפט־פיגור סאַלאָמע — זענען געשטאַלטען פון אַ ראָמאַנטישען מח. איטליכער פון זיי איז אַ געפעס פון אַ בעשטימטער ליידענשאַפט, אַ פערקערפערטער דבוק פון איין איינציגער תאוה וואָס פילט אויס דעם קערפער פון קאָפ ביז די פיס און צורייסט איהם צום סוף אין שטיקער. חוץ מעטער־לינק מיט וועלכע „סאַלאָמע" האָט געוויסע עהנליכקייטען איז „סאַלאָמע" אַ וואונדערליך אָריגינעל ווערק, וואָס שטעהט איינציג אין דער ליטעראַטור.

ווײלד׳ס פראָזאַאישע ווערק צייכענען זיך אויס מיט מעהר מעלות ווי זיינע קאָמעדיען. אָבער אויך זיי זיינען ערטערווייז באַנאַל און לויט דעם געביי זייערען נישט פולקומען. דער אָבער וואָס וויל זיך קלאָר מאַכען דעם מענשען אין א. ווײלד געפינט אין זיי אַ אויסגעצייכענטען וועגווייזער. דייטליכער ווי אומעטום טרעט דאָס אַרויס אין זיין ווערק „דאָס פאָרטרעט פון דאָריאַן גריי". אין יעדע פון די דריי צענטראַלע פיגורען געפינט מען אַ שטיק פון א. ווײלדען אַליין. לאָרד הענרי איז דער פילאָזאָף און אָבלאַ־בער פון לעבען מיט אַ מייסטערהאַפטע רעדענסקראַפט, דאָריאַן גריי איז פאַנאַטיש פערליעבט אין די רויז־רויטע פאַרבען פון דער מענשליכער יוגענד און אין אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך סימנים פון שענהייט. דער קינסטלער באַזיל איז אַ פיינער מבין אויף אַלץ וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו קונסט. זיין ליעבע צום יונגען גריי איז די שפעטערע ליעבע פון א. ווײלד צום יונגען מאַרקיז קווינסבערי.

זיינע קינסטלערישע אידעען און זיין אמונה אין די איינציגקייט פון דער קונסט האָט ער אויסגעדריקט אין זיינע **בעריהמטע** דיאַלאָגען אונטער׳ן טיטעל „אינטענשאָנס". **בעריהמט איז זיין**

שפּרוך „דער אמת׳ר רבי פֿון דער קונסט איז נישט דאָס לעבען, נאָר די קונסט אַליין". דאָרטען געפֿינט מען די זעצע: „די עהנ־ליכקייט מיט דער ווירקליכקייט איז אין דער קונסט אַ נעבענזאַך. די קונסט איז גיכער אַ מאַנטעל וואָס דעקט צו דאָס לעבען, איידער אַ שפּיגעל פֿון לעבען. זי האָט בלומען וואָס האָבען קיינ-מאָל קיין וואַלד נישט געזעהען, פֿויגעל וואָס האָבען קיינמאָל נישט געוואוינט אין צווייגען פֿון בוימער. זי בעשאַפֿט וועלטען און צו־שטערט זיי. זי בעזיצט פֿאָרמען, וואָס דאָס לעבען איז נישט מסוגל צו בעשאַפֿען. דער קינסטלער בעשאַפֿט אַ נאַטור וואָס איז העכער און שענער פֿון דער נאַטירליכער, און רופֿט ער אַרויס פֿון אַ תהום ווילדע בעשעפֿענישען—קומען זיי אין דער מינוט. ער קען מאַכען, אַז ווינטער זאָלען בליהען מאַנדעל-בוימער און, אַז זומער זאָל בעדעקען אַ שנעע בליהענדע פֿעלדער מיט זאַנגען". און לסוף זאָגט ער אַרויס דעם גייסטרייכען פּאַראַדאָקס: „גיכער מאַכט דאָס לעבען נאָך דער קונסט, איידער די קונסט דעם לעבען".

אין זיין אַרטיקעל „צייכענ-קונסט, גיפֿט און ליטעראַטור", וואו ער בעשרייבט איינעם אַ גרויסען קינסטלער און ליטעראַט, וואָס האָט געהאַט אויף זיין געוויסען דעם טויט פֿון עטליכע פֿרויען, וועלכע ער האָט פֿערגיפֿטעט, — דריקט זיך אויס קלאָרער ווי אומעטום ווײַלד׳ס פֿערהעלטניס צום אויסערען „איך" פֿון אַ קינסטלערס לעבען. די מאָראַל שפּיעלט דאָ די קלענסטע ראָלע. הויפּטזעכליך דאַרף מען ווירקען אויף די זייטיגע ווי אַנ׳אָבגעשמאַק-טעם קונסטווערק. ער דערצעהלט פֿון יענעם קינסטלער־פֿערברע-כער „אַז ער האָט אין גאַנצען אויסערען זיינעם בעזעסען די געפֿעהרליכע שענהייט פֿון אַ מענשען, וואָס איז נישט עהנליך צו אַנדערע מענשען".

IV

מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז א. ווײַלד האָט נישט פֿערשטאַנען די שענהייט וואָס ליעגט אין די ליידען פֿון אַ

העבערע נשמה. אַלץ וואָס איז פֿולקום איז פֿאַר איהם געווען אַ קוואַל פֿון שענהייט. אין זיינע פּראַכטיגע מעשה׳לעך זינגט ער די העכסטע לויב-ליעדער צו דער נשמה, וואָס איז געלייטערט דורך ליידען. נעהמט למשל זיין „יונגען קעניג“, זיין „פֿישער און זיין נשמה“ זיינע משלים (פּאַראַבעלען) א.ז.וו. א.ז.וו. ער האָט אויך געהאַט אַ טיעפֿען סאָציאַלען מיטגעפֿיהל מיט די ליידען פֿון די אָרעמע קלאַסען. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַ זעלטענער מאָטיוו אין זיינע ווערק און פֿאַנטאַזיען. כל זמן די זון פֿון יוגענד, רייכ־קייט און קונסט האָט בעשיינט זיין לעבען האָט ער נאָר געזונגען איין ליעד, דאָס ליעד פֿון דעם יוגענד און שענקייט. ער האָט אויסגעטיעדען די הויקערם פֿון גאַסען-לעבען, ער האָט זיך אַרום-געריננגעלט מיט די שענסטע קונסטווערק, די שענסטע טעפּיכען האָבען בעדעקט זיינע צימערן און די רייכסטע און זעלטענסטע קונסט-געגענשטענדע האָבען מהנה געווען זיין קינסטלעראויג.

ערשט דערנאָך, ווי דער מזל האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון איהם, און אָסקאַר ווײַלד „דער קעניג פֿון לאָנדאָנער געשמאַק אין דער מאָדע“ האָט געמוזט פֿערבייטען זיינע פּראַכטיגע קליידער מיט דעם גרויען אַרעסטאַנטען-חאַלאַט,—קריעגט ער אַנ׳אויג פֿאַר דאָס מענשליכע ליידען אין טיעפֿסטען זין פֿון דעם וואָרט. דאָס בוך „דע פּראָפֿונדים“, וואָס ליעגט דאָ איצט פֿאַר׳ן לעזער איז שוין דורכדרונגען פֿון אַ נייער מעלאָדיע. די טיעפֿסטע ליידען פֿון אַ מענשען וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס העכסטע און שענסטע, דאָס ניעדערינגסטע און מיאוס׳סטע זינגט דאָ איהר ביטערעס ליעד. אָבער אויך אין דעם בוך וועט איהר נישט הערען דעם טאָן פֿון „ממעקים קראתיך יה“. א. ווײַלד האָט נישט דעם גאָט פֿון תהילים. זיין גאָט איז ער אַליין, זיין אייגענע פּערזענליכקייט.

פֿון זיין נייעם שרעקליכען צושטאַנד וויל ער אויסקנעטען אַ נייעם מענשען, אַ פֿולקומענעם מענשען. דאָס ליידען, ווי אַמאָל די טויזענדער שענהייטס איינדריקע איז דער לעהם פֿון וועלכען ער וויל אויסקנעטען אַ נייען קונסטווערק. נאָך מעהר ער איז איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס ער איז געווען פֿריהער איז נאָר געווען

אַן עטאַפּ צום איצטיגען ווײַלד. „איצט פֿיהל איך", שרײַבט ער, „אין מײַן ווענען עפּעס אַזוינס וואָס זאָגט מיר, אַז קײן זאַך אויף דער וועלט איז נישט אָהן אַ טיעפֿערען זין, און ווענינער פֿאַר אַלץ — דאָס לײַדען... אַ טיעפּע עניוות שווימט אַרויף אין מײַן געמיט... דאָס איז דאָס לעצטע בײַ מיר, דאָס איז דאָס ציעל צו וועלכען איך בין ענדליך אָנגעלאַנגט, אין מיר אַלײן איז דאָס בעשאַפֿען געוואָרען, דאָס האָט נישט געקענט קומען נישט פֿריהער נישט שפּעטער". ער ווערט נישט קײן מאָראַליסט. „איך געהער צו די וואָס זײַנען בעשאַפֿען געוואָרען נישט צו בעשטע־טיגען די רעגעל נאָר צו זײַן אַן אויסנאַהמע פֿון דער רעגעל. די רעליגיאָן קען מיר ווײניג וואָס העלפֿען. מײַן אמונה איז נישט געבונדען צו אַן אונזיכטבאַרען גאָט. איך גלויב נאָר דערין, וואָס מען קען זעהען און אָנטאַפּען מיט די הענד". ער הערט נישט אויף צו זײַן דער העכטער קינסטלער וואָס זויגט אײַן דאָס לעבען מיט'ן אויג און אויער. די נײַע לאַגע זײַנע איז פֿאַר ווײַלדען אַ נײַע פּראָבע, ווי צו מאַכען פֿון זיך, פֿון זײַן פֿער'מיאוס'טען פֿערפֿלעקטען לעבען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ווערט זײַן דעם נאָמען מענש אין זײַן קינסטלערישען זין. דאָס גרויסע אונגליק וועט איהם נישט צו־ברעכען ווי אַנדערע פּשוט'ע בשר ודם'ס. ער אַלס אַ שטאַרקער, אַן אײַן אײַנציגער וועט מאַכען פֿון זײַנע לײַדען אַ נײַעם אינסטרו־מענט צו געניעסען דאָס טיעפֿסטע פֿון לעבען.

דאָס ווערק „דע פּראָפֿונדיס" ווײַזט אונז ווײַלדען נישט פֿון אַ נײַער זײַט, נאָר בײַן קנעטען פֿון אַ נײַעם מאַטעריאַל. דאָס וואָס איז געווען בײַ איהם פֿריהער די פֿריהלינגס פֿאַרבען פֿון יונגענד, — איז הײַנט דאָס גראָהע לײַדען, און דער קינסטלער ווײַלד וויל אויך דערפֿון מאַכען אַ גרויסען סימבאָל פֿון מענשליכער שענהייט. א. ווײַלדען אָבער האָט זיך דאָס נישט אײַנגעגעבען. אין זײַן „דע פּראָפֿונדיס" רעדט אַ שטאַרקער מענש וואָס קעמפֿט מיט'ן טויט. ער וויל מיט זײַן קול פֿערטויבען זײַן אײַזערנע פֿערצווייפֿלונג, ער וויל פֿון זײַן קאַמפּף מיט'ן טויט מאַכען אַ

נייעם אינסטרומענט, וואָס זאָל איהם פֿון דער פֿינסטערניש אַרויס-ציהען אויף די ליכטיגקייט. דאָס ליידען איז אָבער געוועזן שטאַרקער פֿאַר זיין קינסטלערישען רצון. עס איז נישט געוואָרען קיין לעהם אין קינסטלער'ס הענד. דאָס לעבען האָט ווילדען גיך צו-בראָכען.

רעדענדיג מיט זיינע אייגענע ווערטער קען מען זאָגען: „אין זיין האַרצען האָט שטענדיג געבליהט דער פֿריהלינג, זיין טעמ-פּעראַמענט איז געווען מיט דער פֿרעהליכקייט אַ ברודער פֿון איין טאַטע-מאַמען. ער האָט געפֿיהלט, דאָס זיין לעבען איז געווען אָנגעפֿילט ביז צום ראַנד מיט פֿרעהליכקייט, ווי אַ בעכער איז פֿול מיט וויין". און ווען די פֿרעהליכקייט איז אַוועק פֿון איהם, און דער בעכער איז געוואָרען לעדיג איז ווילד געוואָרען מיד און מאַט. אַ ווײַלע לאַנג האָט ער נאָך מלחמה געהאַלטען מיט דעםווירקליכען לעבען, צום סוף אָבער האָט דאָס ווירקליכע לעבען צוגעמאַכט די אויגען פֿון דעם, „וואָס איז געבאָרען געוואָרען נישט צו בעשטעטיגען די רעגעל, נאָר צו זיין אייביג אַן אויסנאַהמע פֿון דער רעגעל".

קאָוונאָ, מאַי 1909.

אסקאר ווײלד — פֿאררעדע.

פֿאַררעדע.

קעניגליכע תפיסה, רעדינג
1 אַפּריל, 1897.

מיין ליעבער ראָבבי!

איך שיק דיר אָבגעטיילט פֿון דעם דאָזיגען בריף אַ מאַנוּ־סקריפּט, וואָס וועט האָפֿענטליך זיכער אָנקומען. אַזוי גיך ווי דוּ האָסט דאָס געלייענט און זעלבסט פֿערשטענדליך אויך מאָר..., וועלכען איך נעהם תמיד אַריין אין כלל, ביטע לאָז פֿאַר מיר מאַכען אַ קאָפּיע.

צוליעב פֿערשיעדענע טעמים ווינש איך אַז דאָס זאָל געשעהען. איינער גענוגט דאָ. איך וואָלט וועלען פֿאַר דעם פֿאַל פֿון מיין טוידט דיך בעשטימען צוּ מיין ליטעראַרישען צואה־ערפֿילער. דוּ זאָלסט זיין דער גאַנצער בעל דעה איבער מיינע דראַמען, ביכער און אַרטיקלען. אַזוי גיך ווי דאָס געזעטץ וועט מיר ערלויבען צוּ מאַכען אַ צואה וועל איך דאָס טהאָן. מיין פֿרוי פֿערשטעהט גאָר נישט פֿון מיין קונסט און מען קאָן אויך פֿון איהר נישט ערוואַר־טען אַז זי זאָל זיך אויף וועלכען אופֿן עס איז אינטערעסירען דערפֿאַר. און סיריל *) איז נאָך אַ קינד. איך ווענד מיך דעריבער גאַנץ נאַטירליך צוּ דיר, אָט אַזוי ווי איך טהוּ דאָס פֿאַקטיש אין אַלצדינג, און איך וויל דיר גרייליך איבערגעבען אַלע מיינע ווערק.

---

*) אָסקאַר ווײלד׳ס זוהן.

דאָס דעפּיציט פֿון דער הכנסה מעג צוגעשריעבען ווערען מײַנע קינדער.

ביזט דו אַלזאָ מײַן ליטעראַרישער צװאה־ערפֿילער, דאַן מוזט דו בעזיצען דעם אײַנציגען דאָקומענט וואָס גיט ווירקליך בעשייד איבער מײַן אויסערגעוועהנליכער הנהגה. ווען דו האָסט געלײענט דעם בריף וועסט דו געפֿינען די פּסיכאָלאָגישע ערקלעהרונג פֿאַר מײַן בענעהמען, וועלכער זעהט אויס רײַן אויסערליך ווי אַ ביישטייערונג צו פֿולשטענדיגער אידיאָטישקייט, אײַנגעוויקעלט אין גאַנץ געוועהנליכער בעריהמעריי.

איין טאָג וועט און מוז אַרויסקומען דער אמת — דאָס דאַרף דאָך נישט דוקא זײַן ביי מײַן לעבענס־צייט. אָבער איך האָב נישט קיין חשק צו שטעהן דאָס גאַנצע לעבען אין דער לעכערליכער קונע אין וועלכער מען האָט מיר אַרײַן געשטעלט; מחמת אַ פּשוטען טעם: איך האָב פֿון מײַן פֿאָטער און מוטער גע׳ירש׳ענט אַ נאָמען מיט אַן אויסגעצייכענטען קלאַנג און קאָן נישט דולדען, אַז דיזער נאָמען זאָל זײַן געשענדעט פֿאַר דור דורות.

איך פֿערטיידיג נישט מײַנע מעשים. איך ערקלער זיי. אין מײַן בריף געפֿינען זיך עטליכע שטעלען, וועלכע ריידען פֿון מײַן גייסטיגער ענטוויקלונג אין דער תפיסה און פֿון דער נישט פֿערמיידליכער ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מײַן כאַראַק־טער און אין מײַן אינטעלעקטועלער שטעלונג צום לעבען; און איך וויל אַז דו און די אַנדערע וועלכע זײַנען מיר נאָך טריי און סימפּאַטיזירען מיט מיר, זאָלען וויסען גענוי אין וועלכע שטימונג און האַלטונג איך האָף אַרויסצוטרעטען אין דער וועלט.

געוויס, פֿון איין שטאַנד־פּונקט ווייס איך אַז אין דעם טאָג פֿון מײַן בעפֿרייאונג געה איך נור בלויז פֿון איין תפיסה אין דער אַנדערער, און עס זײַנען פֿאַרהאַן צייטען ווען די גאַנצע וועלט זעהט מיר אויס נישט צו זײַן גרעסער פֿון מײַן צעל און אויך אַזוי פֿול מיט גרויל. דאָך גלויב איך אַז פֿון אָנפֿאַנג האָט גאָט בעשאַפֿען אַ וועלט פֿיר יעטוועדען מענשען בעזונדער, און

אין דיעזער וועלט, וועלכע ליגט אין אונז, האָט מען געוואָלט זוכען צו לעבען. אויף יעדען אופן וועסט דו דיעזען טהייל פֿון מיין בריף לייענען מיט וועניגער פֿערדרוס ווי די אַנדערע. איך דאַרף דיך זיכער נישט דערמאָנען, וואָס פֿאַר אַ פֿליסיגע זאַך דאָס דיינקען איז ביי מיר — ביי אונז אַלעמען — און פֿון וואָס פֿאַר אַ רוחניות'דיגען שטאָף עס בעשטעהען אונזערע עמפּפֿינדונגען. אגב אורחה זעה איך אַ סאָרט מעגליכען ציעל צו וועלכען איך קאָן מיר דערנעהנטערן מיט דער הילף פֿון דער קונסט.

עס איז נישט אונוואַהרשיינליך אַז דו וועסט מיר דערביי אונטערשטיצען.

וואָס עס איז שייך צו דער קאָפּיע, מכח די אַרט ווי אַזוי צו איבערשרייבען, דיינק איך אַז דאָס מאַנוסקריפּט איז צו לאַנג, בכדי אַז אַ סעקרעטער זאָל דאָס קאָנען אונטערנעהמען, און דיין אייגענער כתב, ליעבער ראָבבי, אין דיין לעצטען בריף זאָל פֿאַר מיר זיין אַן התראה אַז איך דאַרף דיר נישט פֿערטרויען מיט דער דאָזיגער אויפֿגאַבע.

לויט מיין מיינונג קאָנען מיר נישט זיין אַנדערש ווי גאַנץ מאָדערנע און נעהמען צו הילף די שרייב מאַשין. עס פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט אַז דו דאַרפֿסט נישט אַרויסגעבען פֿון האַנד דעם כתב יד. אפשר קאָנסט דו פּועל'ן ביי מרס. מאַרשאַל אַז זי זאָל לאָזען קומען נאָך האָרנטאָן סטריט אָדער פֿעלימאָר גאַרדענס איינע פֿון איהרע יונגע דאַמען — אויף פּרויען קאָן מען זיך מעהר פֿערלאָזען ווייל זיי האָבען נישט קיין זכרון פֿיר דאָס וויכטיגע — כדי די קאָפּיע זאָל געמאַכט ווערען אונטער דיין השגחה?

די שרייב מאַשין ווען זי ווערט געשפּיעלט מיט געפֿיהל, איז כלעבען נישט אונאַנגענעהמער, ווי ווען אַ שוועסטער אָדער אַ נאָהענטע קרובה שפּיעלט קלאַוויר. יאָ, פֿיעלע וואָס חלומ'ען פֿון אַ גליקליכען פֿאַמיליען לעבען שטעלען זי זאָגאַר העכער.

די קאָפּיע זאָל נישט געמאַכט ווערען אויף זיידען־פּאַפּיר,

נאָר אויף גוטען פּאַפּיר, װעלכען מען בענוצט פֿאַר טהעאַטער שטיק, מיט אַ ברייטען, רויט אָבגעטיילטען ראַנד פֿאַר הוספות. װען די קאָפּיע װערט פֿאַרטיג און איז קאָריגירט נאָך דעם מאַנו־סקריפּט, זאָל דאָס אָריגינאַל װערען אָבגעשיקט צו — — —, און דאַן זאָל פֿון די מאַשינעסטין פֿערפֿאַרטיגט װערען נאָך אַ קאָפּיע, כדי דו זאָלסט האָבען אַן עקזעמפּלאַר, אַט אַזוי װי איך.

װײַטערע צװײ קאָפּיעס זאָלען געמאַכט װערען פֿון זײַטע 4 אין נײַנטען בױגען ביז צו די „לעצטע זײַט פֿון פֿיערצעהנטען בױגען": פֿון „און דער סוף פֿון דאָס אַלץ" ביז „אָבער נישט צװישען דער קונסט און מיר" (איך ציטיר פֿון דעם זכרון); דאָס גלײַכען פֿון זײַטע 3 אין אַכצעהנטען בױגען, פֿון „װען אַלץ געהט גוט, װעל איך װערען פֿרײַ" ביז צו „ביטערע קרײַטעכער..." אויף זײַטע 4. לײַט דאָס צוזאַמען מיט אַנדערע שטעלען, װעלכע דו קאָנסט אויסקלײַבען װי דיר געפֿעלט, כל זמן זײ זײַנען גוט און די כונה איז אײַדעל, װי למשל די ערשטע זײַט פֿון פֿינפֿצעהנטען בױגען, און שיק אײן עקזעמפּלאַר צו ליידי — — —, פֿון װעלכע איך האָב גערעדט נישט דערמאָנענדיג איהר נאָמען, דעם צװײטען צו — — —.

איך װײס אַז בײדע ליעבהאַרציגע דאַמען װעלען הערען מיט אינטערעסע, װי עס געהט מײַן נשמה — נישט אים טהעאָלאָגישען זין, נאָר אײנציג און אַלײן אים זין פֿון יענעם גײַסטיגען בעװאוסט־זײַן, װעלכער איז אָבגעטײלט פֿון דעם גוף'ס װירקליכע עסקים. דאָס איז אַ סאָרט שליחות אָדער בריף, װאָס זײ ערהאַלטען פֿון מיר — דאָס אײנציגע װאָס איך װאַג זײ צו שיקען. װען — — — װיל דאָס װײַזען איהר ברודער, װעמען איך האָב תמיד גערן געהאַט, דאַן מעג זי דאָס טהאָן; אָבער פֿאַר דער װעלט זאָל דאָס זעלבסט פֿערשטענדליך בלײַבען אַ שטרײַנגער סוד. דאָס דאַרף מען אויך געבען צו פֿערשטעהן ליידי — — —.

װערט דער כתב יד איבערגעשריבען אין האָרנטאָן סטריט, דאַן זאָל מען די שרײַב דאַמע אפשר שפּײַזען דורך אַ פֿאָרטקע אין טיהר, אַט אַזוי װי די קאַרדינאַלען, װען זײ געהען אויסקלײַבען

אַ פאַפּסט, ביז זי קאָן אַרויסטרעטען אויף דעם באַלקאָן און מודיע זיין דער וועלט: „האַבעט מונדום עפּיסטאָלאַם" *) אין דער אמת'ן איז עס דאָך אַן ענציקליקאַ **) און ווי די בוללען ***) פון פאַפּסט הייסען נאָך די איינלייטענדע ווערטער, מעג מען פון איהר ריידען ווי פון דער „עפּיסטאָלאַ אין קאַרצערע עט ווינקוליס." ****)

— — — דאַרף ניט ערפאַהרען אַז עס איז געמאַכט גע־וואָרען אַ קאָפּיע.

דאָס לעבען אין תפיסה לערנט אויס צו זעהן די מענשען און זאַכען ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. דעריבער פער־וואַנדעלט דאָס איינעם אין שטיין. דאָס זיינען די מענשען אויסערהאַלב דער תפיסה, וועלכע לאָזען זיך אַריינגאַרען דורך די פּערבלענדענישען פון אַ לעבען וואָס איז תמיד אין בעוועגונג. זיי דרעהען זיך אַרום און אַדום מיט דעם לעבען און גיעבען צושטייער צו זיין אונווירקליכקייט. מיר וועלכע זיינען נישט בעוועגליך, מיר זיינען אי זעהענדיג און אי וויסענדיג.

אויב דער בריף וועט אויף ענגהערציגע נאַטורען און אויסגעטריקענטע מוחות מאַכען אַ גוטען איינדרוק אָדער נישט, מיר האָט ער גוטעס געטהאָן. איך האָב „אויסגערייניגט מיין ברוסט פון פיעל געפעהרליכע שטאָפען." (אום צו מאַכען אַן הלואה ביי דעם דיכטער, וועלכען מיר ביידע — דו און איך — האָבען אַמאָל געוואָלט אַוועקנעהמען פון די פילימטער *****).

איך דאַרף דיר נישט דערמאָנען אַז דאָס אויסדריקען זיך איז פאַר דעם קינסטלער די העכסטע און איינציגע פאָרמע פון

---

*) די וועלט האָט אַ שליחות.

**) אַ פאַפּסטליכער צירקולאַר.

***) דאָקומענטען.

****) געשריעבען אין תפיסה און אין קייטען.

*****) בעשרענקטע, פעבעלהאַפטע, ענגהערציגע מענשען.

לעבען. מיר לעבען נור דורך דעם וואָס מיר קאָנען אונז אויס-ריידען. פֿון די פֿיעלע, פֿיעלע זאַכען פֿאַר וועלכע איך האָב צו דאַנקען דעם דירעקטאָר, איז נישטאָ קיינע פֿאַר וועלכע איך זאָל איהם זיין מעהר דאַנקבאַר ווי פֿאַר זיין ערלויבניש צו דיר צו שרייבען אויספֿיהרליך און אַזוי פֿיעל באריכות ווי פֿיעל איך ווינש.

נאָהענט פֿון צוויי יאָהר האָב איך אין זיך געטראָגען די אימער שווערער געוואָרענע לאַסט פֿון פֿערביטערונג, פֿון וועלכע איך האָב מיך איצט לויז געמאַכט. אויף דער אַנדער זייט מויער פֿון דער תפיסה שטעהען עטליכע אָרימע, שוואַרצע אין סאַזשע בעשמירטע בוימער, וועלכע ברעכען אויס גראַדע אַצונד אין שפּראָצונגען פֿון אַ כמעט שרייעדיגער גרינקייט. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס אין זיי קומט פֿאָר: זיי געפֿינען זייער אויסדרוק.

אימער דיין

אסקאר ווײלד.

אסקאר ווײלד

דע פראפונדים

איבערזעצט פון

ק. מרמר

דע פראַפּונדיס

צווישען זשיל דע רעטץ *) און דעם מאַרקיז דע סאַד **) זאָל איך אַריינגערעכענט ווערען. מעג דאָס פֿון דעסטוועגען אַזוי זיין! איך וויל מיך אויף דעם נישט בעקלאָגען. איינע פֿון די פֿיעלע לעהרען וועלכע מען פֿערדאַנקט די תפיסה איז די: אַז אַלע זאַכען

---

*) זשיל דע לאַוואַל, באַראָן פֿאָן רעטיז (געלעבט פֿון יאָהר 1366 ביז 1440), האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה געגען ענגלאַנד, ער האָט געקעמפֿט אונטער דער פֿאָהן פֿון די בעריהמטע יונגפֿרוי פֿון אָרלעאַנס און זיך ערוואָרבען דעם טיטעל „מאַרשאַל פֿון פֿראַנקרייך". זייענדיג אַ זקן פֿון 74 יאָהר, איז ער אָנגעקלאָגט געוואָרען אַלס פֿער-פֿיהרער פֿון הונדערטער קינדער, וועלכע ער האָט געאָפּפֿערט זיין נישט נאַטירליכער תאוה, און דאָס געריכט האָט איהם פֿערמשפּט צ פֿערברענען אויפ׳ן שייטערהויפֿען.

**) דאָנאַסיען אַלפֿאָנזע פֿראַנסיס, מאַרקיז דע סאַד (1740—1814), איז אים עלטער פֿון 32 יאָהר פֿערמשפּט געוואָרען צום טויט וועגען סדומ׳ישע זינד און גיפֿט-מישעריי. ער איז אַנטלאָפֿען נאָך דער שווייץ. שפּעטער איז ער צוריק געקומען נאָך פֿראַנקרייך און מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין תפיסה פֿאַר נייע עבירות. ער איז אויך געווען פֿערשפּאַרט אין דער (פֿעסטונג) „באַסטיל". אין דער צייט פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָן איז ער געווען פֿריי און האָט פֿערעפֿענטליכט זיין פֿיער בענדיגען ראָמאַן „זשוסטין, אָדער דער אומגליק פֿון דער טוגענד", און אַנדערע ערצעהלונגען. אונטער נאַפּאָלעאָן׳ס ממשלה איז דע סאַד ווידער אַרעסטירט געוואָרען, ביים ערשיינען פֿון זיינע געזאַמעלטע שריפֿטען.

זײנען אַט אַזוי, ווי זײ זײנען שוין אײנמאָל, און וועלען אַזוי בלײבען פֿאַר דור־דורות. איך האָב אויך נישט דעם קלענסטען ספק אַז דער מיטעל־אַלטערליכער בעל עברה'ניק און דער פּערפֿאַסער פֿון „זשוסטין" זײנען בעסערע קאַמעראַדען ווי זאַנדפֿאָרד*) און מערטאָן, **) די העלדען פֿון אונזערע קינדער ביכער.

פֿאַר צוויי יאָהרען אין דער ערשטער העלפֿט פֿון נאָוועמבער האָט זיך דאָס אַלץ אָבגעשפּיעלט. דער ברייטער שטראָם פֿון לעבען טיילט אונז אַצונד אָב פֿון דיעזער צייט, וועלכע ליעגט שוין אין אַזאַ וויײטע וויײטעניש. ווער עס שפּאַצירט אַרום פֿריי קאָן אַזאַ פּעריאָדע קוים בעמערקען — אפשר גאָר ניט. מיר אָבער זעהט דאָס אויס ווי עס וואָלט מיר פּאַסירט, איך וויל נישט זאָגען: נעכ־טען, נײַן, הײַנט.

ליידען איז אַן אונענדליך לאַנגער כהרף עין. מיר קאָנען דאָס נישט טהיילען אין תקופות. מיר קאָנען נור פּראָטאָקאָלירען זײנע שטימונגען און פֿערצייכענען זײנע ווידערקעהרונגען. פֿאַר אונז בעוועגט זיך נישט פֿאַרוועדטס אפילו די צייט גופא. זי דרעהט זיך אַרום און אַרום. עס זעהט אויס אַז זי קײקעלט זיך אַרום אַ מיטעל־פּונקט: דעם צער. די פּאַראַליזירטע נישט בעוועגליכקייט פֿון אַ לעבען, וועמעס אומשטענדען עס ווערען בעשטימט דורך אַ מוסטער וואָס בייט זיך נישט, אַזוי אַז מיר עסען און טרינקען און לעגען אונז אַניעדער און טהוען תפלה — אָדער מיר פֿאַלען כורעים ווענינסטענס צו דער תפלה — לויט די נישט פֿערענדער־ליכע געזעצען פֿון אַן אייזערנעם נוסח: די דאָזיגע נישט בעוועגליכקייט

---

*) זאַנדפֿאָרד, אירלענדישער ערצבישאָף און שטאַאטסמאַן אין 13-טען יאָהרהונדערט.

**) וואָלטער דע מערטאָן, בישאָף פֿון ראָטשעסטער און גרינדער פֿון דער ערשטער העבערער שולע—מערטאָן קאָלעדזש—אין אָקספֿאָרד, אין דרייצעהנטען יאָהר הונדערט.

וועלכע מאַכט יעטוועדען נייעם שרעקליכען טאָג גלייך צו זיין ברודער, מיט אַלע זיינע קלענסטע איינצעלהייטען, שיינט זיך מיטצוטיילען צו יענע אויסענוועניגסטע כחות, וואָס דער עיקר תמצית פון זייער עקזיסטענץ איז די נישט אויפהערליכע בעוועגונג.

די צייט פון זייהען און אַראָבנעהמען, ווען די שניטער שניידען די פעלדער קאָרן אָדער די ווייגער קעלטערן די וויינטרויבען; ווען דאָס גראָז אים גאָרטען ווערט וויים בעדעקט מיט אַראָב געפאַלענע בליהונג אָדער פערשפרייט מיט צייטיגע פרוכט: פון דאָס אַלץ ווייסען מיר גאָרנישט און קאָנען גאָרנישט וויסען.

פאַר אונז עקזיסטירט נור איין איינציגע תקופה, די תקופה פון ליידען. די זון און די לבנה האָט מען משמעות צוגענומען פון אונז. אין דרויסען מעג דער טאָג לייכטען אין בלויע און גאָלדענע פאַרבען, אָבער דאָס ליכט וואָס קריכט אַריין דורך דאָס דיק בעצוויגענע שויב, פון דעם קליינעם פענסטערל מיט די אייזערנע גראַטעס, אונטער וועלכען אונזער איינער זיצט, איז גראָה און קאַרג. אין יעטוועדענס צעל, אָט אַזוי ווי ביי יעטוועדען איינעם פון אונז אין האַרצען, איז תמיד בין השמשות. אין דער סביבה פון דענקען נישט וועניגער ווי אין דער סביבה פון צייט, איז נישטאָ מעהר קיין בעוועגונג. די זאַך וואָס איהר פערזענליך האָט שוין לאַנג פערגעסען, אָדער קאָנט לייכט פערגעסען, בעשעפטיגט מיך איצט, און וועט מיך אויך בעשעפטיגען מאָרגען. בעדיינקט דאָס, און איהר וועט זיין אים שטאַנד צו פערשטעהן אַ ביסעל וואַרום איך שרייב, וואַרום איך שרייב אַזוי און נישט אַנדערש...

אַ וואָך שפעטער, מען פיהרט מיך אַריבער אַהער. עס פערגעהען נאָך דריי חדשים און עס שטאַרבט מיין מוטער. קיינער ווייס נישט ווי טיעף איך האָב זי געליעבט און פערעהרט.*) איהר טוידט איז געוועזען שרעקליך פאַר מיר; אָבער איך, אַ מאָל אַ העדר און מייסטער פון דער שפראַך, האָב נישט קיין ווערטער

*) זעה אויבען זייטע 10.

אין וועלכע אויסצודריקען מײַן צער און מײַן בזיון. קײנמאָל, אפילו ווען איך בין געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופּע פֿון מײַן קינסטלערטום, בין איך נישט געװען אים שטאַנד, צו קלײדען אין געהעריגע ווערטער אַזאַ פֿאַרנעהמען צער, צו געפּינען דעם פּאַסענדען ערהאַבענעם וואוילקלאַנג פֿאַר דעם פּורפּורנעם אָנבליק פֿון מײַן נישט אויסצורײדענדען וועה. זי און מײַן פֿאָטער האָבען מיר געלאָזט ירושה אַ נאָמען, וועלכען זײ האָבען פֿערשאַפֿט כבוד און גדולה נישט נור אין דער ליטעראַטור, קונסט, אַרחעאָלאָגיע און נאַטור וויסענשאַפֿט, נאָר אויך אין דער געשיכטע פֿון מײַן פֿאָטערלאַנד און אין זײַן נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.*) איך האָב איהם ערניעדריגט צו אַ ניעדעריגען שימפּף-וואָרט אונטער ניעדעריגע מענשען. איך האָב איהם אַרײנגעשלעפּט אין רעכטען זומפּף. איך האָב איהם אַוועק געגעבען צו מיאוס׳ע ברואים כדי זײ זאָלען איהם קאָנען פֿערמיאוסען, צו מײנע שונאים, בײ וועמען ער האָט בעקומען די זעלבע בעדײטונג וואָס משוגעת.

וואָס איך האָב בשעת מעשה געליטען און וואָס איך לײד נאָך אַצינד, איז נישט פֿאַר אַ פֿעדער צו בעשרײבען אָדער פֿאַר פּאַפּיר צו ענטהאַלטען. מײַן פֿרוי, וועלכע איז נאָך דאַמאָלס געװען גוט און ליעבענסווירדיג צו מיר, וועלענדיג מיר פֿערשפּאָרען צו הערען דיעזע נאַכריכט פֿון גלײכגילטיגע מענשען, פֿון פֿרעמדע ליפּען, האָט נישט קוקענדיג וואָס זי איז געװען קראַנק, גערײזט פֿון גענוא נאָך ענגלאַנד, כדי זעלבסט צו ברײנגען מיר די בשורה

*)דער פּרעזידענט פֿון דער אירלענדישער אַקאַדעמיע סער וויליאַם ראָבערט ווײַלד (1799—1869), אָסקאַר ווײַלד׳ס פֿאָטער, איז געװעזען אַ בעריהמטער אַרצט און אַ בעוואוסטער אַרחעאָלאָג. ער האָט פֿערעפֿענטליכט אַ גאַנצע סעריע וויסענשאַפֿטליכע ווערק און קינסטלערישע רײזע בעשרײבונגען.

די אירלענדישע פֿאָלקס דיכטערין „ספּעראַנצאַ“ לײדי ווײַלד, (1826—1896), אָסקאַר ווײַלד׳ס מוטער, האָט אויסער איהר באַנד ליעדער (אין יאָהר 1864) פֿערעפֿענטליכט אַ סך אַנדערע ווערק. די בעקאַנטעסטע זײַנען „די אירלענדישע לעגענדעס“ (1884) און „סאָציאַלע שטודיען“ (1893).

פֿון אַזאַ נישט ערזעצליכען ווי נישט ווידערקעהרליכען פֿערלוסט. טרויסט בריף זיינען מיר אָנגעקומען פֿון אַלע די יעניגע וועלכע האָבען נאָך סימפּאַטיזירט מיט מיר. זאָגאַר לייט וועלכע האָבען מיר פּערזענליך נישט געקענט, הערענדיג אַז עס האָט מיך געטראָפֿען אַ נייער אונגליק אים לעבען, האָבען זיי שריפֿטליך געבעטען, אַז מען זאָל מיר איבערגעבען דעם אויסדרוק פֿון זייער אַנטהייל נעהמען...

ווידער זיינען פֿערגאַנגען דריי חדשים. דער לוח פֿון מיין טעגליכער אויפֿפֿיהרונג און אַרבייט, וואָס הענגט פֿון דרויסען, אויף די טיהר פֿון מיין צעל — מיט מיין נאָמען און אורטהייל געשריעבען אויף דעם — זאָגט מיר אַז עס איז מאַי...

גליק, פֿערגניגען און ערפֿאָלג, קאָנען האָבען אַ מגושם'דיגען שאָלעכץ און אַ געמיינעם קערן, אָבער דאָס ליידען איז דאָס צאַרטעסטע פֿון אַלצדינג וואָס איז געשאַפֿען. עס איז נישטאָ קיין זאַך אין דער גאַנצער געדאַנקען וועלט צו וועלכע דער שמערץ זאָל נישט קאָנען אַריינדרינגען מיט זיין שרעקליכען און פֿערפֿיי־נערטען פּולס־שלאַג. דאָס דינע, אויסגעהאַמערטע בלעטעל פֿון פֿליטער גאָלד, וואָס וויזט אָן אויף אַזוינע כחות וועלכע די אויג קאָן נישט זעהן, איז אים פֿערגלייך דערמיט גראָב. דאָס ליידען איז אַ וואונד וואָס הייבט אָן צו בלוטען, ווען עס ריהרט דאָס אָן אַן אַנדער האַנד ווי די ליעבע, און זאָגאַר יעמאָלט מוז עס אויך בלוטען איבער אַ נייעס, ווען אפילו נישט פֿאַר שמערץ.

הייליג איז די ערד דאָרטען וואו עס איז דאָ יסורים. עס וועט קומען דער טאָג ווען די מענשען וועלען בעגרייפֿען וואָס דאָס מיינט. ביז יעמאָלט וויסען זיי גאָרנישט וואָס איז לעבען. ראָבבי און זיין גלייכען קאָנען דאָס פֿערשטעהן.

ווען איך בין געבראַכט געוואָרען פֿון מיין תפיסה צום באַנ־קראָטס געריכט, צווישען צוויי פּאָליציסטען, האָט מיר ראָבבי אָבגעוואַרט אין דעם לאַנגען טרויעריגען קאָרידאָר, כדי, צום

ערשטוינען פֿון גאַנצען געזעמעל, וועלכער איז געבליבען שטעהן שטיל ביי דעם אָנבליק פֿון אַזאַ ליעבע און ריהרענדע האַנדלונג, אַרונטער צו נעהמען ערנסט זיין הוט פֿאַר מיר, ווען איך בין איהם פֿערביי געגאַנגען מיט אייזערנע בראָנזלעטען אויף די הענד און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. פֿאַר קלענערע זאַכען ווי די דאָזיגע זיינען מענשען אַרויף געשטיגען צום הימעל. בעזעעלט פֿון דעם דאָזיגען גייסט, ערפֿילט מיט אַזאַ ליעבע, האָבען זיך די קדושים אַרונטער געלאָזען צו וואַשען די פֿיס פֿון דעם אָרימען, אָדער זיך איינגעבויגען צו קושען די באַקען פֿון דעם קרעציגען.

איך האָב איהם קיינמאָל נישט דערמאָנט אַן איינציג וואָרט וועגען דעם וואָס ער האָט געטהאָן. ביז אַצינד וויים איך נאָך אפילו נישט גענוי, אויב ער איז געוואָהר געוואָרען אַז איך האָב איבערהויפּט בעמערקט זיין האַנדלונג, דאָס איז נישט אַזוינס פֿאַר וואָס מען קאָן געבען אַ געוועהנליכען דאַנק מיט געוועהנליכע ווערטער. איך האָב דאָס פֿערבעהאַלטען אין דעם שאַץ־קאַמער פֿון מיין האַרצען. איך היט דאָס היער אַלס אַ געהיימען חוב, וועלכען, צו מיין פֿרייד, איך וועל וואַהרשיינליך קיינמאָל נית קאָנען צוריק צאָהלען. דאָרטען איז דאָס פֿערבאַלזאַמירט און דערהאַלטען פֿריש, דורך די מירע און קאַסיען בשמים פֿון פֿיעלע טרעהרען.

ווען די קלוגקייט איז פֿאַר מיר געווען נוצלאָז, די פֿילאָזאָפֿיע אונפֿרוכטבאַר, און די שפּריכווערטער און פֿראַזען פֿון די וואָס האָבען מיר געזוכט צו טרויסטען ווי שטויב און אַש אין מיין מויל, יעמאָלט האָט די ערּאינערונג פֿון דיזער קליינער, ליעבענסווירדיגער שטומער טהאַט פֿון דער ליעבע אויפֿגעזויגעלט פֿאַר מיר אַלע ברינימער פֿון רחמנות: געמאַכט בליהען דעם מדבר גלייך ווי אַ רויז, און מיך אַרויסגענומען פֿון דער ביטערנים פֿון'ם איינזאַמען גלות און געבראַכט אין האַרמאָני מיט דעם פֿערוואונדעטען, געבראָכענעם גרויסען וועלטען־האַרץ. ווען מענשען זאָלען זיין פֿעהיג צו פֿערשטעהן נישט נור ווי שען ראָבבי'ס האַנדלונג איז געווען, נאָר אויך וואַרום זי האָט פֿאַר מיר אַזאַ בעדייטונג, און ווען נאָך

אימער אַזוי פיעל בעדייטען, דאַן וועלען זיי אפשר איינזעהן ווי
און מיט וועלכען גייסט זיי דאַרפען זיך דערנעהנטערען צו מיר...

דער ערשטלינג, וואָס אַ יונגער מאַן לאָזט אַרויס אין דער
וועלט אין דער בליהונגס צייט פון לעבען, זאָל זיין ווי די בליהונג
פון אַ פריהלינגס בלום, ווי דער ווייסדאָרן אויף די לאָנקעס פון
אָקספאָרד, אָדער ווי די שליסעל־בלומען אויף די פעלדער פון
קאַמנער. דאָס ווערק זאָל נישט זיין בעלאָדען מיט אַ מורא'דיגער
אויפריהרישער טראַגעדיע, מיט שרעקליך אויפריהרישע בעליידיגונגען.
ווען איך וואָלט אַרויסלאָזען מיינעם אַ בוך אַז עס זאָל דיענען
מיין נאָמען אַלס אַן אויסרופער, אַזוי וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער
קינסטלערישער טעות. עס וואָלט דאָס גאַנצע ווערק געשטעלט אין
אַ פאַלשע סביבה און אין דער מאָדערנער קונסט ווערט געלייגט
אַ גרויס געוויכט אויף דער סביבה. דאָס מאָדערנע לעבען איז
צוזאַמענגעשטעלט פון פערוויקלונגען און ווירקליכקייטען. דאָס
זיינען זיינע אונטערשיידענדע סמנים. כדי איבערצוגעבען די ערשטע,
בעדאַרפען מיר די סביבה מיט איהרע צאַרטע שאַטירונגען, איהרע
אָנדייטונגען, איהרע מאָדנע אויסזיכטען; די אַנדערע פערלאַנגט
הינטערגרונד. דעריבער איז די פלאַסטיק *) שוין נישט מעהר
קיין דאַרשטעלענדע קונסט, דאָס איז די מוזיק, דאָס איז געווען,
איז און וועט זיין די ליטעראַטור וועלכע וועט תמיד בלייבען די
דאַרשטעלענדע קונסט פאַר עקסעללאַנס. **)

יעדעס פיערטעל יאָהר שיקט מיר ראָבבי אַן אויספיהרליכען
בעריכט איבער די ליטעראַרישע נייאיגקייטען. מען קאָן זיך נישט
פאָרשטעלען ענטציקענדערעס, ווי זיינע בריף, וועלכע זיינען
צוזאַמענגעשטעלט אַזוי וויציג, אַזוי געשיקט, און געשילדערט אַזוי

*) די קונסט צו פערפאַרטיגען פיגורען און בילדער פון האַרטע אָדער
ווייכע מאַטעריאַלען.

**) אים העכסטען גראַד.

מלא חן. דאָס זיינען ווירקליכע בריף: שמועסן אונטער פיער אויגען; זיי האָבען די מעלה פון די פראַנצויזישע פלוידערייען.

אין זיין דעליקאַטער אַרט מיר צו פערעהרען, ווענדעט ער זיך אַ ווילע צו מיין שאַרפזין און אַ ווילע צו מיין הומאָר, דאַן ווידער צו מיין איינגעבוירענע נייגונג פאַר שענהייט און קולטור, און דערמאָנט מיר אויף הונדערטערליי אופנים, אַז איך האָב אַ מאָל פיעלען געגאָלטען אַלס „אַרביטער עלעגאַנציאַרום" *) אַלס אויטאָריטעט אין קינסטלערישע סטיל פראַגען, יאָ פאַר איינינע זאָגאַר אַלס די העכסטע אויטאָריטעט. און אַזוי ווייזט ער ווי ער פערבינדעט דעם ליטעראַרישען טאַקט מיט דעם טאַקט פון דער ליעבע.

זיינע בריף זיינען געוועזען די קליינע פערמיטלער צווישען מיר און דער פרעכטיגער נישט ווירקליכער קונסט וועלט, אין וועלכע איך בין פריהער געוועזען קעניג און וואָלט עס אויך געבליבען, ווען איך וואָלט מיך נישט געלאָזט פערפיהרען אין דער מגושם'דיגער, נישט פאָלקאָמענער וועלט פון ליידענשאַפטען, אין וועלכע דער געשמאַק איז נישט איבערקלייבענד און די תאוה ווייס נישט פון קיין גרענעץ.

דאָך, נישט קוקענדיג אויף אַלע דאַנקבאַרקייט, וועט מען געוויס פערשטעהן אָדער זיך פאָרשטעלען וועניגסטענס אַז אַלס אַ ריין פסיחאָלאָגישע קוריאָזיטעט וואָלט מיך מעהר אינטערעסירט צו הערען עפעס גענויערעס פון — — — ווי זיך צו דערוויסען אַז אַלפרעד אָסטין**) פלאַנט צו פערעפענטליכען אַ נייעם באַנד ליעדער, אָדער אַז — — — שרייבט טהעאַטער קריטיקען פאַר די „דיילי קראָניקעל", אָדער אַז איינער וועלכער קאָן אפילו נישט זינגען קיין בעגייסטערטעס לויב ליעד, ער זאָל דערביי נישט

---

*) דין אין שאלות פון געשמאַק, מאָדע און עלעגאַנץ.

**) דער צופיעל פרוכטבאַרער דיכטער אַלפרעד אָסטין (געבאָרען אים יאָהר 1835), איז זייט דעם יאָהר 1896 דער „פאָעט לאָריאייט" — געקרוינטער דיכטער — פון ענגלאַנד.

שמאַמלען, האָט אויסגערופען מרס. מיינעל*) אַלם די נייע נביאה פון דעם סטיל...

אַנדערע אומגליקליכע ברואים, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלען אין דער תפיסה און געוואָרען בערויבט פון די שענקייט פון דער דאָזיגער וועלט, האָבען וועניגסטענס ביז צו אַ געוויסען גראַד, נישט מעהר מורא צו האָבען פאַר בייזוויליגע נעצען, די ביטערע פיילען פון דער דאָזיגער וועלט. זיי קאָנען זיך פערבעהאַלטען אין דער דונקעלהייט פון זייער צעל און דערצו נאָך מאַכען פון זייער הרפה אַ סאָרט הייליגטום, צו וועלכען מען טאָר זיך נישט צוריהרען. די וועלט האָט גענומען נקמה, איצט געהט זי וויטער איהר וועג; מען לאָזט זיי ליידען נישט געשטערט.

נישט אַזוי ביי מיר. איין צרה נאָך דער אַנדערער האָט געקלאַפּט אין טיהר פון דער תפיסה, מיר זוכענדיג. מען האָט פאַר זיי ברייט פערנאַנדער געעפענט די טויערן און זיי אַריינגעלאָזען. מיינע גוטע פריינד איז קוים אָדער גאָר ניט ערלויבט געוואָרען מיך צו בעזוכען, אָבער מיינע שונאים האָבען אין יעטוועדער צייט און אין פולסטער מאָס געהאַט צוטריט צו מיר. די ביידע מאָל, ווען איך האָב געמוזט ערשיינען פאַר דעם באַנקראָטס געריכט, און דאַן נאָך צוויי מאָל, ווען איך בין טראַנספּאָרטירט געוואָרען אָפענטליך פון איין תפיסה צו דער אַנדערער, בין איך אונטער אונגעהייער ערניעדעריגענדע אומשטענדען איבערגעגעבען געוואָרען די בליקען און די חוכא וטלולא'ס פון'ם המון.

דער שליח פון'ם טוידט האָט מיר געבראַכט זיין נאַכריכט און איז ווידער אַוועק געגאַנגען פון דאַנען; גאַנץ פעראייניזאַמט, אויסגעשלאָסען פון אַלצדינג וואָס האָט מיר געקאָנט טרויסטען אָדער פערלייכטערן מיין שמערץ, האָב איך געמוזט דערטראָגען

---

*) מאַדאַם עליס מיינעל האָט פערעפענטליכט אים יאָהר 1875 אַ באַנד ליעדער מיט'ן נאָמען „הקדמות", און מאַנכע פון זיי האָבען ערהאַלטען גוטע שבחים פון דער קריטיק.

אַל די אונערטרעגליכע פּיין פֿון עלענד און געוויסענסביסע, וועלכע עס האָט אין מיר אַרויסגערופֿען און עס רופֿט נאָך אימער אַרויס דאָס אָנדיינקען פֿון מיין מוטער.

קוים האָט די צייט די דאָזיגע וואונד פֿערטריקענט (געהיילט איז זי נאָך נישט), האָט מיר מיין פֿרוי געלאָזט שרייבען דורך איהר אַדוואָקאַט גרויזאַמע, ביטערע, אָבשטויסענדע בריף. די אָרימקייט האָט מיר געשראָקען און צו גלייכער צייט האָט מען זי מיר אויך געמאַכט צום פֿאָרוואורף. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידען. איך קאָן מיך נאָך געוועהנען צו עפּעס שלימערעס אָבער מיינע ביידע קינדער האָט מען ביי מיר צוגענומען אויפ'ן געזעצליכען וועג. דאָס האָט מיר פֿערשאַפֿט אונענדליכע יסורים, נאָמענלאָזען צער, גרענצלאָזען פֿערדרוס, וועלכע וועלען מיר קיינמאָל נישט פֿערלאָזען. אַז דאָס געזעץ קאָן בעשטימען, וואַגען אַזאַ בעשטימונג, אַז מיר איז נישט ערלויבט צו זיין ביי מיינע אייגענע קינדער: דער דאָזיגער געדאַנק וואַרפֿט אויף מיר אַן אימה. אים פֿערגלייך דערמיט איז דער בזיון צו זיצען אין תפיסה, אַ גאָר נישט.

ווי בין איך מקנא די אַנדערע מענער, וועלכע געהען מיט מיר אום הין און צוריק אין דעם הויף פֿון דער תפיסה! זייערע קינדער — דאָס בין איך זיכער — וואַרטען אויף זיי, האַרען אויף זייער צוריק קומען, זיי וועלען זיי בעשיטען מיט צערטליכ־קייטען.

די אָרימע זיינען קלוג, זיי זיינען באַרמהערציגער, פֿריינדליכער, צאַרט פֿיהלענדער ווי מיר. אין זייערע אויגען איז די תפיסה אַ טראַגעדיע אין אַ מענשענס לעבען, אַן אונגליק, אַ צופֿאַל, עטוואָס אַזוינס וואָס רופֿט אַרויס טהיילנאַהמע ביי די מיטמענשען. זיי ריידען פֿון דעם וואָס זיצט אין תפיסה ווי פֿון איינעם וועלכען עס האָט פשוט „געטראָפֿען אַן אונגליק". דאָס זיינען די ווערטער וועלכע זיי בענוצען תמיד, און דער דאָזיגער אויסדרוק ענטהאַלט אין זיך די פֿאָלקאָמסטע חכמה פֿון ליעבע.

ביי לייטען פֿון אונזער שטאַנד איז דאָס אַנדערש. ביי אונז

ערניעדעריגט די תפיסה דעם מענשען צו אַ פּאַריאַ. *) איך, און אַזעלכע ווי איך, האָבען נאָך קוים אַ רעכט אויף די לופֿט און די זון. שוין אונזער געגענוואַרט אַליין, בעפֿלעקט די תענוגים פֿון אַנדערע. ווען מיר בעווייזען זיך ווידער, זיינען מיר אומגעבעטענע געסט. אונז איז נישט ערלויבט נאָכאַמאָל צו ערשיינען אין דעם שימער פֿון דער לבנה. אונזערע ליעבע קינדער ווערען פֿון אונז צוגענומען. די דאָזיגע ליעבענסווירדיגע בענדער, וועלכע פֿערקניפּען אונז מיט דער מענשהייט, זיינען צוריסען. מיר זיינען פֿערמשפּט צו איינזאַמקייט, הגם עס לעבען דאָך אונזערע זיהן. אונז פֿערוועהרט מען דאָס איינציגע וואָס האָט אונז געקאָנט ערהאַלטען און היילען, וואָס האָט געקאָנט טריפֿען באַלזאַם אין דאָס צושלאָגענע האַרץ, און ברייגען פֿריעדען צו דער געפּייניגטער נשמה...

איך מוז זאָגען צו זיך גופא: נישט — — — אויך נישט — — —, און ווען מען זאָל זיי כפל'ען מיט טויזענד, וואָלטען נישט געקאָנט צו גרונד ל'גען אַזאַ מענשען ווי איך. איך אַליין האָב מיך חרוב געמאַכט. קיינער, הויך אָדער ניעדעריג, קען נישט ווערען פֿערניכטעט סיידען דורך זיין אייגענע האַנד. צו דער דאָזיגער ודוי בין איך גערן געגרייט. איך פֿערזוך דאָס צו טהאָן, ווען אפילו מען זאָל דאָס מיר אויך לעת עתה נאָך נישט צוטרויען. די דאָזיגע נישט באַרמהערציגע אָנקלאַגע ברייננ איך אָהן רחמנות אַנטגעגען זיך גופא. ווי שרעקליך עס איז וואָס די וועלט האָט מיר געטהאָן, פֿון דעסטוועגען וואָס איך אַליין האָב זיך גופא געטהאָן איז געוועזן נאָך שרעקליכער.

איך בין געוועזען אַ מאַן וועלכער איז געשטאַנען אין סימבאָלישע בעציהונגען צו די קונסט און די קולטור פֿון מיין דור. איך גופא האָב דאָס אַנערקענט ווען איך בין נאָך געשטאַנען אויף די ערשטע שטופֿען פֿון מיין ענטוויקלונג אַלס מאַן, און שפּעטער האָב איך אויך געצוואונגען מיינע צייטגענאָסען אַז זיי זאָלען דאָס

*) אַן אויסגעשלאָסענע, פֿעראַכטעטע פֿאָלקס-קלאַס אין אינדיען.

אָנערקענען. נור וועניג מענשען נעהמען איין אַזאַ שטעלונג ביי זייער לעבענס־צייט, און בעקומען דאָס אַזוי בעשטעטיגט. געוועהנליך ווערט דאָס בעשטימט, אויב דאָס ווערט איבערהויפּט בעשטימט, פֿון דעם היסטאָריקער, אָדער קריטיקער, נאָכדעם ווען ביידע, אידער מאַן און זיין דור, זיינען שוין לאַנג אַוועק פֿון דער וועלט. איך האָב דאָס אַליין געפֿיהלט און געגעבען דאָס אַנדערע צו פֿיהלען.

אויך באַיראָן*) איז געוועזען אַ סימבאָלישע פֿיגור, אָבער זיינע בעציהונגען זיינען געווען צו דער ליידענשאַפֿט פֿון זיין דור און זייער מיעדיגקייט פֿון ליידענשאַפֿט. מיינע בעציהונגען זיינען געווען צו עטוואָס איידעלערעס, בלייבענדערעס, פֿון וויכטיגערע לעבענס פֿראַגען, פֿון ווייטערע ציעלען.

די געטער האָבען מיר כמעט אַלץ געגעבען. איך בין בעזעסען זשעני, אַ בעריהמטען נאָמען, אַ הויכע סאָציאַלע שטעלונג, כבוד, גלאַנץ, און אינטעלעקטועלען קוראַזש; איך האָב געמאַכט די קונסט צו אַ פֿילאָזאָפֿיע, די פֿילאָזאָפֿיע צו אַ קונסט; איך האָב די מענשען געלעהרנט אַנדערש דיינקען און געגעבען די זאַכען אַנדערע פֿאַרבען; אַלצדינג וואָס איך האָב געזאָגט און געטהאָן האָט געבראַכט די מענשען צום ערשטוינען; איך האָב גענומען די דראַמאַ — די אָביעקטיווסטע פֿאָרם וועלכע די קונסט קאָן — און געמאַכט דערפֿון אַ פּערזענליכען מין, אַזוי ווי עס איז דאָס לירישע געדיכט, דאָס סאָנעט; צוגלייך האָב איך ערווייטערט זיין

*) ענגלאַנדס גרויסער דיכטע לאָרד באַיראָן (1788—1824) — בעקאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור דורך זיינע „העברעאישע מעלאָדיען" — האָט דורכגעמאַכט אַן עטוואָס עהנליכעס לעבען צו אָסקאַר ווײַלד, נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז געוועזען דער בעריהמטעסטער און בעליעבטעסטער דיכטער פֿון זיין צייט, האָט ער דאָך געמוזט פֿערלאָזען ענגלאַנד אויף אייביג, צוליעב אַ מיאוס'ן גט־סקאַנדאַל. און הגם ער איז געשטאָרבען אַ קדוש, אים קאַמפּף פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון גריעכענלאַנד, האָט איהם דאָך דאָס ענגלישע פֿאָלק לאַנג נישט מוחל געווען אויף זיין אונמאָראַליטעט.

בעצירק און האָב דאָס בערייכערט אין דער חאַראַקטעריסטיק; דראַמאַ, ראָמאַן, פּערז־געדיכט, געדיכט אין פּראָזאַ, דעם געשליפֿענעם דיאַלאָג *) פֿון דערווירקליכקייט אָדער דעם פֿאַנטאַסטישען—אַלץ וואָס איך האָב בעריהרט, האָב איך פֿערשענערט, האָב איך איינגעוויקעלט אין אַ נייעם מלבוש פֿון שענקייט; דעם אמת גופא האָב איך געגעבען דאָס אמת'ע אַזוי גוט ווי דאָס פֿאַלשע אַלס זיין רעכטמעסיגע ממשלה און האָב בעוויזען אַז דאָס פֿאַלשע און דאָס אמת'ע זיינען בלויז אינטעלעקטועלע פֿאָרמען פֿון דער עקזיסטענץ. די קונסט האָב איך בעהאַנדעלט אַלס די העכסטע ווירקליכקייט; דאָס לעבען נור ווי אַ צווייג פֿון דער דיכטונג. איך האָב ערוועקט די פֿאַנטאַזיע פֿון מיין יאָהר הונדערט, אַזוי אַז עס האָט זיך אַרום מיר געשאַפֿען פֿאַבלען און לעגענדעס. אַלע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען האָב איך צוזאַמענגעפֿאַסט אין איין פֿראַזע, די גאַנצע עקזיסטענץ אין איין עפּיגראַם.

אָבער, איך האָב מיך געלאָזט פֿערנאַרען אין דעם לאַנגדויערדיגען כשוף פֿון אַ זינלאָזער תאוה'דיגער בעקוועמליכקייט. איך האָב מיך אַמוזירט דערמיט, צו זיין אַ פֿראַנט, אַ „דענדי", אַ מאָדע־העלד. איך האָב מיך אַרומגערינגעלט מיט קליינע נאַטורען און ניעדעריגע ברואים. איך בין געוואָרען אַ פֿערשווענדער פֿון מיין אייגענער זשעני, און עס האָט מיר פֿערשאַפֿט א מאָדנע פֿרייד אויסצובריינגען אַן אייביגע יוגענד.

ווערענדיג מיעד פֿון אַרומצואוואַנדערן אין דער הויך, בין איך פֿרייוויליג אַרונטער געשטייגען צו דעם תהום, כדי דאָרט צו זוכען נייע רייצבאַרקייטען. וואָס דער פּאַראַדאָקס **) איז פֿאַר מיר געווען אין דער סביבה פֿון דיינקען, איז דאָס פּערווערזע ***) געוואָרען פֿאַר מיר אין דער סביבה פֿון ליידענשאַפֿטען. צום סוף איז די תאוה

*) געשפּרעך, שמועס.

**) אַ זאָנדערבאַרע, מאָדנע מיינונג, וועלכע איז אין פֿלוג דער היפך פֿון דעם אָנגענומענעם אמת, און איז דאָך ריכטיג.

***) פּערקעהרטקייט און פֿערדאָרבענקייט.

געוואָרען אַ קראַנקהייט, אָדער אַ משוגעת, אָדער ביידעס צוזאַמען. איך האָב מיך װעניג געקימערט פאַר דאָס לעבען פון אַנדערע. איך האָב מיך אָנגעטהאָן תענוגים וואו מיין האַרץ האָט נור געלוסט, און בין געגאַנגען ווייטער. איך האָב פערגעסען אַז יעדע קלענסטע טהאָט פון פשוטען טעגליכען לעבען בילדעט אָדער פערדאַרבט דעם חאַראַקטער, און דעריבער איז דאָס וואָס מען טהוט בחדרי חדרים, ווערט אין אַ געוויסען טאָג אויסגעשריען הויך איבער אַלע דעכער. איך האָב פערלאָרען די הערשאַפט איבער זיך אַליין. איך בין שוין מעהר נישט געווען דער קאַפּיטאַן פון מיין נשמה, און האָב דאָס נישט געוואוסט. איך האָב מיך געלאָזט איינשפאַנען אין דעם יאָך פון פערגניגען. איך האָב געענדיגט אין שוידערהאַפטע בזיונות. איצט בלייבט מיר נור איינס: פולשטענדיגע עניוות.

שוין באַלד צוויי יאָהר ווי איך ליעג אין תפיסה. פון עלער הויט איז מיר בעפאַלען אַ ווילדע פערצווייפלונג; אַן איבערגעבענ־הייט צום יאָמער אַז עס איז געווען אַ צער זאָגאַר אַ קוק צו טהאָן; אַ שרעקליכער און אָהנמעכטיגער צאָרן; פערביטערונג און פעראַכטונג; אַ פחד וואָס האָט געוויינט אויפ'ן קול; אַן עלענד וואָס קאָן נישט געפינען קיין שטימע; אַ שמערץ וואָס איז געווען שטום. איך בין דורכגעגאַנגען יעטוועדער מעגליכער מדרגה פון ליידען. בעסער ווי וואָירדסוואָירטה *) אַליין, ווייס איך וואָס וואָירדסוואָירטה מיינט ווען ער זאָגט:

„דאָס לייד איז אייביג, טריב און פינסטער
און האָט די טבע פון אונענדליכקייט"

אָבער אפילו אויך אין דער צייט ווען איך שטעל מיר צופריעדען מיט דער אידעע אַז מיינע יסורים וועלען זיין אונענדליך, אויך יעמאָלט קאָן איך זיי נישט דערטראָגען אַז זיי זאָלען נישט האָבען

*) וויליאַם וואָירדסוואָירטה (1770—1850), געקרוינטער דיכטער, Poet Laureate אין יאָהר 1841. זיינע פּאָעטישע ווערק צעהלען זיך אונטער די ענגלישע קלאַססיקער.

פאַר מיר קיין בעדייטונג. אַצינד געפין איך עטוואָס פערבאָרגען אין מיין נאַטור וואָס זאָגט מיר אַז קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט אָהן אַ טיעפערען זין, און וועניגער פאַר אַלץ דאָס ליידען. דאָס דאָזיגע עטוואָס וואָס ליעגט טיעף פערבאָרגען אין מיין נאַטור, ווי אַן אוצר אויף אַ פעלד, איז די עניוות.

דאָס איז דאָס לעצטע וואָס איז אין מיר געבליבען און דאָס בעסטע: דאָס איז דאָס ציעל צו וועלכען איך בין סוף כל סוף אָנגעקומען, דער אַרויסגאַנגס פונקט פאַר אַ פרישע ענטוויקלונג. דאָס איז אַרויס געקומען גאַנץ פון מיר אַליין, און דעריבער ווייס איך אַז דאָס איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט. דאָס האָט נישט געקאָנט קומען נישט פריהער, נישט שפעטער. איך וואָלט דאָס צוריק געוויזען, ווען איינער וואָלט מיט מיר דערפון גערעדט. איך וואָלט דאָס נישט אָנגענומען, ווען מען וואָלט דאָס צו מיר געבראַכט. ווייל איך האָב דאָס אַליין ענטדעקט, וויל איך דאָס היטען. איך מוז אַזוי טהאָן. דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס האָט אין זיך די יסודות פון לעבען, פון אַ נייעם לעבען, אַ „וויטאַ נאָוואַ" פאַר מיר. פון אַלצדינג איז דאָס, דאָס זאָנדערבאַרסטע. קיינער קאָן דאָס נישט ערווערבען סיידען זיך אָבזאָגענדיג פון אַלץ וואָס ער פערמאָגט. נור יעמאָלט ווען מען האָט אַלץ פערלאָרען, איז מען זיכער, אַז מען בעזיצט דאָס.

אַצינד ווען איך האָב מיך איבערצייגט אַז דאָס איז אין מיר, זעה איך זעהר קלאָר וואָס איך האָב צו טהאָן; גענויער גערעדט, וואָס איך מוז טהאָן. און ווען איך בענוץ אַזאַ'ן אויסדרוק ווי דעם דאָזיגען, בעדאַרף איך נישט פערזיכערן אַז איך מאַך נישט קיין אָנשפיעלונג אויף וועלכער עס איז אויסערליכער תורה אָדער מצוה. איך אַנערקען זיי נישט. איך בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי פיעל אינדיווידואַליסטיש ווי איך בין אַצינד. קיין זאַך שיינט מיר האָט נישט דעם קלענסטען ווערטה אַ חוץ דאָס וואָס קומט ביי איינעם אַרויס פון זיך אַליין. מיין נאַטור זוכט אַ פרישע פאָרמע פון זעלבסט-פערווירקליכונג. דאָס איז אַלץ מיט וואָס איך בין בעשעפ-טיגט. און די ערשטע זאַך וואָס איך האָב צו טהאָן, איז, זיך

בעפֿרייען פֿון יעטוועדער מעגליכער פֿערביטערונגס געפֿיהל אַנטגעגען דער וועלט.

איך בין פֿאָלקאָם מיטעל־לאָז, און היימאַטס־לאָז. דאָך זיינען פֿאַרהאַן אין דער וועלט ערגערע זאַכען ווי די דאָזיגע. איך בין גאַנץ אָפֿענהערציג ווען איך זאָג: איידער אַרויסצוגעהן פֿון דער דאזיגער תפיסה מיט פֿערביטערונג אים האַרצען אַנטגעגען דער וועלט, וועל איך צופֿריעדענער און גערנער בעטלען מיין ברויט פֿון טיהר צו טהיר. אויב איך וועל גאָר נישט בעקומען אין די הייזער פֿון די נגידים וועל איך עפּעס קריגען אין די הייזער פֿון די אביונים. די וועלכע האָבען פֿיעל זיינען אָפֿט האַבזיכטיג; די וועלכע האָבען ווייניג טיילען זיך מיט דאָס זעלבע. מיר וועט כלל נישט אויסמאַכען צו שלאָפֿען אין די קיהלע גראָז אים זומער, און ווען עס וועט קומען דער ווינטער וועל איך מיך בעשיצען אין די וואַרימע געדיכטע קופּעס היי, אָדער אונטער דעם וועטער־דאַך פֿון אַ שייער, — ווען איך וועל נור האָבען ליעבע אין מיין האַרצען. די אויסערליכקייטען פֿון לעבען זעהען מיר אַצינד אויס פֿאַר איבער־הויפּט גאָרנישט וויכטיג. דערפֿון קאָנסט דו זעהן צו וואָס פֿאַר אַ הויכע מדרגה פֿון אינדיווידואַליזם איך האָב שוין דערגרייכט — אָדער פֿיעל מעהר איך וועל ביסלעכווייז דערגרייכען, דען דער וועג איז נאָך לאַנג און „וואוהין איך געה דאָרטען זיינען דערנער".

געוויס, איך ווייס אַז בעטען נדבות אויף'ן פֿוהרוועג, איז נישט מיין גורל, און אַז אויב איך וועל ווען עס איז ליעגען אין די קיהלע גראָז ביי נאַכט, יעמאָלט וועט דאָס זיין כדי צו שרייבען סאָנעטען צו דער לבנה.

ווען איך וועל אַרויס פֿון תפיסה, וועט ראָבבי מיר ערוואַרטען אויף דעם אַנדער זייט פֿון דעם גרויסען מיט אייזען בעצויגענעם טויער, און ער איז דער סימבאָל, נישט בלויז פֿון זיין אייגענער ליעבע, נאָר אויך פֿון פֿיעלע אַנדערע אויסער איהם. איך גלויב איך וועל אויף יעדען אופֿן האָבען גענוג צום לעבען אַן ערך פֿון אַכט־צעהן חדשים. אַזוי אַז אויב איך וועל נישט קאָנען שרייבען קיין

שענע ביכער וועל איך ווענינגסטענס קאָנען לעזען שענע ביכער. און וואָס פֿאַר אַ פֿרייד קאָן זיין גרעסער? נאָכדעם האָף איך צו זיין אימשטאַנד צו בעשאַפֿען אויף דאָס נײַ מיין שאַפֿונגס קראַפֿט.

אָבער ווען די אומשטענדען זאָלען זיין אַנדערש: ווען איך זאָל מעהר נישט האָבען קיין פֿריינד אויף דער וועלט, ווען קיין איינציג הויז זאָל נישט שטעהן אָפֿען פֿאַר מיר מיט רחמנות; ווען איך זאָל מוזען אָננעהמען די טאָרבע און די טראַנטעס פֿון דער הויהלער אָרימקייט: אַזוי לאַנג ווי איך בין פֿריי פֿון נקמה פֿערלאַנגען, גרויזאַמקייט, און פֿעראַכטונג, בין איך אים שטאַנד צו בעגעגענען דעם לעבען מיט אַ סך מעהר רוהיגקייט און פֿערטרויען, ווי ווען מיין לייב זאָל זיין געקליידעט אין פורפור און פֿיינע ליינען, און מיין נשמה זאָל זיין קראַנק פֿאַר שנאה.

און איך וועל זיכער נישט האָבען קיין שוועריגקייטען. ווען דו פֿערלאַנגסט די ליעבע מיט אַן אמת, דאַן וועסט דו זי געפֿינען וואַרטענדיג אויף דיר.

איך דאַרף וואויל נישט זאָגען אַז מיין אויפֿגאַבע ענדיגט זיך היער נישט. דאָס צו טהאָן וואָלט געווען בערך זעהר לייכט. פֿיעל שווערערעס שטעהט מיר נאָך פֿאָר. איך האָב אַרויף צו קלעטערען נאָך ווייט שפּיציגערע בערג, דורך צו געהן אַ סך דונקעלערע טהאָלען. און דאָס אַלץ מוז געשעהן דורך מיר אַליין. נישט די רעליגיאָן, נישט די מאָראַל און אויך נישט דער שכל קאָנען מיר דערביי ווי עס איז מיטהעלפֿען.

די מאָראַל העלפֿט מיר נישט. איך בין אַ געבוירענער אַנטי-נאָמיסט. *) איך בין איינער פֿון די יעניגע וועלכע זיינען בעשאַפֿען

*) אַנטינאָמיסטען זיינען די יעניגע וועלכע אַנערקענען נישט די זיטליכע געזעצען פֿון דער תורה, און מיינען אַז מען קאָן זיין גוט און פֿרום אפילו ווען מען פֿיהרט זיך אויף קאַפּויער פֿון דער אַנערקענטער מאָראַל. די ענגלישע אַנטינאָמיסטען זיינען אויפֿגעטראָטען צווישען די קריסטליכע סעקטאַנטען אים 17טען יאָהר-הונדערט. זיי זיינען אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין סך און זייט די ענדע פֿון 18טען יאָהר-הונדערט זיינען זיי נישט פֿערבונדען מיט קיין קירכע.

געוואָרען פֿאַר די אויסנאַהמען, נישט פֿאַר די רעגלען. אָבער ווייל איך זעה איין אַז דאָס אונרעכט ליגט נישט אין דעם וואָס איינער טהוט, זעה איך אַז עס איז פֿאַרהאַן עטוואָס שלעכטעס אין וואָס איינער ווערט. דאָס איז כדאי געווען צו האָבען געלערנט.

די רעליגיאָן העלפֿט מיר נישט. די אמונה וואָס אַנדערע האָבען אין דעם וואָס מען קאָן נישט זעהן, די דאָזיגע אמונה האָב איך אין דאָס וואָס מען קאָן אָנטאַפּען, און אָנקוקען. מיינע געטער וואוינען אין טעמפּלען געבויט מיט מענשליכע הענד; און אין דער סביבה פֿון ווירקליכער ערפֿאַהרונג איז מיין אני מאמין געוואָרען פֿאָלקאָם און פֿולשטענדיג; מעגליך צו פֿיעל פֿולשטענדיג, דאָס קאָן זיין, דען אָקוראַט ווי פֿיעלע אָדער אַלע פֿון יענע וועלכע האָבען אויפֿגעשטעלט זייער הימעל אויף דער ערד, האָב איך אויף איהר געפֿונען נישט נור די שענקייט פֿון הימעל, נאָר אויך די גרוילען פֿון גיהנם.

ווען איך דיינק וועגען דער רעליגיאָן בכלל, פֿיהל איך אָט אַזוי ווי איך וואָלט וועלען גרינדען אַן אָרדען פֿאַר די וועלכע קאָנען נישט גלויבען: מען קאָן איהם אָנרופֿען, די ברידערשאַפֿט פֿון די אונגלויביגע, וואו אויף אַן אַלטאַר, אויף וועלכען עס ברענט נישט קיין ליכט, אַ פּריסטער אין וועמעס האַרצען דאָס פֿריעדען האָט נישט געפֿונען קיין מקום מנוחה, זאָל אָבריכטען גאָטעס דינסט מיט ברויט, אויף וועלכען מען האָט נישט געמאַכט קיין ברכה, און מיט אַ כוס אין וועלכען עס איז נישטאָ קיין וויין. כדי צו זיין אמת, מוז אַלצדינג ווערען צו אַ רעליגיאָן. און דער אַגנאָסטיציזם *) זאָל האָבען זיין סדור און זיינע מנהגים נישט

---

*) אַגנאָסטיציזם איז די לעהרע אַז דער „יסוד כל היסודות", דעם עצם פֿון אַלץ וואָס עקזיסטירט וועט תמיד בלייבען פֿערבעהאַלטען פֿון'ם מענשען. די ויכוחים וועגען גאָט, פֿאַר און געגען, וועלען בלייבען אייביג נישט ענטשיעדען. דיזע לעהרע איז בעגרינדעט געוואָרען דורך די ענגלישע געלעהרטע ספּענסער (1820—1904) און העקסליי (1825—1895); דער לעצטער האָט דאָס אַ נאָמען געגעבען „אַגנאָסטיציזם" (נישט וויסען)

וועניגער ווי די אמונה. ער האָט שוין געזייהט זיינע מאַרטירער, ער זאָל נאָך צייטיגען זיינע היילינגע, און טעגליך לויבען גאָט דערפאַר וואָס ער האָט זיך פערבאָרגען פון די מענשען.

דאָך סיי דאָס זאָל זיין אמונה אָדער אַגנאָסטיציזם, עס דאַרף נישט זיין אויסערליכעס פאַר מיר. זיינע סימבאָלען מוזען זיין פון מיין אייגענער בעשאַפונג. נור דאָס איז גייסטיג וואָס בילדעט אין דער אייגענער פאָרם. אויב איך קאָן נישט געפינען זיין סוד אין זיך גופא, יעמאָלט וועל איך איהם שוין קיינמאָל נישט געפינען: אויב איך בעזיץ איהם נאָך נישט אַצינד, דאַן וועט ער שוין קיינמאָל צו מיר נישט קומען.

דער שכל העלפט מיר נישט. ער זאָגט מיר אַז די געזעצען אונטער וועלכע איך בין געוואָרען אַ קרבן, זיינען פאַלש און אונגערעכט, און דער סיסטעם אונטער וועלכען איך האָב געליטען, איז אַ פאַלשער און אונגערעכטער סיסטעם. אָבער, וואָס איז מיר די נפקא מינה, סיי ווי האָב איך דאָך צו איבערמאַכען די דאָזיגעביידע זאַכען, אַז זיי זאָלען ווערען רעכט און גערעכט פאַר מיר. און אָקוראַט אַזוי ווי אין דער קונסט, גיט מען זיך נור אָב דערמיט, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָט פאַר איינעם אַ בעזונדערער געגענשטאַנד אין אַ בעזונדערען מאָמענט, אָט אַזוי איז אויך אין דער מאָראַלישער ענטוויקלונג פון דעם כאַראַקטער.

מיין אויפגאַבע איז אַצינד אומצואווענדען אַלצדינג וואָס האָט מיר פאַסירט אין גוטעס פאַר מיר. דאָס ברעטערנע געלעגער, די עקעלהאַפטע אכילה, די גראָבע שטריק, וועלכע מען צוצופט צו פלאַקס, ביז עס ווערען איינעם טעמפּ די שפּיץ פינגער פאַר שמערץ, די איינפאַכע שטוב־אַרבייט מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן און עס לאָזט זיך אויס יעטווידער איינציגער טאָג, די שטרענגע בעפעהלען וועלכע די געוועהנהייט מאַכט הפנים פאַר אַ נויטווענדיגקייט, די אומגעלומפּערטע קליידער וועלכע מאַכען דאָס ליידען לעכערליך

אַלס היפך צו די לעהרע פון „גנאָסטיציזם”, וועלכע מיינט אַז זי ווייס דעם גאַנצען אמת.

אויף איהם אַ קוק צו טהאָן, דאָס שווייגען, די איינזאַמקייט, די חרפּה — יעטווידער איינע פון די דאָזיגע זאַכען דאַרף איך אומענדערן אין גייסטיגער ערפאַהרונג. דערביי איז נישטאָ קיין איינציגע ערניעדערונג פון גוף וועלכע איך מוז מיך נישט אָנשטריינגען איבער־צו־מאַכען אין אַן ערהעבונג פון דער נשמה.

איך ווינש צו דערגרייכען צו דער מדרגה, ווען עס וועט מיר מעגליך זיין צו זאָגען גאַנץ איינפאַך און אָהן מליצות, אַז די צוויי גרויסע ווענדונגס פּונקטען אין מיין לעבען זיינען: ווען מיין פאָטער האָט מיר געשיקט אין אָקספאָרד, און ווען די געזעלשאַפט האָט מיר געשיקט אין תּפיסה. איך וויל נישט זאָגען אַז תּפיסה איז די בעסטע זאַך וואָס האָט מיר געקאָנט פּאַסירען; ווייל אַזאַ'ן אויס־דרוק וועט שמעקען מיט צו פיעל פערביטערונג אַנטגעגען זיך אַליין. איך וועל גיכער זאָגען, אָדער הערען זאָגען פון מיר, אַז איך בין געוועזען אַזאַ טיפּישער קינד פון מיין דור, אַז אין מיין פּער־ווערזיטעט, און צוליעב דער פּערווערזיטעט, האָב איך אומגעקעהרט די גוטע זאַכען פון מיין לעבען אין שלעכטע, און די שלעכטע זאַכען פון מיין לעבען אין גוטע.

פון דעסטוועגען, וואָס איך וועל זאָגען אָדער אַנדערע וועלען זאָגען, שפּיעלט אַ קנאַפּע ראָלע. די וויכטיגסטע זאַך, די זאַך וואָס ליעגט נאָך בעפאָר מיר, די זאַך וואָס איך האָב נאָך צו טהון, ווען דאָס קורצע איבערבלייבעכץ פון מיינע טעג וועט נישט ווערען פערדאָרבען, פערניכטעט, און אונפולשטענדיג, איז אויפצוזויגען אין מיין עצם אַלצדינג וואָס איז צו מיר געטהאָן געוואָרען, דאָס צו מאַכען פאַר אַ טהייל פון מיר, דאָס אָנצונעהמען אָהן בעקלאָגונג, פּחד, אָדער פּראָטעסט. דער העכסטער חטא איז האַלבהייט. אַלץ וואָס האָט זיך פערווירקליכט איז רעכט.

בעת איך בין צוערשט אַריינגעפאַלען אין תּפיסה, האָבען מיר מאַנכע פערזאָנען געגעבען די עצה, איך זאָל מיך פלייסען צו פערגעסען ווער איך בין געוועזען. דאָס איז געוועזען אַ שעדליכע עצה. נור דורך דעם וואָס עס איז מיר קלאָר געוואָרען ווער איך בין, האָב איך געפונען אַ וועלכען עס איז טרויסט. אַצינד גיבען

מיר אַנדערע די עצה, איך זאָל, ווען איך וועל אַרויסגעלאָזען ווערען פֿריי, זוכען צו פֿערגעסען, אַז איך בין איבערהויפּט אַמאָל געזעסען אין תפיסה. איך וויים, אַז אויך דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק. דאָס וואָלט געהייסען, אַז איך זאָל דאָס גאַנצע לעבען ווערען פֿערפֿאָלגט דורך אַן אונערטרעגליכען געפֿיהל פֿון שאַנדע, אַז אַלצדינג, וואָס בעדייט פֿאַר מיך אָקוראַט אַזוי פֿיעל ווי פֿאַר יעטוועדען אַנדערען — די שענקייט פֿון די זון און די לבנה, די פרעכטיגקייט פֿון די יאָהרעס-צייטען, די מוזיק פֿון פֿריה מאָרגען און דאָס שווייגען פֿון דער לאַנגער נאַכט, דער רעגען וואָס קאַפּעט פֿון די בלעטער, אָדער דער טוי וועלכער פּויזעט איבער דאָס גראָז און פֿערזילבערט עס — אַז דאָס אַלץ זאָל זיין פֿאַר מיר פֿער־פֿלעקט, און פֿערלאָרען פֿון זייער היילונגסקראַפֿט און פֿון זייער פֿעהיגקייט צו פֿערשאַפֿען פֿרייד.

בעדויערן די אייגענע ערפֿאַהרונגען הייסט אָבשטעלען די אייגענע ענטוויקלונג. פֿערלייקענען די אייגענע איבערלעבענישען הייסט אַריינלעגען אַ ליגען אין די ליפּען פֿון דעם אייגענעם לעבען. דאָס איז נישט ווייניגער ווי אַ פֿערלייקענונג פֿון דער אייגענער נשמה.

דען גענוי אָט אַזוי ווי דער גוף נעהמט אין זיך אויף אַל דאָס מעגליכע, געוועהנליכעס און אומריינעס נישט וועניגער ווי דאָס וואָס אַ פּריסטער אָדער אַן ערשיינונג האָבען גע׳כשר׳ט, און ער וואַנדעלט עס אום אין ענערגיע, אָדער קראַפֿט, אין דאָס שפּיעל פֿון שענע מוסקעלן און אין די פֿאָרמען פֿון ליבטעדיגען פֿלייש, אין די רונדונגען און פֿאַרבען פֿון דאָס האָר, די ליפּען און די אויגען; אָט אַזוי האָט אויך די נשמה פֿון איהר זייט איהרע ערנעהרונגס פֿונקציאָנען, און קאָן פֿערוואַנדלען אַזוינס וואָס איז אַן און פֿאַר זיך געמיין, גרויזאַם און ערניעדריגענד, אין איידעלע געדאַנקען־שטימונגען און אין ליידענשאַפֿטען פֿון העכסטער וויכ־טיגקייט; יאָ, זאָגאַר נאָך מעהר, זיי געפֿינען גראָד אין דעריין זייער ערהאַבענסטע פֿאָרמע פֿון אויסדרוק, און קאָנען זיך גופא

ענטפּלעקען אַם פֿאַלקאָמענסטען, דורך דעם וואָס האָט לכתחילה געהאַט די כונה צו פֿערשוועכען אָדער חרוב צו מאַכען.

דער פֿאַקט וואָס איך בין געוועזען אַ געמיינער אַרעסטאַנט אין אַ געמיינעם צוכטהויז, מוז איך אָננעהמען אַזוי ווי דאָס איז, און, ווי מאָדנע דאָס מעג אויסזעהן, איינע פֿון די לעהרען וועלכע איך האָב זיך גופא צו לערנען איז, מיך דערמיט נישט צו שעהמען. איך בין מחויב דאָס אָנצונעהמען אַלס אַ שטראָף, און ווען איינער שעהמט זיך מיט דעם וואָס ער איז געוועזען געשטראָפֿט, יעמאָלט איז דאָס אַזוי גוט ווי ער וואָלט איבערהויפּט קיינמאָל נישט בעקומען קיין שטראָף.

בלי ספק זיינען פֿאַרהאַן אַ סך מעשים פֿאַר וועלכע איך בין פֿער׳משפּט געוואָרען וואָס איך האָב נישט געטהאָן, אָבער עס זיינען אויך פֿאַרהאַן אַ סך מעשים פֿאַר וועלכע איך בין גע׳משפּט געוואָרען וואָס איך האָב יאָ געטהאָן, און נאָך אַ גרעסערע צאָהל עבירות בין איך בעגאַנגען אין מיין לעבען פֿאַר וועלכע מען האָט איבערהויפּט קיינמאָל ביי מיר נישט געפֿאָדערט קיין חשבון.

איך האָב שוין געזאָגט: די וועגען פֿון די געטער זיינען זאָנדערבאַר, זיי שטראָפֿען אונז פֿאַר דאָס וואָס איז גוט און מענשליך אין אונז אָט אַזוי ווי פֿאַר דאָס וואָס איז שלעכט און פּערווערז; איך מוז אַנערקענען דעם פֿאַקט, אַז מען ווערט בעשטראָפֿט פֿאַר דאָס גוטע אַזוי וואויל ווי פֿאַר דאָס שלעכטע וואָס מען טהוט. איך בין נישט מסופק אַז דאָס פּאַסירט דורך אויס מיט רעכט. עס העלפֿט איינעם, אָדער עס זאָל איינעם העלפֿען צו בעגרייפֿען ביידען, און זיך נישט צופֿיעל איינבילדען אויף קיינעם פֿון זיי.

און אויב איך וועל מיך דאַן נישט שעהמען מיט מיין שטראָף, ווי איך האָף אַז אַזוי זאָל דאָס זיין, יעמאָלט וועל איך זיין אים שטאַנד צו דיינקען, און שפּאַצירען, און לעבען מיט פֿרייהייט.

אַ סך מענשען, ביי זייער בעפֿרייאונג, טראָגען אַרום זייער תפיסה צוזאַמען מיט זיך אין דער פֿרישער לופֿט, און בעהאַלטען זי אין זייערע הערצער ווי אַ געהיימע שאַנדע, און צום סוף

פערקריכען זיי אין וועלכער עס איז לאַך, ווי אָרימע פערגיפטעטע ברואים, און שטאַרבען. עס איז אָבשייליך אַז עס בלייבט זיי נישט איבער קיין אַנדער ברירה, און עס איז אַן עולה, אַ שרעקליכע עולה פון דער געזעלשאַפט, אַז זי צווינגט זיי אַזוי צו טהאָן. די געזעלשאַפט נעהמט זיך דאָס רעכט אַרויפצולעגען שוידערהאַפטע שטראָפען אויף דעם יחיד, אָבער זי האָט אויך דעם העכסטען חטא פון דער האַלבהייט, און עס געלינגט איהר נישט דורכצופיהרען דאָס וואָס זי האָט געטהאָן. ווען איינער איז אָבגעקומען זיין שטראָף, דאַן לאָזט זי איהם איבער צו זיך אַליין; דאָס הייסט זי פערלאָזט איהם אין דעם סאַמע מאָמענט ווען עס הייבט זיך אָן איהר ערהאַבענסטע פליכט אַנטגעגען איהם. זי שעהמט זיך אין דער אמת'ן מיט איהרע אייגענע האַנדלונגען, און וויכט אוים די יעניגע וועלכע זי האָט בעשטראָפט, ווי לייט וויכען אוים אַ מלוה, וועמעס חובות זיי קאָנען נישט בעצאָהלען, אָדער איינעם, וועמען זיי האָבען אָנגעטהאָן אַ נישט ערזעצליכען, נישט ווידערקעהרליכען שאָדען.

איך פון מיין זייט קאָן פאָדערן, אַז אויב איך שטעל מיך פאַר וואָס איך האָב געליטען, זאָל זיך די געזעלשאַפט פאָרשטעלען, וואָס זי האָט מיר אָנגעטהאָן; און דעריבער זאָל איןביידע צדדים נישט זיין קיין פערביטערנים, נישט הערשען קיין שנאה.

זעלבסט פערשטענדליך ווייס איך אז פון איין שטאַנדפונקט וועלען די אומשטענדען שטעהן ביי מיר אַ סך פערשיעדען ווי ביי אַנדערע; מוזען אין דער אמת'ן אַזוי שטעהן דורך דער סאַמע נאַטור פון דעם דאָזיגען פאַל; די אָרימע גנבים און אויסוואורפען וועלכע זיצען היער איינגעשפאַרט מיט מיר צוזאַמען, זיינען אין פיעלע הינזיכטען אַסך גליקליכער ווי איך בין. די קליינע שטרעקע אין דער גראָהער שטעדטיל אָדער גרינעם פעלד וואָס האָט געזעהן זייער חטא איז אונבעדייטענד; בכדי צו געפינען אַזעלכע וועלכע וויסען גאָרנישט פון דעם וואָס זיי האָבען געטהאָן, דאַרפען זיי נישט געהן ווייטער וויפיעל אַ פויגעל קאָן פליהען צווישען בין השמשות און אַ שפראָץ אויף טאָג. אָבער פאַר מיר איז די

וועלט צוזאַמענגעשרומפּען צו די גרויס פֿון אַ טפה, און אומעטום וואו איך קעהר מיך, איז געשריעבען מיין נאָמען מיט בלייענע אותיות אויף די פֿעלזען. דען איך בין אַריינגעטראָטען, נישט פֿון דער דונקעלהייט אין דער מאָמענטאַנער בעריהמטהייט פֿון פֿער־ברעכען, נאָר פֿון אייביגען רוהם צו אייביגער עהרענלאָזיגקייט, און מאַנכמאָל זעהט דאָס מיר אויס צו האָבען בעוויזען, אויב דאָס דאַרף איבערהויפּט האָבען אַ בעוויז, אַז צווישען דעם בעריהמטען און פֿעראַכטעטען איז נור איין טריט, אויב נישט נאָך ווייניגער.

דאָך, דוקא אין דעם אומשטאַנד, אַז לייט וועלען מיר דער־קענען, וואוהין איך וועל נור געהן, און אַלצדינג וויסען איבער מיין לעבען, אַזוי וויט ווי עס קומען אין בעטראַכט זיינע נאַרישקייטען, קאָן איך נאָך ענטדעקען עטוואָס גוטעס פֿאַר מיך. דאָס וועט אַרויס־רופֿען ביי מיר די נויטווענדיגקייט, צו פֿערנעהמען ווידער מיין פּלאַץ אַלס קינסטלער, און אַזוי גיך ווי מעגליך איך וועל נור קאָנען. ווען איך קאָן אַרויסברייגען נור איין שענעס קונסט ווערק, וועל איך זיין אים שטאַנד, צו רויבען פֿון דער פֿערליימדונג איהר גיפֿט, און פֿון די פֿייגהייט איהר שפּאָט, און אויסצורייסען די שענדערישע צונג פֿון איהר וואָרצעל.

און ווען דאָס לעבען זאָל זיין אָט אַזוי ווי עס איז פּאַקטיש, אַ פּראָבלעם פֿאַר מיך, בין איך נישט ווייניגער ווי אַ פּראָבלעם פֿאַר דאָס לעבען. לייט מוזען אָננעהמען אַ וועלכע עס איז שטע־לונג צו מיר, און זיך פֿאַסען אַ מיינונג איבער ביידען, איבער זיך גופא און איבער מיר.

איך דאַרף וואויל נישט זאָגען אַז איך רייד היער נישט איבער בעשטימטע יחידים. די איינציגע מענשען וועלכע איך וואָלט גע־וואונשען צו האָבען אַצינד אַרום זיך, זיינען קינסטלער און אַזעלכע פּערזאָנען וואָס האָבען געליטען: די יעניגע וועלכע וויסען וואָס איז שענקייט, און די וועלכע וויסען וואָס איז ליידען: ווייטער אינטערעסירט מיך קיינער נישט. איך שטעל אויך נישט וועלכע עס איז פֿאָדערונג צום לעבען. אין אַלצדינג וואָס איך האָב געזאָגט בין איך פשוט בעזאָרגט מיט מיין אייגענער גייסטיגער שטעלונג.

געגענאיבער דאָס לעבען אַלס אַ גאַנצעס. איך פיהל אַז זיך נישט צושעהמען מיט דעם וואָס איך בין געוועזען בעשטראָפט, איז איינע פון די פונקטען צו וועלכע איך מוז דערגרייכען, צו ליעב מיין אייגענער פולענדונג, און מחמת איך בין אַזוי אונפאָלקאָם.

איך מוז לערנען ווי צו זיין גליקליך. אַ מאָל האָב איך דאָס געוואוסט, אָדער געמיינט אַז איך ווייס דאָס, אינסטינקטיוו. אין מיין האַרצען האָט אַ מאָל שטענדיג געבליהט דער פריהלינג. מיין טעמפעראַמענט איז געווען פון איין משפחה מיט דער פרעהליכ־קייט. איך האָב אָנגעפילט מיין לעבען ביז צום סאַמע ברעג מיט תענוגים, אָט אַזוי ווי מען קאָן אָנפילען אַ בעכער ביז צום סאַמע ברעג מיט וויין. אַצינד דערנעהנטער איך מיך צום לעבען פון גאָר אַ נייעם שטאַנדפונקט, און אָפט איז דאָס פאַר מיר אויסערסט שווער, זיך צו מאַכען אפילו נור אַ פאָרשטעלונג פון גליק.

איך דערמאָן מיך, ווערענד מיין ערשטען סעמעסטער*) אין אָקספאָרד, צו האָבען געלייענט אין פייטער'ס**) „רענעסאַנס" — דאָס בוך וואָס האָט געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף מיין לעבען — ווי אַזוי דאַנטע***) זעצט אַריין טיעף און דער „אינפערנאַ"****) די יעניגע וועלכע האָבען זיך אייגענ-וויליג אַריינגעלאָזען אין עצבות;

---

*) זמן.

**) וואָלטער פייטער (1839—1894), דער מאָדערנער ענגלישער קריטיקער, האָט שטאַרק בעאיינפלוסט די נייע ענגלישע ליטעראַטור און קונסט. זיינע וויכטיגסטע ווערק זיינען: „די ר ע נ ע ס אַ נ ס, שטודיען אין קונסט און פאָעזיע", 1873, און די פילאָזאָפישע ערצעהלונג, „מאַריוס דער אפיקורס (עולם-הזה'ניק), זיינע געפיהלען און אידעען", 1885.

***) דאַנטע (1265—1321), דער גרויסער איטאַליענישער וועלט-דיכטער, האָט פעראייביגט זיינע אידעען איבער גוט און שלעכט, אין אַ פאָעטישע שילדערונג פון די רשעים אין גיהנם און די צדיקים אין גן עדן, אונטערן נאָמען „די געטליכע קאָמעדיע". (די העברעאישע איבערזעצונג הייסט „תפתה ערוך".)

****) גיהנם, די ערשטע טהייל פון דער „געטליכער קאָמעדיע".

און איך בין געגאַנגגען צו דער ביבליאָטעק און אויפגעמישט די שטעלע אין דער „געטליכער קאָמעדיע", וואו אונטער דעם יאָמער-פולען זומפף פון גיהנם, ליעגען די יעניגע וועלכע זיינען געוועזען „פעראומערט אין דער זיסער לופט", און חזר'ן איבער אייביג דורך זייערע זיפצען:

'Tristi fummo

Nell aer dolche che dal sal s'allegra.'*)

איך האָב געוואוסט אַז די קירכע פעראורטהיילט „אַקצידיע"**) אָבער די גאַנצע אידעע האָט מיר אויסגעוויזען דורכאויס פאַנטאַסטיש, געניי דער סאָרט זינד, האָב איך מיר איינגעבילדעט, וועלכעס אַ פריסטער וואָס וויים גאָר נישט פון ווירקליכען לעבען וועט ערפינדען. איך האָב אויך נישט געקאָנט פערשטעהן ווי אַזוי דאַנטע, וועלכער זאָגט אַז „דער צער פעראייניגט אונז ווידער מיט גאָט", קאָן זיין אַזוי אונבאַרמהערציג אַנטגעגען די, וועלכע זיינען געווען פערליעבט אין דער מרה שחורה, אויב אפילו עס זיינען באמת געוועזען אַזוינע. איך האָב מיך דענסטמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען דער טאָג ווען דאָס וועט ווערען איינע פון די גרעסטע נסיונות אין מיין לעבען.

ווערהרענד איך בין געזעסען אין דער תפיסה פון וואַנדסוואָירטה האָב איך געוואונשען צו שטאַרבען. דאָס איז געוועזען מיין איינציגער פערלאַנגען. ווען מען האָט מיר אַריבערגעפיהרט אַהער, נאָכדעם ווי איך בין אָבגעלעגען צוויי חדשים אין דער קראַנקען אָבטהיילונג, און איך האָב דערפיהלט אַז מיין קערפער ווערט וואָס אַ טאָג געזונדער, בין איך געווען אויסער זיך פאַר צאָרן. איך האָב בעשלאָסען צו בעגעהן זעלבסט-מאָרד, אין דעם זעלבען טאָג אין וועלכען איך וועל פערלאָזען די תפיסה. נאָך אַ קורצע צייט איז די דאָזיגע בייזע שטימונג פערשוואונדען, און איך האָב מיר

*) „גראָהער רוים
און קיין זיסע לופט צו דערמינטערן דעם גייסט".

**) ווארפען אַן אומ'חן אויף דאָס לעבען.

אַריינגענומען אין געדאַנק צו לעבען, אָבער אָנצוטהאָן אויף זיך די מרה שחורה אַזוי ווי אַ קעניג טהוט אָן זיין פורפור: קיינמאָל מעהר נישט לאַכען: צו פֿערוואַנדלען יעטוועדעס הויז וואָס איך וועל בעטרעטען, אין אַ שטוב פֿון אבלות: צו מאַכען מיינע פֿריינד געהן אַרום מיר מיט לאַנגזאַמע טריט אין ניעדערגשלאָגענהייט: צו לערנען זיי אַז מרה שחורה איז דער אמת'ר סוד פֿון'ם לעבען: צו פֿערגאַלען זייערע פֿריידען מיט פֿרעמדע ליידען; צו פייניגען זיי מיט מיין אייגענעם שמערץ.

אַצינד פֿיהל איך גאַנץ אַנדערש. איך זעה איין אַז עס וואָלט געווען אונדאַנקבאַר און אונפֿריינדליך פֿון מיר, צו מאַכען אַזאַ לאַנגעס געזיכט, אַז ווען מיינע פֿריינד וועלען מיר קומען בעזוכען, זאָלען זיי מוזען מאַכען נאָך לענגערע געזיכטער, בכדי צו בעווייזען זייער סימפּאַטי; אָדער, פונקט ווי איך זאָל זיי פֿערבעטען אויף כבוד, זיי איינלאַדענדיג זיך אַניעדער צו זעצען שווייגענדיג צו בימערע קרייטיכער און צו אַ סעודה פֿון אבלים.

איך מוז לערנען ווי צו זיין פֿרעהליך און גליקליך.

די לעצטע צוויי געלעגענהייטען, ביי וועלכע עס איז מיר געווען ערלויבט צו זעהן היער מיינע פֿריינד, האָב איך מיך בעמיהט צו זיין ווי פֿרעהליך עס איז נור מעגליך, און אַרויסצוווייזען פֿאַר זיי מיין פֿרעהליכקייט, בכדי זיי צו געבען אַ וועלכע עס איז קליינע פֿערגיטיגונג פֿאַר זייער טרחה מיר צו קומען בעזוכען אַזש פֿון לאָנדאָן. איך ווייס, דאָס איז אַ קליינע צוריקצאָהלונג, אָבער דאָס איז די יעניגע, אין דעריין בין איך בטוח, פֿון וועלכע זיי זיינען אַם מעהרסטען צופֿריעדען.

פֿאַר אַכטאָגען שבת האָב איך מיך געמעגט אונטערהאַלטען אַ גאַנצע שעה מיט ראָבבי'ן; און איך האָב מיר בעמיהט צו געבען דעם מעגליך פֿולסטען אויסדרוק, פֿון דער הערצליכער פֿריידע, וועלכע איך האָב באמת געפֿיהלט, איבער אונזער צוזאַמענקונפֿט. און אַז איך בין דורכאויס אויף דעם רעכטען וועג, מיט די מיינונגען און די אידעען וועלכע איך בילד היער פֿאַר מיר

אַליין, בעוויזט מיר דער פאַקט, אַז צום ערשטען מאָל זייט איך זיץ אין תפיסה האָב איך אַצינד אַן אמת'ן פערלאַנגען נאָך דעם לעבען.

פאַר מיר איז נאָך פאַרהאַן אַזוי פיעל צו טהאָן, אַז איך וועל דאָס בעטראַכטען פאַר אַ שרעקליכע טראַגעדיע, ווען איך זאָל אַוועקשטאַרבען איידער עס וועט מיר געלינגען דורכצופיהרען על כל פנים אַ טייל דערפון. איך זעה נייע ענטוויקלונגס מעגליכקייטען אין קונסט און אים לעבען, פון וועלכע יעטווידע איינע איז אַ פרישע פאָרמע פון פולענדונג. איך פערלאַנג צו לעבען כדי איך זאָל קאָנען ערפאָרשען, דאָס וואָס איז נישט ווייניגער ווי אַ נייע וועלט פאַר מיר.

איהר ווילט וויסען, וואָס איז די דאָזיגע נייע וועלט? איך דיינק איהר קאָנט משער זיין וואָס דאָס איז. דאָס איז די וועלט אין וועלכע איך האָב געלעבט די לעצטע צוויי יאָהר. דאָס ליידען און אַלץ וואָס דאָס לעהרנט אונז — דאָס איז מיין נייע וועלט.

איך בין געוועהנט געוועזען צו לעבען פולשטענדיג נור פאַר פערגניגען. איך האָב אויסגעוויכט צער און יסורים פון יעטווידער סאָרט. איך האָב פיינד געהאַט ביידען. איך האָב מיך געהאַט אונטערגענומען צו איגנאָרירען ביידען, אַזוי ווייט ווי דאָס איז מעגליך: דאָס הייסט, זיי צו בעהאַנדלען ווי פאָרמען פון אונפאָלקאָמענהייטען. זיי זיינען נישט געווען קיין טהייל פון מיין לעבענס-פלאַן. זיי האָבען נישט געהאַט קיין פלאַץ אין מיין פילאָזאָפיע.

מיין מוטער, וועלכע האָט געקענט דאָס לעבען דורך און דורך, פלעגט מיר אָפט ציטירען די פערזען פון געטהע *) וועלכע קאַרלייל **) האָט איינגעשריעבען אין אַ בוך, וואָס ער האָט

*) געטהע Goethe (1741—1831), דער פערפאַסער פון „פויסט".

**) טהאָמאַס קאַרלייל (1741—1881) רעכענט זיך אין ענגלאַנד אַלס „דער לעבהאַפטיגסטער און אָריגינעלסטער פון אַלע ענגלישע פראָזע

איהר געגעבען מיט יאָהרען צוריק, און וועלכע הייסען אין זיין איבערזעצונג, אויב איך האָב נישט קיין טעות, בערך אַזוי:—

'Who never ate his bread in sorrow,
Who never spent the midnight hours
Weeping and waiting for the morrow,—
He knows you not, ye heavenly powers.' *)

דאָס זיינען די פערזען וועלכע די איידעלע קעניגין פון פרייסען, **) וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט בעהאַנדעלט מיט אַזאַ גראָבע ברוטאַליטעט, איז געווען געוועהנט צו ציטירען אין איהר שפלות און גלות. זיי זיינען געוועזען די פערזען וועלכע מיין מוטער פלעגט אָפט ציטירען אין די צרות פון איהר שפעטערדיגען לעבען. ***) איך האָב בשום אופן נישט איינגעוויליגט אָנצונעהמען אָדער אפילו נור צו צולאָזען דעם אונגעהייערן אמת וואָס ליגט אין זיי פערבעהאַלטען. איך האָב דאָס נישט געקאָנט פערשטעהן. איך דערמאָן

שרייבער", אַלס דער נביא און מוסר-זאָגער פון זיין דור. זיין חתמדה ווערט שטאַרק געריהמט, (אין יאָהר 1872 זיינען ערשינען זיינע ווערק אין אַ פאָלקס אויסגאַבע פון 37 בענדער), און אָסקאַר ווילד האָט זיך ערוואָרבען קאַרלייל'ס שרייבטיש, מיט דער האָפענונג צו ווערען בעאיינפלוסט צו התמדה. (זעה אויבען זייטע 15).

*) „ווער ס'האָט קיינמאָל געגעס'ן זיין ברויט אין זאָרגען,
ווער ס'האָט קיינמאָל פערבראַכט זיינע נעכט
וויינענדיג און וואַרטענדיג אויף דעם מאָרגען,—
דער קען אייך נישט, איהר הימלישע מעכט."

**) די שענע פרייסישע קעניגין לואיזע (1810—1876) האָט זיך אים יאָהר 1806 געווענדעט פערזענליך צו נאַפּאָלעאָן'ן אין זיין לאַגער, בכדי ביי איהם עפּעס אויסצובעטען פאַר דער פרייסישער מלוכה. נאַפּאָלעאָן האָט זי מיליטעריש צוריק געוויזען, דער פרייסישער קעניג האָט פערלאָרען זיין מלוכה און זי איז מיט איהם מיטגעגאַנגען אין גלות.

***) ליידי ווילד'ס איינציגע טאָכטער איז אָבגעשטאָרבען יונג, איהר עשירות איז פערשוואונדען און זי האָט געלעבט אויף דער עלטער אין עגמת נפש און דחקות.

מיך נאָך זעהר גוט ווי איך פֿלעג דענסטמאָל צו איהר זאָגען, אַז איך האָב נישט קיין חשק צו עסען מיין ברויט אין זאָרגען, אָדער צו פֿערברײנגען וועלכע עס איז נאַכט ווײנענדיג און וואַרטענדיג, אויף אַ נאָך טרויעריגערען מאָרגען.

איך האָב מיך דענסטמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט אַז דאָס איז געווען אײנע פֿון די בעזונדערהײטען וועלכע דער גורל האָט געהאַלטען פֿאַר מיר אָנגעגרייט: אַז אַ גאַנצעס יאָהר פֿון מיין לעבען, זאָל איך אין דער אמת'ן קוים עפּעס אַנדערש טהאָן. אָבער אַזוי איז מיר צוגעמאָסטען געוואָרען מיין חלק; און וועהרענד די לעצטע עטליכע חדשים, בין איך נאָך מורא'דיגע שווערינקייטען און מלחמות, געווען אים שטאַנד צו בעגרייפֿען מאַנכע פֿון די לעהרען וועלכע זיינען פֿערבאָרגען אים האַרצען פֿון דעם שמערץ.

די גייסטליכע און דער המון, וועלכע בענוצען פֿראַזען אָהן פֿערשטאַנד, ריידען מאַנכמאָל פֿון'ם ליידען ווי איבער אַ געהיימען סוד. אין דער אמת'ן איז דאָס אַן ענטפּלעקונג. מען דערקענט זאַכען וועלכע זיינען פֿריהער קיינעם נישט אויפֿגעפֿאַלען. מען טרעט צו צו דער היסטאָריע פֿון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. וואָס מען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט טונקעל, אינסטינקטיוו, איבער קונסט, ווערט פֿערווירקליכט אין דער סביבה פֿון דענקען און פֿיהלען מיט פֿאָלקאָמענע קלאָרהייט פֿון דער ערשיינונג, און מיט אַן אַבסאָלוטער שטאַרקהייט פֿון דער פֿאָרשטעלונגס-קראַפֿט.

איך זעה איצט איין אַז דער צער, זייענדיג די איידעלסטע פֿיהלונג, צו וועלכע דער מענש איז פֿעהיג, איז צו גלייכער צייט דער טיפּ און די פּראָבע פֿון יעטווידער גרויסער קונסט.

נאָך וואָס דער קינסטלער שטרעבט שטענדיג, דאָס איז נאָך די יעניגע פֿאָרמע פֿון עקזיסטענץ אין וועלכע לייב און זעעלע זיינען איינס און דאָס זעלבע: אין וועלכע דאָס אויסענוועניגסטע איז דער אויסדרוק פֿון דאָס אינעווענינגסטע: אין וועלכע עס ענטפּלעקט זיך די געשטאַלט. אַזעלכע פֿאָרמען פֿון עקזיסטענץ זיינען פֿאַרהאַן נישט ווענינ: די יוגענד און די קונסטען וועלכע גיבען זיך אָב מיט

די יוגענד, קאָנען דיענען אַ ווײלע אַלס מוסטער פאַר אונז: און נאָך איינס מעג אונז געפעלען צו דענקען, אַז די מאָדערנע לאַנדשאַפטס-מאַלעריי, אין איהר צאַרטקייט און פיינקייט, אין דעם אופן, ווי זי מאַכט אויפמערקזאַם אויף דעם גייסט וועלכער רוהט אין דאָס אויסענווענינגסטע, און מאַכט זיך אַ מלבוש פון ערד און לופט, פון נעבעל און שטעדט בילדער; אַז אין איהר קראַנקהאַפט רייצבאַרער האַרמאָני פון שטימונגען, פאַרבען און קלאַנגען, פערווירקליכט זי די מאָדערנע לאַנדשאַפטס קונסט, מאַלעריש, פאַר אונז, דאָס וואָס איז געוועזען פערווירקליכט אין אַזאַ פלאַסטישע פערפאָלקאָמונג דורך די גריעכען. די מוזיק, אין וועלכע דער גאַנצער געגענשטאַנד איז אויפגעזויגען אין דער פאָרם, און קאָנען נישט ווערען אָבגעטיילט פון אַנאַנדער, איז אַ פערפלאָנטערטער ביישפיעל, און אַ בלום אָדער אַ קינד איז אַן איינפאַכער ביישפיעל פון דאָס וואָס איך מיין; אָבער דער צער איז דער ענד־טיפּ סיי אים לעבען און סיי אין קונסט.

הינטער דער פרייד און געלעכטער קאָן שטעקען אַ גראָבעס, האַרטעס, ביינערדיגעס טעמפעראַמענט. אָבער הינטער דעם צער פערבעהאַלט זיך שטענדיג נור דער צער. דאָס ליידען איז נישט פערמאַסקירט, אַזוי ווי די פריידען.

דער אמת אין דער קונסט בערוהט נישט אויף אַ וואָסער עס איז געגענזייטיגער הסכמה צווישען דעם עצם אידעע און איהר צופעליגער עקזיסטענץ; ער איז נישט די עהנליכקייט פון געשטאַלט צום שאָטען, אָדער פון די פאָרמע וואָס איז אָבגעשפיגעלט אין קריסטאָל צו די פאָרמע גופא; ער איז נישט דער עכאָ וואָס הילכט אָב פון אַן אויסגעהוילטען באַרג, נאָך וועניגער איז ער אַ זילבער־נער קוואַל וואַסער אין טהאָל וועלכער ווייזט די לבנה צו דער לבנה און די נאַרציסען צו די נאַרציסען.

דער אמת אין דער קונסט איז די איינהייט פון אַ זאַך מיט זיך גופא: דאָס אויסענווענינגסטע איז געוואָרען דער אויסדרוק פון דאָס אינעווענינגסטע: די נשמה איז געקליידעט אין פלייש: דער

גוף איז דורכגעדרונגען מיט גייסט. איבער דעם דאָזיגען טעם לאָזט זיך קיין אמת נישט פֿערגלייכען צו דעם ליידען.

עס גיעט צייטען ווען דאָס ליידען זעהט מיר אוים צו זיין דער איינציגער אמת. אַנדערע פֿיהלונגען מעגען זיין פֿערבלענדענישען פֿון די אויג אָדער טעות׳ן פֿון דעם מאָגען, וועלכע בלענדען יענע און זעטיגען דעם דאָזיגען, אָבער די וועלטען זיינען געבויט געוואָרען פֿון ליידען, און ביי דער געבורט פֿון אַ קינד אָדער אַ שטערן זיינען פֿאַרהאַנען יסורים.

יאָ, נאָך מעהר, דאָס ליידען האָט אַרום זיך אַ שטאַרקע נישט געוועהנליכע ווירקליכקייט.

איך האָב וועגען זיך גופא געזאָגט, אַז איך בין געוועזען איינער וועלכער איז געשטאַנען אין סימבאָלישע בעציהונגען צו די קונסט און די קולטור פֿון מיין דור. באמת איז נישטאָ קיין איינ־ציגער עלענדער מענש אין דעם דאָזיגען עלענדען פּלאַץ, מיט מיר צוזאַמען וועלכער זאָל נישט שטעהן אין סימבאָלישער בעציהונג צו דעם סאַמע סוד פֿון׳ם לעבען. דען דער סוד פֿון׳ם לעבען איז דאָס ליידען. דאָס איז דאָס, וואָס איז פֿערבאָרגען הינטער יעט־ווערער זאַך. ווען מיר הייבען אָן צו לעבען, בעגעגענט אונז דאָס זיסע מיט אַזאַ זיסקייט, דאָס ביטערע מיט אַזאַ ביטערקייט, אַז מיר ווענדען וועלענדיג־נישט־וועלענדיג אַלע אונזערע פֿערלאַנגען צו זיינע תענוגים, און האָבען חשק נישט בלויז „אַ חודש אָדער צוויי זיך שפּייזען מיט האָניג״, נאָר אונזער גאַנצעס לעבען נישט פֿערזוכען קיין אַנדער אכילה, זיך נישט מאַכען וויסענדיג די גאַנצע צייט אַז מיר לאָזען ווירקליך פֿערהונגערן די נשמה.

איך דערמאָן מיך נאָך גאַנץ גענוי, אַז איך האָב איינמאָל גערעדט איבער דעם דאָזיגען ענין מיט איינע פֿון די שענסטע בעשעפֿענישען, וועלכע איך האָב ווען עס איז געקענט: אַ דאַמע, וועמעס מיטגעפֿיהל און איידעלע גוטסקייט, וועלכע זי האָט בע־וויזען צו מיר, אי פֿריהער און אי זינט די טראַגעדיע פֿון מיין ערריינזעצונג אין תפיסה, זיינען געוועזען איבער די כחות און

אונבעשרייבליך; אַ דאַמע וועלכע איז מיר ווירקליך בייגעשטאַנען, הגם זי ווייס דאָס נישט, צו דערטראָגען מיין פעקיל צרות, מעהר ווי אימעצער וועלכער עס איז אַנדערער אויף דער גאַנצער וועלט; און דאָס אַלץ בלויז דורך דעם פאַקט, אַז זי עקזיסטירט; דורך דעם וואָס זי איז אַזוי, ווי זי איז—טהיילווייז אַן אידעאַל, טהייל־ווייז אַן איינפּלוסרייכע מאַכט: אַן אָנדייטונג פון דעם וואָס אַ מענש קאָן ווערען, ווי אויך אַלס אַ ווירקליכע הילף פאַר דעם ווילען אַהין צו דערלאַנגען; זי איז אַ נשמה וועלכע גיעט אַריין אַ זיסקייט אין די געוועהנליכע לופט, און לאָזט ערשיינען דאָס וואָס איז גייסטיג אַזוי איינפאַך און נאַטירליך ווי דאָס ליכט פון דער זון אָדער ווי דער ים: זי איז איינע פאַר וועמען שענקייט און ליידען געהען האַנד אין האַנד און האָבען די זעלביגע שליחות.

ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט, פון וועלכער איך טראַכט אַצינדערט, דערמאָן איך מיך נאָך דייטליך, ווי אַזוי איך האָב צו איהר געזאָגט אַז עס איז פאַרהאַן גענוג ליידען אין איין שמאָלע געסיל פון לאָנדאָן, בכדי צו בעווייזען, אַז גאָט האָט נישט ליעב די מענשען, און אַז אומעטום וואו נור עס איז פאַרהאַנען וועלכע עס איז ליידען, מעג דאָס אויך זיין נור פון אַ קינד, אין אַ וועלכען עס איז קליינעם גערטענדיל, ווייגענדיג איבער אַ שולד וועלכע ער האָט יאָ אָדער נישט בעגאַנגען, יעמאָלט איז פולשטענדיג פער־דאָרבען די גאַנצע געשטאַלט פון דער בעשאַפונג. איך בין געוועזען גאַנץ אומגערעכט. זי האָט דאָס מיר אויך געזאָגט, אָבער איך האָב דאָס נישט געקאָנט גלויבען. איך בין נישט געוועזען אין דער סביבה אין וועלכע עס האָט געקאָנט אַריינדרינגען אַזאַ'ן אמונה.

איצטער דוכט זיך מיר, אַז ליעבע פון אַ געוויסען סאָרט איז די איינציגע מעגליכע ערקלעהרונג פון די אונגעהייערע מאָס פון יסורים, וואָס זיינען פאַרהאַן אויף דער וועלט. איך קאָן מיך נישט פאָרשטעלען קיין אַנדער ערקלעהרונג. איך בין איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערע; און אויב די וועלטען זיינען אין דער אמת'ן, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, געבויט פון ליידען, דאַן זיינען זיי געבויט מיט די הענד פון דער ליעבע, מחמת אויף קיין

אַנדער אופן וואָלט די נשמה פֿון אַ מענשען, פֿאַר וועמען די וועלט איז געוועזן געשאַפֿען, נישט געקאָנט דערגרייכען צו דעם גאַנצען וואוקס פֿון איהר פֿערפֿאָלקאָמונג. די פֿרייד איז פֿאַר דעם שענעם גוף, אָבער דער שמערץ איז פֿאַר דער שענער נשמה.

ווען איך זאָג אַז איך בין איבערצייגט פֿון די דאָזיגע מיינונגען, אַזוי רייד איך מיט צופֿיעל שטאָלץ. ווייט, ווייט ווי אַ פֿאָלקאָמענעם פערל, קאָן מען זעהן די שטאָדט פֿון גאָט. זי איז אַזוי וואונדערבאַר, אַז עס דוכט זיך אָב ווי ווען אַ קינד וואָלט קאָנען צו איהר דערלאַנגען אין אַ זומער טאָג. און אַ קינד וואָלט דאָס אויך געקאָנט. אָבער ביי מיר און אַזעלכע ווי איך איז דאָס גאַנץ אַנדערש. מען קאָן בעמערקען אַ זאַך אין איין איינציגען כהרף עין, אָבער מען פֿערלירט דאָס באַלד ווידער אין די לאַנגע שטונדען, וועלכע פֿאָלגען נאָך מיט בלייענע פֿיס. עס איז אַזוי שווער זיך צו האַלטען אין דער „הייכעניש וועלכע די נשמה איז מסגל צו דערלאַנגען". אונזערע געדאַנקען געהערען דער אייביגקייט, דאָך בעוועגען מיר אונז נור פּאַמעלאַך דורך די צייט; און ווי לאַנגזאַם פֿערגעהט די צייט פֿאַר אונז, די וועלכע ליעגען אין תפיסה, דאַרף איך נישט איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל, אויך נישט פֿון דער לאַנגוויי־ליגקייט און פֿערצווייפֿלונג וועלכע קריכען הינטערווילעבץ אַריין אין יעטוועדענס צעל, און אין דעם צעל פֿון יעטוועדענס האַרצען, מיט אַזאַ'ן עקשנות אַז מען מוז נאָך ביז צו אַ געוויסע מאָס אויסקעהרען און אויפֿראַמען דאָס הויז פֿאַר זייער קומען, אָט אַזוי ווי פֿאַר אַן אונגעווינשטען גאַסט, אָדער אַ בייזען פריץ, אָדער אַ קנעכט וועמעס קנעכט מען איז דורך אַ צופֿאַל אָדער מיט'ן איי־גענעם ווילען.

און האָטש אפילו מיינע פֿריינד געפֿינען דאָס לעת עתה פֿאַר אַ שווערע זאַך אין דעריין צו גלויבען, איז עס דאָך נישט ווייניגער אמת, אַז פֿאַר די וועלכע לעבען אין פֿרייהייט, אין בטלנ'ען און אין בעקוועמליכקייט, פֿאַר זיי איז אַסך גרינגער צו ערלערנען די לעקציאָנען פֿון עניוות ווי דאָס איז פֿאַר מיר, וועלכער הייבט אָן דעם טאָג זיך אַרונטערלאָזענדיג אויף די קניע צו וואַשען דעם

פֿוסבאָדען פֿון מיין צעל. דען דאָס לעבען אין תפיסה מיט זיינע אונענדליכע דחקות און איינשריינקונגען צווינגט איינעם צו רעוואָלטירען. דאָס שרעקליכסטע דערביי איז נישט, וואָס דאָס צוברעכט איינעם דאָס האַרץ — הערצער זיינען געשאַפֿען בכדי צו ווערען געבראָכען — נאָר דאָס וואָס עס פֿערוואַנדעלט איינעם דאָס האַרץ אין שטיין.

מאַנכמאָל פֿיהלט מען, אַז נור מיט אַ קופערנעם שטערן און שפּאָטישע ליפּען קאָן מען איבערהויפּט איבערלעבען דעם טאָג. און דער יעניגער וועלכער געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד פֿון מרידה קאָן נישט בעקומען קיין גנאָד, זיך צו בענוצען מיט דעם אויסדרוק אין וועלכען די קירכע איז אַזוי פֿערליעבט — און אויך מיט רעכט פֿערליעבט, ווילט זיך מיר בעהויפּטען — דען אים לעבען אָט אַזוי ווי אין דער קונסט פֿערשפּאַרט די אויפֿריהרישע שטימונג די קאַנאַלען פֿון דער נשמה און שליסט אוים די לופּט פֿון הימעל.

דאָך מוז איך היער ערלערנען די דאָזיגע לעקציאָנען, אויב איך בין איבערהויפּט אים שטאַנד זיי ערגעץ וואו צו ערלערנען, און מוז זיין פֿול מיט פֿרייד, אויב מיינע פֿים זיינען אויפֿ׳ן רעכטען וועג און מיין פנים איז געווענדעט צו „דעם טויער, וועלכער ווערט אָנגערופֿען שען", מעג איך אפילו אַסך מאָל אַריינפֿאַלען אין אַ בלאָטע און אָפֿט פֿערבלאָנדזשען אים טומאַן.

דאָס דאָזיגע נייע לעבען, וואָס מחמת מיין ליעבע צו דאַנטען,*) בין איך דאָס גערן מאַנכמאָל אַזוי אָנצורופֿען, איז זעלבסט פֿערשטענדליך איבערהויפּט קיין נייעס לעבען, נאָר איינפֿאַך די

*) „וויטאַ נאָוואַ" — דאָס נייע לעבען — איז דאָס ווערק אין וועלכען ד אַ נ ט ע (זעה אויבען זייטע 60) האָט בעזונגען זיין ליעבע צו ב ע ט ר י ס, וועלכע ער האָט געליעבט זייט זיין נײַנטען יאָהר. (זי איז געווען מיט אַ יאָהר יונגער. אים עלטער פֿון 21 יאָהר האָט מען זי פֿערהייראַט מיט אַן אַנדערן און אין צוויי יאָהר אַרום איז זי געשטאָרבען.)

פֿאָרטזעצונג, דורך ענטוויקלונגס מיטלען, און עוואָלוציאָן, פֿון מײן פֿריהערדיגען לעבען.

איך דערמאָן מיך, בעת איך בין געוועזען אין אָקספֿאָרד, אײן מאָרגען, אין דעם יאָהר אײדער איך האָב געמאַכט מײן עקזאַמען, זיך אַרומשלענדערענדיג מיט אײנעם פֿון מײנע פֿרײנד, אין די אײנגע, פֿון פֿויגעל בעזוכטע שפּאַציער פלעצער אין דער אומגע־בונג פֿון מאָדעליין קאָלעדזש*), האָב איך צו איהם געזאָגט, אַז עס גלוסט זיך מיר צו עסען פֿון די פֿרוכט פֿון אַלע בוימער אין דעם גאָרטען פֿון דער וועלט, און אַז איך וועל אַרויסטרעטען אין דער וועלט מיט דער דאָזיגער תאוה אין מײן נשמה. און אַזוי בין איך, אין דער אמת'ן, אַרויסגעטראָטען, און אַזוי האָב איך געלעבט.

מײן אײנציגער טעות איז געווען וואָס איך האָב מיך בע־שרײנקט אַזוי אויסשליסליך נור אויף די בוימער, וועלכע שטעהען אין דעם טהײל גאָרטען וואָס האָט מיר אויסגעזעהן פֿערגאָלדעט פֿון דער זון, און איך האָב אויסגעווייכט דעם אַנדערן טהײל פֿאַר זײן שאָטען און טונקעלהײט.

שלים-מזל, שאַנדע, אָרימקײט, צער, פֿערצווייפֿלונג, יסורים, זאָגאַר טרעהרען, די געבראָכענע ווערטער וועלכע קומען פֿון שמערצענס ליפּען, חרטה וואָס מאַכט אונז וואַנדערן איבער דער־נער, דאָס געוויסען וואָס פֿערדאַמט, זעלבסט־ערניעדערונג וועלכע שטראָפֿט, דאָס עלענר וואָס שיט אַש אויף זײן קאָפּ, די אַנגסט וועלכע וועהלט אויס זאַק־לײנווענט פֿאַר איהר מלבוש און טריפֿט אַרײן גאַל אין איהר אײגענעם געטראַנק: — דאָס אַלץ זײנען געווען אַזוינע זאַכען פֿאַר וועלכע איך האָב מורא געהאַט. און ווײל איך האָב געהאַט בעשלאָסען גאָרנישט צו וועלען וויסען פֿון זײ, בכן בין איך געצוואונגען געוואָרען צו פֿערזוכען כסדר יעטוועדער

---

*) די אוניווערזיטעט אין וועלכע אָסקאַר ווײלד האָט געלערנט.

איינע פֿון זיי, מיך צו דערנעהרען פֿון זיי, נישט צו האָבען, אין דער אמת'ן, קיין אַנדער אכילה, פֿאַר אַ גאַנצע תקופה.

איך בעדויער נישט איין רגע הלמאי איך האָב געלעבט אים פֿערגניגען. איך האָב דאָס געטהאָן ביז צום העכסטען גראַד, אָט אַזוי ווי מען דאַרף טהאָן אַלצדינג וואָס מען טהוט. עס איז נישט געוועזען קיין תענוג וועלכען איך האָב נישט גענאָסען. איך האָב אַריינגעוואָרפֿען די פערל פֿון מיין נשמה אין אַ בעכער וויין. איך בין אַרונטער געשטייגען דעם בלומען שטעג אונטער דעם קלאַנג פֿון טראָמפייטען. איך האָב געלעבט פֿון האָניג. אָבער פֿאָרטצוזע-צען ווייטער דאָס דאָזיגע לעבען וואָלט געוועזען אַן עולה, מחמת דאָס וואָלט געוועזען צו איינזייטיג. עס האָט מיך געצויגען ווייטער. אויך די אַנדערע העלפֿט פֿון דעם גאָרטען האָט געהאַט איהרע סודות פֿאַר מיר.

עס פֿערשטעהט זיך ממילא, אַז דאָס אַלץ איז פֿאָרגעבילדעט אין מיין דיכטערישען שאַפֿען און וואַרפֿט פֿאָראויס זיינע שאָטען. מאַנכעס געפֿינט זיך אין די מעשה'לעך „דער גליקליכער פרינץ"*) און „דער יונגער קעניג"*), בעזונדערס אין דער שטעלע, וואו דער בישאָף זאָגט צו דעם קניהענדען בחור'על: „איז ער, וועלכער האָט געשאַפֿען דאָס עלענד, נישט קליגער ווי דו ביזט?" אַ זאַץ וואָס דענסטמאָל, ווען איך האָב איהם אויפֿגעשריעבען, האָט ער מיר אויסגעזעהן נישט צו זיין פֿיעל מעהר ווי אַ פֿראַזע; אַ גרויסער טהייל דערפֿון האָט זיך פֿערבעהאַלטען אין דעם תוכחה-טאָן, וועלכער ציעהט זיך ווי אַ פורפור פֿאָדים דורך דעם קינסטלערישען געוועב פֿון „דאָריאַן גריי"; אין דעם אַרטיקעל „דער קריטיקער אַלס קינסטלער" שעמערירט דאָס אין פֿיעלע פֿאַרבען; אין די „מענשליכע נשמה"*) איז דאָס איינגעשריעבען, און מיט אותיות וואָס זיינען זעהר לייכט צו לעזען; דאָס איז איינער פֿון די רעפֿריין'ס, וועמענס וויעדערקעהרענדע מאָטיווען עס מאַכען „סאַלאָמע"*) אַזוי עהנליך צו אַ מוזיק-שטיק און בינדען זי צוזאַמען אַזוי ווי אַ

---

*) אַלע די דאָזיגע ווערק זיינען איבערזעצט אין אידיש.

באַלאַדע; דאָס איז איבערגעגאַנגען אין בלוט און פֿלייש אין דעם פּראָזאַ־געדיכט פֿון דעם מאַן וועלכער האָט צו שאַפֿען אויס דעם מאַטעריאַל פֿון׳ם בילד פֿון דער „פֿרייד, וואָס דויערט אַ כהרף עין", דאָס בילד פֿון דער „זאָרג, וועלכע בלייבט אייביג". עס האָט אויך כלל נישט געקאָנט אַנדערש זיין. אין יעטוועדען איינצעלנעם מאָמענט פֿון זיין לעבען איז יעטוועדער איינער דאָס, וואָס מען וועט זיין, נישט ווייניגער ווי דאָס וואָס מען איז געווען. קונסט איז אַ סימבאָל מחמת דער מענש איז אַ סימבאָל.

אויב איך קאָן גאַנץ אַהין דערלאַנגען, דאַן איז דאָס די לעצטע און העכסטע פֿערווירקליכונג פֿון׳ם קינסטלער לעבען. דען דאָס קינסטלער לעבען איז איינפֿאַך זעלבסט ענטוויקלונג. די ענויותביים קינסטלער ליעגט אין דעריין, וואָס ער נעהמט אָן בנעימות אַלע ערפֿאַהרונגען, גענוי אַזוי ווי די ליעבע ביים קינסטלער איז פּשוט דער זין פֿיר שענהייט, וועלכער ענטפּלעקט צו דער וועלט איהר גוף און איהר נשמה.

אין זיין ראָמאַן „מאַריוס דער אפּיקורס" זוכט פּייטער צו אויסגלייכען דאָס קינסטלער לעבען מיט דעם רעליגיעזען לעבען, אין דעם טיעפֿען, זאַנפֿטען און האַרבען זין פֿון דאָס וואָרט. אָבער מאַריוס איז נישט פֿיעל מעהר ווי אַ צוקוקער: הגם אַן אידעאַלער צוקוקער, און איינער וועמען עס איז געגעבען דאָס טאַלענט „צו בעטראַכטען דעם ספּעקטאַקעל פֿון דאָס לעבען מיט אייגענע געפֿיהלען", אַ מעלה וועלכע וואָרדסוואָרטה בעצייכענט אַלס די ריכטיגע בעשטימונג פֿון׳ם דיכטער; דאָך בלויז אַ צוקוקער, און אַזאַ וועלכער איז אפשר אַביסעל צופֿיעל בעשעפֿטיגט מיט די חנ׳עוודיגקייט פֿון די ביינק אים טעמפּעל, בכדי געוואָהר צו ווערען, אַז זיין בליק רוהט אויף דעם קדש הקדשים פֿון ליידען.

איך זעה אַ פֿיעל פֿערטרויטערע און נאָהענטערע פֿערבינדונג צווישען דעם אמת׳ן לעבען פֿון ישו הנוצרי און דעם אמת׳ן לעבען פֿון׳ם קינסטלער; און גרויס פֿרייד דערוועקט אין מיר דער געדאַנק, אַז לאַנג בעפֿאָר דאָס ליידען האָט בעקומען די ממשלה איבער

מיינע טעג. און מיר איינגעשפּאַנט אין זיין יאָך, האָב איך געשריעבען אין „די מענשליכע נשמה", אַז ווער עס וויל פֿיהרען אַן עהנ־ליכען לעבען ווי ישו, דער מוז גאַנץ און גאָר זיין ער זעלבסט, און איך האָב געהאַט גענומען פֿאַר אַ משל נישט נור דעם פֿאַסטוך אויף דעם בערגעל, און דעם אַרעסטאַנט אין זיין צעל, נאָר אויך דעם מאַלער פֿאַר וועמען די וועלט איז אַ מאַסקאַראַד און דעם דיכטער פֿאַר וועמען די וועלט איז אַ ליעד.

איך געדיינק אַז איך האָב אַמאָל געזאָגט צו אַנדריי זשיד, ווען מיר זיינען געזעסען צוזאַמען אין אַ פּאַריזער קאַפֿע, אַז ווערליג די מעטאַפֿיזיק*) האָט פֿאַר מיר נור אַ קליינע ווירקליכע אינטער־רעסע און די מאָראַל לחלוטין קיינע, איז דאָך נישט פֿאַרהאַן אין דעם וואָס פּלאַטאָ**) אָדער ישו האָבען געזאָגט, וואָס זאָל נישט קאָנען ווערען איבערגעטראָגען אין דער סביבה פֿון קונסט און דאָרט געפֿונען זיין פֿאָלקאָמענע ערפֿילונג. (אין דער דאָזיגער פֿער־אַלגעמיינערונג איז דאָס געוועזען פּונקט אַזוי טיעף ווי ניי.)

עס איז אויך נישט נור דאָס אַליין, וואָס מיר קאָנען ענטדעקען

---

*) די חקירות איבער אַזוינע ענינים וואָס זיינען איבער דער טבע, און קאָנען נישט בעוויזען ווערען מיט פֿאַקטען אָדער עקספּערימענטען (פּראָבעס).

**) פּלאַטאָ (פּלאַטאָן, אפלטון), בעריהמטער גריכישער פֿילאָזאָף, געלעבט פֿון יאָהר 427 ביז 347 פֿאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. ער איז געוועזען דער תלמיד פֿון סאָקראַטעס און דער רבי פֿון אַרי־סטאָטעל (וועגען זיי ביידען, זייערע לעבענס בעשרייבונגען און לעהרען, זיינען ערשינען בעזונדערע ביכער אין אידיש). פּלאַטאָס פֿילאָזאָפֿיע, גע־שריבען אין אַ פּאָעטישער שפּראַך, בערוהט אויף דער אידעאַליסטישער וועלט בעטראַכטונג און האָט אַ שייכות מיט די זיטליכע לעהרען פֿון סאָ־קראַטעס. פּלאַטאָס איינפֿלוס אויף דאָס דיינקען איז אונגעהייער גרויס. אין דער אידישער ליטעראַטור פֿון מיטעל־אַלטער און ביי פֿיעלע רבנים פֿון אַלטען דור פֿערנעהמט דער נאָמען „אפלטון" אַזאַ בכבוד׳יגען פּלאַץ, אָקוראַט ווי ער וואָלט געוועזען איינער פֿון די בעלי התלמוד. (פּלאַטאָ איז אויך בעריהמט דורך זיין בוך „רעפּובליק", אין וועלכען ער פֿאַנטאַזירט פֿון אַ פֿרייע געזעלשאַפֿט געגרינדעט אויף קאָמוניסטישע יסודות).

אין ישו יענע ענגע פֿערבינדונג פֿון פערזענליכקייט און פֿאָלקאָמענ־הייט, וועלכע בילדען דעםווירקליכען אונטערשייד צווישען די קלאַסישע און ראָמאַנטישע קונסט און לאָזען ערשיינען ישו אַלס דעם ריכטיגען פֿאָרלייפֿער פֿון דער ראָמאַנטישער בעוועגונג אים לעבען, נאָר דער הויפּט יסוד פֿון זיין עצם איז געווען די זעלבע, פֿון וועלכע עס בעשטעהט דער עצם פֿון'ם קינסטלער—אַ שטאַרקע און פֿלאַמענדע פֿאַנטאַזיע. ער האָט בעגריפֿען אין דער סביבה פֿון מענשליכע בעציהונגען יענעם אַנטהייל נעהמען פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע איז אין דער סביבה פֿון קונסט דער איינציגער סוד פֿון שאַפֿען. ער האָט פֿערשטאַנען די וואונדען פֿון דעם קרעציגען, די טונקעלהייט פֿון דעם בלינדען, דאָס גרויזאַמע עלענד פֿון די וועלכע לעבען אים פֿערגניגען, די מאָדנע אָרימקייט פֿון די רייכע.

איינער האָט מיר אין מיין אומגליק געשריעבען: „בעת איהר שטעהט נישט אויף אייער פּעדעסטאַל, זייט איהר נישט אינטע־רעסאַנט". ווי ווייט איז געווען דער בריעף שרייבער דערווייטערט פֿון דעם וואָס מעטיו אַרנאָלד *) רופֿט אָן „דער סוד פֿון ישו"! איינער פֿון זיי וואָלט איהם געלעהרנט אַז אַלץ וואָס טרעפֿט אַן אַנדערן, טרעפֿט דאָס איינעם איהם גופא. און אויב איהר ווילט האָבען אַן אויפֿשריפֿט, וועלכען איהר זאָלט קאָנען לייענען ביי טאָג און ביי נאַכט, סיי אין פֿריידען און סיי אין לײדען, דאַן שרייבט אויף אויף די ווענד פֿון אייער הויז, מיט אותיות אַז די זון זאָל דאָס בעגילטען און די לבנה בעזילבערן: „אַלץ וואָס עס טרעפֿט אַן אַנדערן, טרעפֿט דאָס איינעם איהם גופא."

ישו'ס פּלאַץ געהערט אין דער אמת'ן אונטער די דיכטער. זיין גאַנצע השגה פֿון דער מענשהייט שטאַמט אַרויס דירעקט פֿון דער פֿאַנטאַזיע און קאָן פֿערשטאַנען ווערען נור דורך איהר. וואָס

---

*) מעטיו אַרנאָלד (1822—1888), בערידמטער ענגלישער דיכטער און קריטיקער. פּראָפֿעסאָר פֿאַר פּאָעזיע אין אָקספֿאָרד.

גאָט איז געווען פֿאַר דעם פּאַנטהעאיסטען, *) דאָס איז פֿאַר איהם געווען דער מענש. ער איז געווען דער ערשטער אויפֿצופֿאַסען די פֿערשיעדענסטע ראַסען אַלס אַן איינהייט.

פֿאַר זיין צייט זיינען געוועזען געטער און מענשען, און, פֿיהלענדיג דורך אַ געהיימניספֿולע סימפּאַטיע, אַז ביידע זיינען אין איהם איבערגעגאַנגען אין פֿלייש, דעריבער רופֿט ער זיך אַמאָל גאָט'ס זוהן **) און אַמאָל מענשען זוהן, ***) לויט זיין שטימונג נאָך. מעהר ווי אימעצער וועלכער עס איז אַנדערער אין דער געשיכטע דערוועקט ער אין אונז יענע שטימונג פֿאַר דאָס וואונדער, צו וועלכע עס ווענדעט זיך אַלע מאָל די ראָמאַנטיק.

נאָך אימער איז עפּעס פֿאַר מיר כמעט אונגלויבליך אין דער אידעע פֿון אַ יונגען גאַליליייער דאָרפֿס-מאַן, וואָס שטעלט זיך פֿאָר אַז ער קאָן טראָגען אויף זיינע פּלייצעס די משא פֿון דער גאַנצער וועלט: דאָס אַלץ וואָס איז שוין געוואָרען געטהאָן און געליטען, און דאָס אַלץ וואָס וועט נאָך אַמאָל ווערען געטהאָן און געליטען. די זינד פֿון נעראָ, ****) פֿון צעזאַר באָרדזשיא, *****) פֿון פּאַפּסט

---

*) פּאַנטהעאיזם איז די לעהרע אַז „די וועלט איז גאָט און גאָט איז די וועלט.“ (אין דער אידישער ליטעראַטור האָבען די דאָזיגע שיטה פֿערטראָטען מאַנכע מקובלים און די גרינדער פֿון חסידיזם. די לעצטע האָבען דאָס בעגרינדעט אויף די פסוקים: „ואתה מחיה את כלם“ און „מלא כל הארץ כבודו“.)

) בן אלהים. *) בן אדם.

****) נעראָ — „נרון קיסר“ (37—68) קייזער פֿון רוים. די עלף יאָהר פֿון זיין מלוכה זיינען געווען אַ שורה פֿון פֿערברעכען און מאָרדען. ער האָט זאָגאַר אָרגאַניזירט דעם מאָרד פֿון זיין אייגענער מוטער. ער ווערט אויך בעשולדיגט אין אונטערצינדען די שטאָדט רוים, בכדי זיך צו אַמוזירען מיט דעם „ספּעקטאַקעל“. און, לויט דער קריסטליכער טראַדיציע האָט ער די רוימישע קריסטען געלאָזט איינוויקלען אין פּעכיגע קליידער און אָנצינדען אַלס פֿאַקלען.

*****) צעזאַר באָרדזשיאַ (1507—1876), זון פֿון פּאַפּסט אלכסנדר

אלכסנדר דעם זעקסטען*) און פֿון איהם, וועלכער איז געווען קיסר פֿון רוים און פריסטער פֿון דער זון: די לײדען פֿון יענע וואָס זײערע נעמען זײנען לעגיאָן**) און זײער מקום מנוחה איז צווישען די קברים: די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען, די קינדער אין די פֿאַבריקען, די גנבים, די אַרעסטאַנטען, די אויסגעשלאָסענע פֿון דער געזעלשאַפֿט, די יעניגע וועלכע זײנען שטום אין זײער עלענד און וועמעס שווײגען עס ווערט פֿערנומען נור פֿון גאָט אַלײן; און נישט בלויז זיך דאָס פֿאָרשטעלען נאָר דאָס אויך בפועל ממש דורכפֿיהרען, אַזוי אַז נאָך אים איצטיגען מאָמענט, איז, אַלע וואָס קומען אים בעריהרונג מיט זײן פערזענליכקײט, אפילו ווען זײ בײגען זיך נישט פֿאַר זײן אַלטאַר און קניען אויך נישט פֿאַר זײנע פריסטער, געפֿינען אויס אין אַ וועלכען עס איז אופן, אַז די העסליכקײט פֿון זײערע זינד איז פֿון זײ צוגענומען און די שענקײט פֿון זײערע לײדען איז צו זײ ענטפלעקט געוואָרען.

איך האָב געזאָגט פֿון ישו אַז ער רעכענט זיך צווישען די דיכטער. דאָס איז ריכטיג. שעללי***) און סאָפֿאָקלעס****) זײנען

דעם 6טען. קאַרדינאַל און פֿירסט. ער איז בעגאַנגען אַ סך פֿערברעכען און צווישען די וואָס זײנען ערמאָרדעט געוואָרען אויף זײן פֿערלאַנג געפֿינט זיך אויך זײנער אַ לײבליכער ברודער.

*) פּאַפּסט אלכסנדר דער זעקסטער (1431—1503), פֿאָטער פֿון צעזאַר באָרדזשיאַ און אויך אַזאַ צדיק ווי ער. אין יאָהר 1498 האָט ער געלאָזט פֿערברענען א.יפֿ'ן שײטער-הויפֿען דעם בעריהמטען איטאַליענישען רעפֿאָרמער סאַוואָנאַראָלאַ.

**) ישו בענוצט דעם נאָמען „לעגיאָן" (רוימישע סאָלדאַטען-אָבטײ-לונג פֿון 4—6 טויזענד מאַן) צו בעצײכענען די ברײטע נאָמענלאָזע מאַסען.

***) שעללי (1792—1822) גרויסער ענגלישער דיכטער. זײן האַרץ איז געווען פֿול מיט ליעבע צו אַלע אונטערדריקטע און זײנע געדיכטע זײנען דורכגעדרונגען מיט דעם גײסט פֿון רעוואָלוציאָן.

****) סאָפֿאָקלעס, גריעכישער דיכטער און דראַמאַטורג (405—496 פֿאַר די קריסטליכע צײט-רעכנונג). זײן ווערטה אַלס דראַמאַטישער קינסטלער, איז נאָך הײנט אויך אַנערקענט.

מיט איהם פֿון איין קאָמפּאַניע. אָבער זיין נאַנצעס לעבען איז אויך דאָס וואונדערליכסטע געדיכט. אין „מיטלייד און שרעק" איז גאָר נישט פֿאַרהאַן אין דער גאַנצער סביבה פֿון דער גריעכישער טראַגעדיע וואָס זאָל זיך קאָנען דערמיט מעסטען. די אַבסאָלוטע רייגהייט פֿון דעם פּראָטאַגאָניסט*) דערהעבט דעם גאַנצען בנין צו דער הייכקייט פֿון ראָמאַנטישע קונסט, פֿון וועלכע די ליידען פֿון דאָס טהעבאַנישע הויז**) און די פּעלאָפּידען***) זיינען שוין דורך זייער גרויל אויסגעשלאָסען, און ווייזען ווי אונגערעכט אַריסטאָ-טעל****) איז געוועזען ווען ער שרייבט אין זיין אָבהאַנדלונג איבער דער דראַמע, אַז עס וואָלט געווען אונמעגליך אויסצושטעהן דעם אָנבליק פֿון אַן אונשולדיגען ליידענדען.

נישט ביי עסכילאָס*****) און אויך נישט ביי דאַנטע'ן, אָט די שטרענגע מייסטער פֿון דער צאַרטהייט, נישט ביי שעקספּיר,

---

*) הויפּטהעלד פֿון דער טראַגעדיע.

**) אין די אַלטע צייטען האָבען אין דער גריעכישער שטאָדט טהעבען געקעמפּפט צוויי ברידער פֿאַר דעם קעניגליכען טראָהן. זיי האָבען נישט געוואָלט פֿערגיסען קיין אונשולדיג בלוט און זיינען אַרויס אויף אַ דועל.ביידע האָבען גוט געטראָפֿען און ביידע זיינען געפֿאַלען טויטע. די טראַגעדיע איז געשילדערט פֿון עסכילאָס אונטער דעם נאָמען „זיעבען אַנטגעגען טהעבען".

***) קעניג אַגאַמעמנאָן פֿון פּעלאָפּ'ס הויז ווערט ערמאָרדעט דורך זיין פֿרוי און קוזין, אויך אַ פּעלאָפּיד; זיין זוהן נעהמט נקמה און טויטעט די אייגענע מוטער. דער מוטער-מערדער ווערט פֿערפֿאָלגט פֿון וואַהנ-זין. די טראַגעדיע אין בעשריעבען אין די דראַמען פֿון די גריעכישע דיכטער עסכילאָס, סאָפֿאָקלעס און אייריפּידעס.

****) אַריסטאָטעלעס (384—323 פֿאַר די נייע צייט-רעכנונג), דער „פלסוף אריסטו" פֿון די אידישע חוקרים. זיין ביאָגראַפֿיע איז ער-שינען אין העברעאיש און אידיש.

*****) עסכילאָס (525—456 פֿאַר די נייע צייט-רעכנונג), טראַגע-דיען-דיכטער אין אַלטען גריעכענלאַנד. ער האָט געלעבט אין די צייטען פֿון עזרא און נחמיא.

װעלכער איז מעהר ריין מענשליך ווי אַלע אַנדערע גרויסע קינסטלער, אויך נישט אין קיינע פֿון די קעלטישע*) פֿאַבלען און לעגענדען, אין וועלכע די ליעבליכקייט פֿון דער וועלט שיינט אַרוים דורך אַ נעבעל פֿון טרעהרען און דאָס לעבען פֿון אַ מענ־שען גילט נישט מעהר ווי דאָס לעבען פֿון אַ בלום, איז עטוואָס ערגעץ פֿארהאַן, וואָס מען זאָל קענען אָנוויזען אַז מיט איהר ריינע איינפֿאַכהייט פֿון דאָס ליידען, וועלכע פֿאַראָרען זיך און ווערען איינס מיט דער ערהאַבענהייט פֿון דער טראַגישער ווירקונג, איז דאָס גלייך אָדער נור נאָהענט צו דעם לעצטען אַקט פֿון ישו'ס לײדענס געשיכטע. דער פשוט'ער מאָהלצייט מיט זיינע תלמידים פֿון וועלכע איינער האָט איהם שוין פֿערקויפֿט פֿאַר אַ געוויסען מקח**) די עגמת נפש אין דעם רוהיגען גאָרטען וועלכער איז בעגלאַנצט פֿון דער לבנה; דער פֿאַלשער פֿריינד קומט צו נאָהנט צו איהם, בכדי איהם צו פֿערראַטהען מיט אַ קוס; דער פֿריינד וועלכער גלויבט נאָך אין איהם און אויף וועל־כען ער האָט ווי אויף אַ פֿעלזען געהאָפֿט צו גרינדען אַן ערי מקלט פֿאַר די מענשהייט, פֿערלייקענט איהם, ווען דער האָהן האָט אויסגערופֿען דעם אויפֿגעהענדיגען טאָג; ***) זיין פֿאָלקאָמענע

---

*) די קעלטען האָבען אַמאָל פֿערנומען דעם גרעסטען טהייל פֿון דרום און מערב אייראָפּאַ. לעת עתה געפֿינען זיך קעלטען נור אין וועלס, אירלאַנד, די שאָטישע בערג אין ברעטאַניען. די איינגעבוירענע אירלענדער ריידען נאָך אין אַ ריינעם קעלטיש.

**) יהודה איש קריות, איינער פֿון די צוועלף אַפּאָסטעל, האָט פֿערראַטען זיין רבי'ן פֿאַר 30 זילבערשטיק. און בעת די פֿערפֿאָלגער זיינען בעפֿאַלען ביינאַכט ישו'ס לאַגער, האָט דער מסור איהם געקושט, צום צייכען אַז דאָס איז דער מאַן וועמען זיי זוכען. ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט, און אַז מען האָט פֿערמשפּט ישו'ן צום טוידט, האָט זיך יהודה גענומען דאָס לעבען.

***) שמעון בר-יונה, פעטרוס, דער ערשטער פֿון די צוועלף, איהם האָט ישו געזאָגט (מתיא, ט"ז, 18.) „אויף דעם פֿעלז וועל איך בויען מיין

פּעראיינזאַמונג, זיינע אונטערווירפּיגקייט, ווי ער איז אַלץ מקבל באהבה; און דערביי ווידער אַזוינע סצענען ווי די, וואו דער כהן גדול פּון דער אָרטהאָדאָקסיע רייסט קריעה אים צאָרן, און דער אויבערהערשער פּון דער בירגערליכער גערעכטיגקייט *) לאָזט ברייגגען וואַסער אין דער אומזיסטער האָפּנונג, זיך זעלבסט צו רייניגען פּון דעם פלעק פּון דאָם אונשולדיגע בלוט, וועלכער מאַכט איהם צו דער שאַרלאַך-רויטער פּיגור פּון דער געשיכטע; די קרוינונגס-צערע־מאָניע מיט דעם דערנער קראַנץ; איינע פּון די וואונדערבאַרסטע פּאַסירונגען אין די דברי הימים'ס פּון אַלע צייטען; די קרייצונג פּון דעם אונשולדיגען פּאַר די אויגען פּון זיין מוטער און די תלמידים, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט; די סאָלדאַטען שפּיעלען ווירפּעל און וואַרפּען גורל איבער זיינע קליידער; דער שרעקליכער טוידט, דורך וועלכע ער האָט געגעבען די וועלט איהר אייביגסטען סימבאָל; און סוף כל סוף זיין קבורה אין דעם קבר פּון דעם רייכען מאַן, זיין גוף ווערט איינגעוויקעלט אין עגיפּטישע ליינען, בעזאַלבט מיט טייערע בשמים און פּאַרפּומען, אָט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ בן מלך.

ווען מען בעטראַכט דאָס אַלץ, נור פּון שטאַנדפּונקט פּון

קהלה" און „איך וועל דיר געבען די שליסלען פּון דער הימלישער מלוכה".
אין דער נאַכט פּון ישו'ס געפּאַנגענשאַפּט איז פּעטרוס נאָכגעגאַנגען פּון וויטען צום כהן גדל אין הויף. די דיענסטען האָבען איהם דערקענט אַז ער איז פּון ישו'ס קאָמפּאַניע. ער האָט געלייקענט. און בעת ער האָט אָנגעהויבען צו שווערען, צום דריטען מאָל: „איך קען נישט דעם דאָזיגען מאַן", האָט דער האָהן געקרייהט אויף טאָג.

*) פּאָנטיוס פּילאַטוס, פּינפּטער רוימישער פּראָקוראַטאָר (גאָווערנער) פּין יהודה, שמרון און אדום, פּון יאָהר 45 ביז 35 פּאַר'ן חרבן ירושלים. זיינע נגישות און אכזריות האָבען אַרויסגערופּען אַ סך רעוואָלטען, און ער האָט געמוזט פּאָהרען נאָך רוים זיך פּערענטפּערן אויף זיינע מעשים תעתועים. לויט דער קריסטליכער לעגענדע האָט פּילאַטוס חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט געקרייציגט ישו'ן און איז, צוזאַמען מיט זיין פּרוי, איבערגעגאַנגען צום קריסטענטהום.

דער קונסט אַלײן, קאָן מען נישט אַנדערש ווי דאַנקבאַר זײַן, וואָס דער פֿײערליכער גאָטעס-דיענסט פֿון דער קירכע, איז די פֿאָרשטעלונג פֿון דער טראַגעדיע אָהן דאָס בלוט פֿערגיסען: די מיסטישע פֿאָרשטעלונג, מיט הילף פֿון דיאַלאָג, קאָסטיומען און זאָגאַר תנועות, פֿון איהר הערר'ס לײדען; און שטענדיג איז דאָס פֿאַר מיר אַ קוואַל פֿון נחת רוח און יראת הכבוד צו געדײנקען, אַז דער לעצטער איבעררעשט פֿון דעם גריעכישען כאָרוס,*) וועלכער איז אַנדערשוואו פֿערלאָרען געגאַנגען פֿאַר די קונסט, געפֿינט זיך אין דעם קירכען-שמש, וועלכער ענטפֿערט דעם גלח ביים לײענען די מעססע.**)

דאָך דאָס גאַנצע לעבען פֿון ישו — אַזוי פֿאָלקאָם אַז לײד און שענהײט ווערען אײנס אין זײער טיעפֿער בעדײטונג און דײט־ליכער ענטפֿלעקונג — איז באמת אַן אידיליע, ווען אפילו דער סוף לאָזט זיך אויס דערמיט, אז אין בית המקדש ווערט צוריסען דער פרוכת, אַז חושכ'נים בעדעקט דעם פנים פֿון דער ערד און אַ שטײן ווערט געקײקעלט צו די טיהר פֿון'ם קבר. מען שטעלט זיך איהם תמיד פֿאָר אַלס אַ יונגען חתן אים קרײז פֿון זײנע תלמידים, ווי ער בעשרײבט זיך טאַקי בפֿורש אַזוי אין אײן שטעלע; אַלס אַ פאַסטוך, וועלכער וואַנדערט דורך אַ טהאָל מיט זײנע שאָף זוכענדיג גרינע לאָנקעס אָדער אַ קיהלען שטראָם; ווי אַ זינגער, וועלכער וויל אויפֿבויען דורך מוזיק די מויערן פֿון גאָט'ס שטאָדט; אָדער אַלס אַ ליעבהאָבער פֿאַר וועמעס ליעבע די וועלט איז צו קלײן.

זײנע מופתים זעהען מיר אויס צו זײן אַזוי מלא חן ווי דאָס אָנקומען פֿון פֿריהלינג און אויך אַזוי נאַטירליך. איך זעה דורכאויס

---

*) דער זינגער-כאָר אין דער גריעכישער דראַמע פֿערהאַלט זיך ציוטענוויז צו די העלדען, ווי אין דער אידישער תפלה בצבור דער כאָר— און מאַנכמאָל דער „קהל" — צום חזן.

**) די אויבען דערמאָנטע „מיסטישע פֿאָרשטעלונג, מיט הילף פֿון דיאַלאָג" א.ז.וו., אין דער קאַטהאָלישער קירכע, ווערט אָנגערופֿען „מעססע".

קיין שווערינקייט נישט אין דעריין, צו גלויבען אַז זיין פּער־זענליכקייט האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כשוף, אַז בלויז זיין געגענוואַרט האָט געבראַכט פריעדען צו די געקוועלטע נשמות, און אַז די וועלכע האָבען בעריהרט זיינע קליידער אָדער זיינע הענד, האָבען פערגעסען זייער שמערץ; אָדער אַז, בעת ער איז אַריבער געגאַנגען דעם פוהר-וועג פון׳ם לעבען, יעמאָלט האָבען פערזאָנען וועלכע האָבען ביז איצטער גאָר קיין השגה נישט גע־האַט פון דעם לעבענס סוד, עס אַצינדערט דערזעהן גאַנץ בע־שיינפערליך, און אַנדערע וועלכע זיינען ביז אַהער געווען טויב פאַר יעטוועדען אַנדער קול אויסער פון דער פרייד, האָבען צום ערשטען מאָל דערהערט די שטימע פון דער ליעבע און אויסגע־פונען איהר אַז זי איז אַזוי „מוזיקאַליש ווי אַפּאָללאָ׳ס לירע״; *) אָדער אַז שלעכטע תאוות פלעגען ענטלויפען ביי זיין דערנעהענ־טערונג, און מענשען וואָס זייער טרוקענעס, פאַנטאַזיעלאָזעס לעבען איז געוועזען נור אַ פאָרמע פון טוידט, זיינען ווידער אויפגעשטאַנען פון׳ם קבר, ווען ער האָט זיי גערופען; אָדער אַז בעת ער האָט גע׳דרש׳ענט אַראָב באַרג האָבען די צוהערער פערגעסען זייער הונגער און דאָרשט און די דאגות פון דער דאָזיגער וועלט, און אַז זיינע פריינד וועלכע האָבען זיך צו איהם איינגעהאָרכט, ווען ער איז געזעסען ביים מאָהלצייט, האָט וואויל געשמעקט די גראָבע אכילה, דאָס וואַסער האָט געהאַט דעם טעם פון גוטען וויין און דאָס גאַנצע הויז איז געוועזען ערפילט מיט דעם זיסען ריח פון נאַרדען בשמים.

---

*) אַפּאָללאָ, איינער פון די בעליעבטעסטע געטער אין אַלטען גריעכענלאַנד. דער גאָט פון מוזיק און דער בעשיצער פון די שענע קונס־טען. ער איז אָפט פאָרגעשטעלט געוואָרען מיט דער לירע אין האַנד. (זיין מקור איז סעמיטיש, אַפּאָל—עבל—איז איינער פון די נעמען פון זון־גאָט „תמוז״ אין סיריען. „יובל״ איז ביי יודען דער פאָטער פון מוזיק— בראשית ד׳ 21.)

רענאַן *) אין זיין בוך „דאָס לעבען ישו" — דאָס חנ'עוודיגע פינפטע עוואַנגעליום, וועלכען מען מעג אָנרופען, דאָס עוואַנגעליום נאָך דעם הייליגען טהאָמאַס **) — זאָגט ערגעץ וואו אַז ישו'ס גרויסע ווערק איז געווען דאָס וואָס ער האָט זיך אַזוי פיעל בע־ליעבט געמאַכט נאָך זיין טוידט, אַזוי ווי ער איז בעליעבט געווען ביי זיין לעבען. און זיכער, אויב זיין פלאַץ איז צווישען די דיכ־טער, דאַן פיהרט ער דעם קאַראַהאָד פון אַלע ליעבהאָבער. ער האָט איינגעזעהען אַז ליעבע איז געווען דער ערשטער סוד פון דער וועלט, נאָך וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט די חכמים, און אַז זי איז די איינציגע דורך וועלכע מען קאָן זיך דערנעהנטערן צו דאָס האַרץ פון דעם קרעציגען אָדער צו די פיס פון גאָט.

און קודם כל, ישו איז דער העכסטער אינדיווידואַליסט. די עניוות, פונקט ווי די קינסטלערישע אָננעהמונג פון אַלע ערפאַה־רונגען, איז בלויז אַ פאָרמע פון ענטפלעקונג. דאָס איז די מענש־ליכע נשמה נאָך וועלכע ישו קוקט זיך תמיד אַרום. ער רופט זי אָן גאָט'ס מלוכה — הָעָ באַסיליאַ טוה טהעאו — און געפינט זי ביי יעטוועדען איינעם. ער פערגלייכט זי צו קליינינגקייטען, צו אַ דינעם קערנדיל, צו אַ הייפעל זויערטייג, צו אַ פערל. דאָס איז מחמת דעם, ווייל זיין נשמה בילדעט איינער נור דורך דעריין,

*) יאָזעף ערנסט רענאַן (1823—1892), פראַנצויזישער געלעהר־טער. בעריהמט דורך זיינע ווערק איבער די סעמיטישע געשיכטע און שפראַכען. ער האָט אויך געשריעבען די „געשיכטע פון פאָלק ישראל" אין 5 בענדער. דאָס „לעבען ישו" האָט ער שפעטער פערגרעסערט צו אַ „געשיכטע פון דעם אָנפאַנג פון קריסטענטום", אין 6 בענדער.

**) תומא הישראלי, איינער פון די צוועלף אַפּאָסטעל. אַ מאַן מיט אַ גוטע האַרץ אָבער אַ גרויסער צווייפלער, וועלכער גלויבט נור אין דעריין וואָס ער קאָן „אָנטאַפּען און אָנקוקען". עס איז פאַרהאַן אַן עוואַנ־געליום אויף זיין נאָמען, אָבער ער רעכענט זיך פאַר נישט עכט — אַפּאָקריפיש — און געהט נישט אַריין אים נייעם טעסטאַמענט, ברית החדשה, וועלכער ענטהאַלט נור פיער עוואַנגעליען (בשורות): נאָך מתיא, נאָך מאַרקוס, נאָך לוקס און נאָך יוחנן.

וואָס ער ווערט פטור פון פרעמדע ליידענשאַפטען, אַלע ערוואָר־בענע קולטור, און דעם גאַנצען אויסערליכען פערמעגען, זאָלען זיי זיין גוט אָדער שלעכט.

איך האָב מיך אויפגערעגט אַנטקעגען אַלצדינג מיט דער האַרטנעקיגקייט פון מיין רצון און נאָך מעהר מיט דעם רעוואָל־טירענדען גייסט פון מיין עצם, ביז איך האָב לגמרי גאָרנישט מעהר געהאַט אויף דער וועלט אויסער איין זאַך. איך האָב געהאַט פערלאָרען מיין נאָמען, מיין שטעלונג, מיין גליק, מיינע פרייהייט, מיין פערמעגען. איך בין געווען אַן אַרעסטאַנט און אַ בעטלער. אָבער נאָך איז מיר געבליבען אַ ליעבליכער פערמעגען: מיינע זיהן. פלוצלונג זיינען זיי פון מיר צוגענומען געוואָרען דורך דאָס געזעץ. דער קלאַפ איז געווען אַזאַ בעטויבענדער אַז איך האָב נישט געוואוסט, נישט איין און נישט אויס, דערום האָב איך מיך אַניעדער געוואָרפען אויף די קניע, און איינגעבויגען מיין קאָפ, און געוויינט, און געזאָגט: „דער גוף פון אַ קינד איז גלייך ווי דער גוף פון דעם הערן; איך בין זיי ביידען נישט ווערטה.” עס זעהט אויס אַז דער דאָזיגער מאָמענט האָט מיך געראַטעוועט. איך האָב דענסטמאָל איינגעזעהן אַז עס בלייבט מיר נישט איבער קיין אַנדער ברירה ווי אַלצדינג מקבל באהבה צו זיין. זייט דעם — ווי מאָדנע דאָס וועט בלי שום ספק קלינגען — זייט דעם בין איך געוועזען גליקליכער.

עס פערשטעהט זיך ממילא אַז דאָס וואָס איך האָב געהאַט עררייכט איז דאָס געווען מיין נשמה אין איהר לעצטען גלגול. אין אַסך בעציהונגען בין איך געווען איהר פיינד, דאָך האָב איך זי געפונען וואַרטענדיג אויף מיר אַלס אַ פריינד. ווען מען קומט אין בעריהרונג מיט דער נשמה, לאָזט זי איינעם ווערען נאַאיוו ווי אַ קינד, וואָס מען זאָל דאָך יאָ אויך זיין לויט די ווערטער פון ישו.

עס איז טראַגיש, ווי ווייניג מענשען דאָס געלינגט צו „בעזיצען

זייערע אייגענע נשמות" איידער זיי שטאַרבען. עמערסאָן*) זאָגט: „קיין זאַך איז נישט אַזוי זעלטען ביי אַ מענשען ווי צו טהאָן עפּעס מיט דעם אייגענעם רצון". דאָס איז זעהר ריכטיג. דאָס רוב לייט זיינען אַנדערע לייט. זייערע מחשבות זיינען די מיינונגען פון אַנדערע, זייער לעבען איז אַ נאָכאַהמונג, זייערע ליידענשאַפטען אַ ציטאַט. ישו איז געווען נישט נור דער העכסטער אינדיווידואַליסט, נאָר ער איז אויך געווען דער ערשטער אינדיווידואַליסט אין דער געשיכטע. לייט האָבען זיך בעמיהט צו מאַכען פון איהם אַ גע־וועהנליכען בעל צדקה, פון דעם סאָרט שוידערהאַפטע פילאַנטראָ־פען פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט, אָדער מען האָט איהם אַריינ־געריבענט אַלס אַן אַלטרואיסט**) אונטער די אונוויסענדע און סענטימענטאַלע. אין דער אמת'ן אָבער איז ער געווען נישט דאָס און נישט דאָס. אַודאי האָט ער געהאַט מיטלייד מיט די אָרימע, מיט די וואָס זיינען פערשפּאַרט אין די תפיסות, מיט די ניעדעריגע, מיט די עלענדע; אָבער אַ סך מעהר מיטלייד האָט ער געהאַט מיט די רייכע, מיט די איינגעפלייטע העדאָניסטען***), מיט די וועלכע פערשווענדען זייער פרייהייט ווערענדיג שקלאַפען צו גשמיות, מיט די וועלכע געהען אָנגעטהאָן אין טייערע מלבושים און וואוינען אין קעניגליכע פּאַלאַצען. רייכקייט און וואויל־לעבען האָבען איהם אויסגעוויזען צו זיין באמת גרעסערע טראַגעדיעס ווי אָרימקייט און יסורים. און וואָס עס איז נוגע זיין נעקסטען־ליעבע, ווער האָט עס נאָך בעסער געוואוסט ווי ער אַז דאָס וואָס עס ענטשיידעט אונזער בעשלוס איז נישט קיין פרייער ווילען נאָר געצוואונגענהייט, און אַז מען קאָן נישט קלייבען קיין וויינטרויבען פון דערנער אָדער פייגען פון שטעכעלקעס.

---

*) עמערסאָן (1803—1882), אַמעריקאַנער דיכטער און פּובליציסט. מאַנכע פון זיינע אַרטיקלען זיינען איבערזעצט אין יודיש.

**) דער וואָס איז מקיים דעם „ואהבת לרעך כמוך".

***) די וואָס לעבען נור פאַר תענוגים.

צו לעבען פאַר אַנדערע, מיט אַ בעשטימטען, קלאָר אַנער־קענטען שטרעבען, איז נישט געווען זיין לעהרע, נישט דער יסוד פון זיין אמונה. בעת ער זאָגט: „זייט מוחל אייערע שונאים", אַזוי זאָגט ער דאָס נישט דעם שונא צוליעב, נאָר פון אונזער אייגענער טובה וועגען, און מחמת די ליעבע איז אַ סך שענער ווי די שנאה. און בשעת ער שטעלט די פאָדערונג צו דעם רייכען בחור'ל: „פערקויף אַלץ וואָס דו פערמאָגסט און גיעב דאָס אַוועק צו די אָרימע", אַזוי דיינקט ער נישט דערביי אָן דעם מצב פון די אָרימע, נאָר אָן די נשמה פון דעם רייכען בחור, די ליעבליכע נשמה וואָס ליידעט נויט אונטער דעם לאַסט פון דער רייכקייט.

אין זיין קוק אויפ'ן לעבען איז ער איינס מיט דעם קינסטלער ווערלכער ווייס וואויל אַז מחמת דעם נישט פערמיידליכען געזעץ פון דער זעלבסט־פערפאָלקאָמונג מוז דער דיכטער זינגען, דער סקולפטור דיינקען אין בראָנז, און דער מאַלער מאַכען די וועלט אַלס אַ שפיעל פאַר זיינע שטימונגען, מיט אַזאַ זיכערהייט און געוויסהייט אָקוראַט ווי דער וויס־דאָרן מוז בליהען אים פריהלינג, און די קאָרן מוזען אָנגעהמען גאָלד קאָליר אין שניט־צייט, און די לבנה אויף איהר אָנגעצייכענטער וואַנדער־וועג ענדערט זיך פון שילד צום סערפּ, און פון סערפּ צום שילד.

דאָך אויב ישו זאָגט נישט צום מענשען: „לעבט פאַר אַנדערע", מערקט ער דערפאַר אָן אַז עס איז בכלל נישט פאַרהאַן קיין חלוק צווישען דעם לעבען פון אַנדערע און אונזער אייגענעם לעבען. אין אָט דעם זינען גיעט ער דעם מענשען אַן אויסגעשפרייטע, אַ טי־טאַנישע פערזענליכקייט. זינט זיין ערשיינען איז די געשיכטע פון יעטוועדען יחיד געוואָרען, אָדער קאָן געמאַכט ווערען צו דער געשיכטע פון דער וועלט. בלי שום ספק האָט די קולטור געשטיי־גערט די פערזענליכקייט פון דעם מענשען. די קונסט האָט פער'־כפל כפלים'ט אונזער גייסט. די וועלכע בעזיצען דעם קינסטלער טעמפעראַמענט געהען מיט דאַנטען אין גלות*) און לערנען ווי

*) אין יאָהר 1302 איז דאַנטע פערטריעבען געוואָרען פון זיין היימאַט.

געזאַלצען עס איז דאָס ברויט פֿון צווייטען, און ווי גליציג עס זיינען זייערע טרעפּ; זיי דערגרייכען פֿאַר אַ מאָמענט די לויטערקייט און רוהיגקייט פֿון געטהע, און ווייסען פֿון דעסטוועגען צו גוט אַז באָדלער*) האָט אויפֿגעשריען צו גאָט—

'O Seigneur, donnez moi la force et le courage
De contempler mon corps et mon coeur sans dègoût.'**)

זיי זוכען אַרום פֿון שעקספּיער'ס סאָנעטען, מעגליך צו זייער אייגענעם שאָדען, דעם סוד פֿון זיין ליעבע און מאַכען איהם צו זייער אייגענעם; זיי קוקען מיט נייע אויגען אויף דאָס מאָדערנע לעבען, מחמת זיי האָבען זיך איינגעהערט צו איינע פֿון שאָפּען'ס נאָקטורנען***) אָבער זיך אָבגעגעבען מיט גריעכישע קונסטען, אָדער געלייענט די געשיכטע פֿון דער ליידענשאַפֿט פֿון אַ טויטען מאַן צו אַ טויטע פֿרוי, וועמעס האָר עס זיינען אַזוי ווי פֿאָדים פֿון גינגאָלד, און וועמעס מויל עס איז גלייך צו אַ מילגרוים.

אָבער דאָס דאָזיגע מיטפֿיהלען פֿון דעם קינסטלערישען טעמפּעראַמענט ציעלט זיך נויטוועגדיגערווייזע נור אויף דאָס וואָס עס איז געבראַכט געוואָרען צום אויסדרוק. אין ווערטער אָדער קאָלירען, אין טענער אָדער אין מאַרמאָר, אונטער די געמאָלטע מאַסקעס פֿון אַ דראַמע פֿון עסכילאָס, אָדער דורך די דורכגעבויערטע און צוואַ־

פֿלאָרענץ, מחמת זיין אַגיטאַציאָן פֿאַר אַ פֿעראייניגטען איטאַליען איז געוועזען נעגען די אינטערעסען פֿון דעם רעגירענדען פֿירסט, און 17 יאָהר (1302—1319) איז ער געוועזען נע ונד אין גלות.

*) שאַרל באָדלער Baudelaire (1821—1867) דער בעריהמטער פֿראַנצויזישער דיכטער, וועלכער האָט געזונגען איבער די „בלומען פֿון בייז".

**) אָה, גאָט, גיעב מיר קראַפֿט און מוטה
צו בעטראַכטען מיין חומר און מיין תוך אָהן עקעל.

*) שאָפּען (1809—1849), פֿראַנצויזיש-פּוילישער קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַניסט. ער האָט פֿערפֿאַסט אַ סך מוזיק שטיק. דעם שטאַרקסטען איינדרוק אָבער מאַכען זיינע „נאָקטורנען" (נאַכט-מוזיק).

מענגעבונדענע ראָהר־פּייפלעך פון די סיציליענישע פאַסטוכער, האָט געמוזט ענטפּלעקט געוועזען זיין דער מאַן און זיין ליעבעס־בונד.

דער אויסדרוק איז פאַר דעם קינסטלער די איינציגע פאָרמע אונטער וועלכע ער קאָן איבערהויפּט בעגרייפען דאָס לעבען. פאַר איהם איז טוידט דאָס וואָס איז שטום. נישט אַזוי איז דאָס אָבער געוועזען ביי ישו׳ן. מיט אַ ברייטער און וואונדערבאַרער פאַנטאַזיע, וועלכע ערפילט כמעט יעטוועדען איינעם מיט יראת הרוממות, האָט ער איינגענומען די גאַנצע וועלט פון דער פערשוויגענהייט, די וועלט פון שמערצען, וועלכע האָט נישט קיין שטימע, צו זיין קעניגרייך און האָט זיך גופא געמאַכט צו איהר אייביגען מליץ יושר. די יעניגע פון וועלכע איך האָב שוין פריהער גערעדט, וועלכע זיינען שטום אין זייער עלענד און „וועמעס שווייגען עס ווערט פערנומען נור פון גאָט אַליין״, אָט די האָט ער זיך אויסגעקליעבען פאַר ברידער. ער האָט געזוכט צו ווערען די אויגען פון דעם בלינדען, די אויערן פון דעם טויבען און אַ נויט־געשריי אויף די ליפּען פון די יעניגע וועמעס צונגען עס זיינען געוועזען געבונדען. זיין תשוקה איז געוועזען צו זיין פאַר די אונצעהליגע וועלכע האָבען נישט געפונען קיין שפּראַך אַ גרויסער טראָמפּייט דורך וועלכען זיי זאָלען קאָנען רופען צום הימעל. און פיהלענדיג, אַ דאַנק דער קינסטלערישער נאַטור פון איינעם פאַר וועלכען צער און יסורים זיינען געוועזען נור אופנים, דורך וועלכע ער האָט געקאָנט פער־ווירקליכען זיין השגה פון דער שענקייט, איז ער זיך געוועזען בע־וואוסט אַז אַ אידעע האָט נישט קיין שום ווערטה כל זמן זי ווערט נישט פערקערפּערט אין פלייש און ווערט נישט געמאַכט צום בילד, בכן האָט ער זיך גופא געמאַכט צום בילד פון דעם ליידענדען מאַן, און אַלס אַזעלכער האָט ער בעצויבערט און בעהערשט די קונסט ווי קיין גריעכישער גאָט האָט דערצו קיינמאָל נישט זוכה געוועזען.

דען די גריעכישע געטער, נישט קוקענדיג אויף דאָס וויים און רויט פון זייערע שענע שלאַנקע גליעדער, זיינען געוועזען בפועל ממש

נישט דאָס וואָס זיי האָבען אויסגעוויזען צו זיין. דער רונדער שטערן פֿון אַפּאָללאַ איז געווען עהנליך צו דעם עגול פֿון דער זון, וועל־כער שטעהט בעגינען איבער אַ באַרג, און זיינע פֿיס האָבען אויסגעזעהן ווי די פֿליגלען פֿון מאָרגען, אָבער ער גופא איז געווען אַן אכזר אַנטגעגען מאַרסיאַס און האָט בערויבט ניאָבע׳ן פֿון איהרע קינדער. אין די שטאָהלענע שילדען פֿון אַטהענאַ׳ס אויגען האָט נישט געגלאַנצט קיין רחמנות אויף אַראַכנע׳ן; די פּראַכט־פֿולע מאַיעסטעט, און די פּאַווען פֿון הערא זיינען געווען דער סך הכל פֿון אַלץ וואָס איז ווירקליך געווען נאָבעל אין איהר; און דער טאַטע גופא פֿון די געטער איז געווען צו פֿיעל פֿערליעבט אין די מענשען־טעכטער.*)

די צוויי טיעף בעדייטונגספֿולע געשטאַלטען פֿון דער גריעכישער מיטהאָלאָגיע זיינען געווען, אין רעליגיאָן, דעמעטער, אַן אירדישע גאָטהייט, נישט פֿון די אָלימפּישע, און אין דער קונסט, דיאָניס, דער זוהן פֿון אַ שטערבליכע פֿרוי, פֿאַר וועלכע דער אויגענבליק פֿון זיין געבורט איז אויך געוואָרען צוגלייך דער אויגענבליק פֿון איהר טויט.**)

---

*) מאַרסיאַס, אַ סאַטיר (וואַלד־גאָט), האָט זיך פֿערמאָסטען מיט אַפּאָלאָ׳ן (זעה אויבען זייטע 81) אין דער מוזיקאַלישער קונסט. אַפּאָלאָ האָט געזיעגט און האָט מאַרסיאַס׳ן אַראָבגעצויגען די הויט. אויף מאַנכע גריעכישע סטאַטוען איז אַפּאָלאָ׳ס לירע בעציערט מיט דעם בילד פֿון הענגענדען מאַרסיאַס.—די געטין ניאָבע האָט זיך גע׳יחס׳ענט מיט איהרע קינדער געגענאיבער אַפּאָלאָ׳ס מוטער. אַפּאָלאָ און זיין שוועסטער האָבען דערפֿאַר ערמאָרדעט ניאָבע׳ס קינדער. — אַטהענאַ־מינערוואַ האָט פֿער־וואַנדעלט אַראַכנע׳ן אין אַ שפּין דערפֿאַר וואָס זי האָט אויפֿגעפֿאָדערט די ערשטע זיך צו פֿערמעסטען אין דער וועבעריי קונסט. — הערא איז די קעניגין און מוטער פֿון די געטער אויף דעם באַרג אָלימפּ, די אייפֿער־ און ראַכע־זיכטיגע פֿרוי פֿון צעאוס (דער טאַטע פֿון די געטער). די פּאַווע איז געווען איהר ליעבלינגס פֿויגעל.

**) דעמעטער, די מוטער ערד, די געטין פֿון לאַנדווירטשאַפֿט און ציוויליזאַציאָן. זי טהיילט די מענשליכע ליידען און פֿריידען זי איז די

אָבער דאָס לעבען גופא האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין ניעדעריג־סטער און איינפאַכסטער סביבה אַ פיעל הערליכערע וואונדערגע־שטאַלט ווי די מוטער פון פּראָסערפינאַ אָדער דער זוהן פון דער סעמעלע. פון דעם סטאָלער'ס ווערקשטאַט אין נצרת איז אַרויס־געקומען אַ פּערזענליכקייט וועלכע איז געווען אָהן אַ שיעור גרעסער ווי זי איז ווען עס איז געווען אויסגעטראַכט אין פאַבלען און לעגענדען, אַ פּערזענליכקייט, וועלכע איז, מאָדנע גענוג, געווען בעשטימט צו ענטפּלעקען פאַר דער וועלט די געהיימניספולע בעדייטונג פון דעם ווייַן און די אמת'ע שענקייט פון די ליליען אויף'ן פעלד, ווי דאָס האָט קיינער נישט געטהאָן, נישט אויף דעם קיטהעראָן אָדער אין עננאַ.*)

דער געזאַנג פון ישעיה הנביא —

„נבזה וחדל אישים, איש מכאבות, וידוע חלי: וכמסתר פנים ממנו",**)

האָט איהם געקלונגען ווי אַ פאָראויס זאָגונג אויף איהם גופא, און די נבואה איז אין איהם מקוים געוואָרען.

מיר דאַרפען זיך נישט אָבשרעקען פאַר אַזאַ פראַזע. יעטווע־דעם איינצעלנע קונסט ווערק איז די ערפילונג פון אַ נבואה: דען יעטוועדעס קונסטווערק איז די אומוואַנדלונג פון אַן אידעע אין אַ בילד. יעטוועדעס איינצעלנע מענשליכע וועזען האָט געזאָלט זיין די

מוטער פון פּראָסערפינאַ-פּערסעפאָנע, די געטין פון טויט.—דיאָניס, דער פריהלינג, דער גאָט פון ווייַן, פרעהליכקייט, ערלעזונג און בעפרייאונג. ער איז דער זוהן פון צעאוס און סעמעלע, אַ פּשוט'ע בשר ודם, וועל־כע הערא האָט פערניכטעט.

*) אויף די בערג קיטהעראָן אין גריעכענלאַנד, און עננאַ, אין סיציליען, זיינען געשטאַנען טעמפּלען פאַר די געטער פון לאַנדווירטשאַפט און וויין.

**) „ער איז פעראַכטעט און אויסגעשלאָסען פון מענשען, אַ מאַן פון שמערצען, און בעקאַנט מיט קראַנקהייט: און מיר האָבען אַזוי ווי בעהאַלטען אונזערע פּנים'ער פון איהם". (ישעיה, נ"ג, 3.)

ערפילונג פון אַ נבואה: דען יעטוועדעס אײנציגע מענשליכע וועזען האָט געזאָלט זײַן די פערווירקליכונג פון וועלכען עס איז אידעאַל, אין די אויגען פון גאָט אָדער אין די אויגען פון מענשען. ישו האָט געפונען דעם טיפ און האָט איהם אויסגעבילדעט, און דער חלום פון אַ געטליכען דיכטער, אין ירושלים אָדער אין בבל, האָט אין דער לאַנגער ענטוויקלונג פון די יאָהר הונדערטע בעקומען בלוט און פלייש דורך איהם, אויף וועמעס אָנקומען די וועלט האָט „גע־וואַרט".

„משחת מאיש מראהו, ותוארו מבני אדם." *)

דאָס האָט ישעיה אויפגעצייכענט אונטער די דערקענונגס צייכענס פון דעם נייעם אידעאַל.

אַזוי גיך ווי די קונסט האָט פערשטאַנען וואָס דערמיט איז געווען געמיינט, האָט זי זיך אויפגעעפענט ווי אַ בלומען־בעכער אים געגענוואַרט פון דעם יעניגען, אין וועמען דער אמת אין דער קונסט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַזוי בעשײַנפערליך ווי קיינמאָל נישט פריהער. דען איז דאָס אפשר נישט אמת אין דער קונסט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַז די נשמה ווערט בעקליידעט מיט פלייש, דער גוף דורכדרונגען מיט גייסט און די פאָרמע ענטפלעקט זיך?

איינע פון די בעדויערליכסטע געשעהענישע אין דער געשיכטע איז פאַר מיר, דאָס וואָס ישו'ס אייגענע רענעסאַנס, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט די קאַטהעדראַל אין שאַרטערס, דעם קרייז לעגענ־דען פון קעניג אַרטהור, דאָס לעבען פון הייליגען פראַנץ פון אַססיסי, די קונסט פון גיאָטטאָ,**) און די „געטליכע קאָמעדיע" פון

---

*) זײַן געזיכט איז געווען העסליכער ווי ביי אַנדערע לײַט, און זײַן געשטאַלט מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע מענשען־קינדער. (ישעיה נ"ב, 14.)

**) קעניג אַרטהור, לעגענדאַרישע פּערזענליכקייט פון 6טען יאָהר־הונדערט. לויט דער מיטעל־אַלטערליכע לעגענדע האָט ער אַסך געטהאָן פאַר דער פערשפּרייטונג פון קריסטענטהום.—פראַנץ פון אַססיסי (1182—1226), דער גרינדער פון דעם בעריהמטען קאַטהאָלישען אָרדען

דאַנטע'ן, האָט זיך נישט געקאָנט ווייטער ענטוויקלען אויף איהר אייגענעם שטייגער, נאָר איז געוואָרען געשטערט און פֿערדאָרבען דורך די טרויעריגע קלאַסישע רענעסאַנס, וועלכע האָט אונז געשענקט פעטראַרקאַ, און ראַפֿאַעל'ס וואַנד מאַלערייען און פאַלאַדיאָ'ס אַרכיטעקטור,*) און די אין פֿאָרמען פֿערשטיינערטע פֿראַנצויזישע טראַגעדיע, און סט. פאול'ס קאַטהעדראַל און פאָפּ'ס דיכטונג און אַלצדינג וואָס שטאַמט פֿון דרויסען און דורך טויטע כללים, און קומט נישט אַרויס פֿון אינעווייניג, דורך אַ וועלכען עס איז בעלעבענדען גייסט. אָבער אומעטום וואו נור עס איז פֿאַרהאַנען אַ ראָמאַנטישע בעוועגונג אין קונסט, יעמאָלט איז ערגעץ וואו אונטער וואָסער עס איז פֿאַר אַ געשטאַלט, ישו, אָדער די זעעלע פֿון ישו. ער איז אין „ראָמעאַ און זשוליעט", אין די „ווינטער מעשה'לע", אין דער פּראָווענסאַלישער פּאָעזיע, אין קאָלערידזש'ס „אַלטע מאַטראָזען", אין La Belle Dame sans merci און אין טשעטערטאָן'ס „באַלאַדע פֿון דער באַרמהערציגקייט".**)

מיר פֿערדאַנקען איהם די פֿערשיעדענסטע זאַכען און מענשען. וויקטאָר הוגאָ'ס „לע מיזעראַבל'ס", באָדלער'ס „בלומען פֿון בייז", דער טאָן פֿון מיטלייד אין די רוסישע נאָוועלען, ווערלען און זיינע

פֿון די „פֿראַנציסקאַנער". די קריסטליכע לעגענדע דערצעהלט פֿיעל פֿון זיין קדושה, צדקות און מופתים.—גיאָטטאָ (1266—1337), דער ערשטער גרויסער מאַלער פֿון דער נייער קונסט עפּאָכע אין איטאַליען, וועלכע מען בעצייכענט מיט'ן נאָמען רענעסאַנס, די ווידערגעבורט פֿון דער קונסט. צווישען זיינע פֿיעלע שעפּפֿונגען געפֿינען זיך אויך 28 וואַנד מאַלערייען מיט שילדערונגען פֿון פֿראַנץ פֿון אַססיסי'ס לעבען און מופתים. גיאָטטאָ איז אויך געווען אַן אַרכיטעקט און האָט געבויט דעם ווייטער דערמאָנטען „גלאָקען-טהורם".

*) פעטראַרקאַ (1304—74) איטאַליענישער פּאָעט, געקרוינט פֿון רוימישען סענאַט צום דיכטער-קעניג.—פּאַלאַדיאָ (1518—80) איטאַליענישער אַרכיטעקט, גרינדער פֿון אַ נייעם סטיל אין דער אַרכיטעקטור.

**) פּאָפּ (1688—1744), קאָלערידזש (1772—1834) און טשעטערטאָן (1752—70) : ענגלישע דיכטער.

ליעדער*), דאָס קאָלירטע גלאָז און טעפּיכען און די קוואַטראָ־צענטאָ אַרבײט פֿון באָירן־דזשאָהנס און מאָררים**) געהערען צו איהם נישט װעניגער װי דער גלאָקען־טורם פֿון גיאָטטאָ, לאַנסעלאָט און דזשינעװער, טאַנהײזער***), די לײדענספֿולע ראָמאַנטישע מאָר־מאָר װערק פֿון מיכעל אַנדזשעלאָ און דער שפּיץ־בויגען־סטיל, און די ליעבע צו קינדער און בלומען — פֿאַר װעלכע בײדע עס איז באמת געװען װעניג פּלאַץ איבעריג אין דער קלאַסישער קונסט, קוים גענוג פֿאַר זײ צו װאַקסען אָדער זיך צו שפּיעלען אין דערײן, אָבער װעלכע, פֿון צװעלפֿטען יאָהרהונדערט אָן ביז אַראָב צו אונ־זערע טעג, זײנען אָהן אַן אױפֿהער ערשינען אין דער קונסט, אונטער פֿערשיעדענע פֿאָרמען און צו פֿערשיעדענע צײטען, קומענדיג קאַפּ־ריזנע און פֿער׳עקשן׳ט, אָט אַזױ װי קינדער און בלומען זײנען גענײגט צו טהאָן: דער פֿריהלינג מאַכט תמיד אױף אײנעם דעם אײנדרוק אָקוראַט װי די בלומען װאָלטען זיך פֿערבעהאַלטען, און טרעטען אַרױס צו דער ליכט פֿון דער זונן נור מחמת דעם װײל זײ האָבען מורא אַז די ערװאַקסענע װעלען מיעד װערען זיך אַרום צו קוקען נאָך זײ און אױפֿגעבען זײער זוכען; און דאָס

---

*) װערלען (1844—96) מאָדערנער פֿראַנצױזישער דיכטער. (זעה אױבען זײטע 15).

**) די ענגלישע מאָלער באָירן־דזשאָנס (געבאָרען 1833) און װיליאַם מאָררים (1834-96). האָבען געמאָלען אין דעם סטיל פֿון דער רענעסאַנס, אין פֿיערצענטען, קװאַטראָ־צענטאָ, יאָהרהונדערט. װיליאַם מאָררים איז אױך געװען אַ בעריהמטער סאָציאַליסטישער רעדנער און שריפֿטשטעלער, אַ בעדײטענדער דיכטער און דער אײנפֿיהרער פֿון קונסט־פֿאָרמען אין דער בוך־דרוקערײ און בוך־בינדערײ.

***) לאַנסעלאָט, אַ לעגענדאַרישער העלד, פֿון דעם אױבען דערמאָנטען קרײז לעגענדען װעגען קעניג אַרטהור.—דזשינעװער, די פֿרױ פֿון קעניג אַרטהור אין װעלכע לאַנסעלאָט פֿערליעבט זיך.—טאַנ־הײזער, אַ מיטעלאַלטערליכער ריטער—אַ מין „מאָניש" פֿון י. ל. פּרץ—װאָס װערט פֿערנאַרט פֿון װענוס (אָדער לילית); דער העלד פֿון װאַגנער׳ס אָפּערא מיט אָט דעם נאָמען.

לעבען פֿון אַ קינד איז נישט געווען מעהר ווי אַן אַפּריל טאָג אין וועלכען אי עס רעגענט און אי עס שיינט די זונן פֿאַר די נאַרציסען.

דאָס איז די רייכע פֿאַנטאַזיע און ישו'ס אייגענער טבע וואָס מאַכט איהם צו דעם דאָזיגען פּולס און מיטעל-פּונקט פֿון דער ראָמאַנטיק. די מאָדנע בילדליכע ווערטער אין דאָס פּאָעטישע דראַמאַ און אין דער באַלאַדע זיינען אויסגעטראַכט געוואָרען פֿון אַן אַנדערענס דמיונות, אָבער ישו הנוצרי האָט זיך גופא געשאַפֿען גאַנץ פֿון זיין אייגענעם דמיון. דער אַנגסט געשריי פֿון ישעיה האָט מיט זיין ערשיינען בפועל ממש נישט געהאַט מעהר קיין שייכות, ווי דאָס געזאַנג פֿון דער נאַכטיגאַל האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם אויפֿגאַנג פֿון דער לבנה — נישט מעהר, הגם אפשר אויך נישט ווייניגער: ער איז געווען די פֿערניינונג אַזוי גוט ווי די בעשטעטיגונג פֿון דעם נביא'ס וואָרט. אויף יעטוועדער הבטחה וואָס ער האָט ערפֿילט איז געקומען אַן אַנדערע וועלכע ער האָט צושטערט.

בעקאָן *) זאָגט: „אין אַלער שענקייט ליעגט עפּעס אַ מאָדנע גלייכמאָסיגקייט", און פֿון די יעניגע וועלכע זיינען געבאָרען פֿון'ם גייסט — דאָס הייסט, אָט די וועלכע זיינען גלייך ווי ער טריי-בענדע קרעפֿטען — זאָגט ישו אַז זיי זיינען גלייך צום ווינד וועלכער „בלאָזט וואו ער וויל, און קיין מענש קאָן נישט זאָגען פֿון וואַנען ער קומט און וואוהין ער געהט". דאָס איז דער טעם וואָרום ער איז אַזוי בעצויבערנד פֿאַר דעם קינסטלער. ער האָט אין זיך אַלע פֿאַרביגע עלעמענטען פֿון לעבען: געהיימניספֿולעס, מאָדנעקייט, ריהרונג, השפעה, התלהבות, ליעבע. ער ווענדעט זיך צו דעם גלויבען אין מופתים און בעשאַפֿט יענע שטימונג וואָס נור ארויסגעהענדיג פֿון איהר אַליין קאָן ער ווערען פֿערשטאַנען.

---

*) לאָרד בעקאָן (1561—1620) בעריהמטער ענגלישער פֿילאָזאָף אין שעקספּיער'ס צייטען. (מאַנכע בעהויפּטען אַז ער איז דערווירקליכער פֿערפֿאַסער פֿון „האַמלעט".)

און איך האָב שטאַרק הנאה פֿון דעם געדאַנק אַז אויב ער איז אַן „אַלץ אומפֿאַסענדע פֿאַנטאַזיע," דאַן איז די װעלט גופֿא פֿון דעם זעלבינגען שטאָף.

אין „דאָריאַן גריי" האָב איך געזאָגט אַז די גרױסע חטאים פֿון דער װעלט קומען פֿאַר אים מח: אָבער סײ װי סײ קומט אים מח אַלצדינג פֿאָר. מיר װײסען אַצינדערט אַז מיר זעהען נישט מיט די אויגען און הערען נישט מיט די אויערן. די אויגען און די אויערן זײנען אין דער װירקליכקײט נור פּאַסענדע אָדער פֿעלער־האַפֿטע דורכפֿיהרונגס קאַנאַלען פֿאַר די אײנדריקען פֿון די חושים. דאָס איז אים מוח װאו דער מאָהן זעהט אוים רויט, װאו דער עפּעל דופֿטעט, און װאו די פֿעלד־לערכע זינגט.

די לעצטע צײט שטודיר איך מיט גרױס התמדה די פֿיער ליעדער אין פּראָזאַ װאָס רײדען װעגען ישו. צו ישו'ס געבורטס־טאָג האָט מיר געלונגען צו בעקומען דעם נײעם טעסטאַמענט אין גריעכישער שפּראַך, און יעטװעדען מאָרגען, נאָכדעם װי איך האָב אויפֿגעראַמט מײן צעל און אויסגעשײערט מײנע צינינע כלים, לײען איך אַביסעל די פֿיער עװאַנגעליען, אַן ערך פֿון אַ טוץ פֿערזען װעלכע איך נעהם אַרױס צופֿעליג אָט אַװאו עס מאַכט זיך. עס איז ממש אַ מחיה אָנצוהעבען אויף אַזאַ'ן אופן דעם טאָג. יעטװעדער אײנער, אויב אפילו ער פֿיהרט אַ אונרוהיגעם, שלעכט גערעגעלטעם לעבען, זאָל טהאָן דאָסזעלבע. מען האָט די עװאַנ־געליען שוין אַזוי פֿיעל מאָל איבערגע'חזר'ט, װאו עס איז יאָ נעטהיג און װאו עס איז נישט נעטהיג, ביז װאַנענט זײ האָבען פֿאַר אונז אָנגעװאָרען זײער פֿרישקײט, זײער תמימות, זײער אײנ־פֿאַכען ראָמאַנטישען חן. מיר הערען זײ לײענען פֿיעל צו אָפֿט און פֿיעל צו שלעכט, און אַלע איבער'חזר'ונגען זײנען סם המות פֿאַר דעם גײסט. בעת װען מען קעהרט זיך אום צוריק צום גריעכישען טעקסט, יעמאָלט איז דאָס אײנעם צו מוטה אַקוראַט װי מען זאָל

אַריינגעהן אין אַ גאָרטען פֿון ליליען אַרויסקומענדיג פֿון ערגעץ וועלבער ענגער און דונקעלער שטוב.

און איך האָב דאָפּעלט הנאה פֿון דעם געדאַנק, אַז עס איז העכסט וואַהרשיינליך אַז מיר האָבען היער די בוכשטאַבליכע אויסדריקע, די איפסיססימאַ ווערבאַ, *) וועלכע ישו האָט בענוצט.

מען האָט זיך תמיד פֿאָרגעשטעלט אַז ישו האָט גערעדט אויף אַראַמייאיש. אפילו רענאַן דיינקט אויך אַזוי. אָבער אַצינדערט ווייסען מיר אַז די בויערים אין גליל, אַקוראַט ווי די אירלענדישע בויערים פֿון אונזער צייט האָבען גערעדט צוויי שפּראַכען, און אַז גריעכיש איז געווען די געוועהנליכע אומגאַנגס שפּראַך אין גאַנץ פּאַלעסטינאַ, ווי בפּועל ממש אין דער גאַנצער אָריענטאַלישער וועלט. איך האָב מיך קיינמאָל נישט געקאָנט בעפֿריינדען מיט דעם געדאַנק אַז מיר זאָלען קענען ישו׳ס אייגענע ווערטער נור דורך אַן איבערזעצונג פֿון אַן איבערזעצונג.

עס איז פֿאַר מיר אַ נחת רוח צו דיינקען אַז אַזוי ווייט אויף וויפֿיעל עס איז נוגע אַן אונטערהאַלטונג, וואָלט קאַרמידעס **) איהם געקאָנט צו הערען, סאָקראַטעס מיט איהם פֿילאָזאָפֿירען, און פּלאַטאָ וואָלט איהם געקאָנט פֿערשטעהן: אַז ער האָט בפֿירוש געזאָגט:

„עגאָ איימי האָ פאָימען האָ קאַלאָס, ***)

אַז בעת ער האָט געטראַכט פֿון די ליליען אויף׳ן פֿעלד ווי אַזוי נישט זיי אַרבייטען, נישט זיי שפּינען, האָט ער זיך אויסגעדריקט לחלוטין אַזוי:

---

*) די סאַמע אייגענע ווערטער.

**) קאַרמידעס, גריעכישער אַדעלמאַן, אָנקעל פֿונ׳ם פֿילאָזאָף פּלאַטאָ, וועלכער האָט אויף זיין נאָמען געשריבען אַ פֿילאָזאָפֿישען געשפּרעך.

***) „איך בין דער שענער פּאַסטוך".

„קאַטאַמאַטהעטי טאַ קרינאַ טוה אַגרוה פאָהם אויקסאַניי. או קאָפּיאַ אודע נעטהיי,*)
און זיין לעצטעס וואָרט בעת ער האָט אויסגעשריען: „מיין לעבען איז פולענדעט, עס האָט דערגרייכט זיין ערפילונג, האָט זיך פער־פאָלקאָמט", איז געווען ממש, ווי יוחנן איז אונז מודיע, דאָס וואָרט: „טעטעלעסטאַי"**) — נישט מעהר.

ביים לייענען פון די עוואַנגעליען — דער עיקר דעם וואָס יוחנן האָט פערפאַסט אָדער אַ וועלכער עס איז גנאָסטיקער***) פון די ראשונים האָט אָנגענומען זיין נאָמען און מאַנטעל — זעה איך אין דעריין, ווי די פאַנטאַזיע האָט שטענדיג געזוכט צו פער־נעהמען דעם פּלאַץ אַלם דער יסוד פון גייסטיגען און מאַטעריעלען לעבען, איך זעה ווייטער אַז פאַר ישו'ן איז די פאַנטאַזיע געווען פשוט אַ פאָרמע פון ליעבע, און די ליעבע איז פאַר איהם געווען הערר אין פולסטען זין פון דאָס וואָרט.

מיט אַן ערך זעקס וואָכען צוריק האָט מיר דער דאָקטאָר ערלויבט צו עסען וויים-ברויט אָנשטאָט דעם גראָבען שוואַרצען אָדער ברוינעם ברויט, וועלכע זיינען די געוועהנליכע אכילה פון דער תפיסה. דאָס איז אַ גרויסע נאַשעריי. עס וועט קלינגען מאָדנע אַז טרוקענע ברויט קאָן מעגליך זיין ביי אימעצען אַ נאַשעריי. אָבער פאַר מיר בעדייטעט דאָס אַזוי פיעל אַז צום שלוס פון יעטוועדען מאָהלצייט פערשלינג איך נאָך פאָרזיכטיג אַלע ברעקלעך וועלכע

---

*) „בעטראַכט די ליליען אויף'ן פעלד וועלכע וואַקסען; אָהן שווערע אַרבייט, אָהן שפּיזו".

**) „פאַרטיג!"

***) דיגנאָסטיקער, אָדער „די וויסענדע" זיינען אויפגעטראָטען אין די ערשטע יאָהר הונדערטען פון קריסטענטום. זיי האָבען געגלויבט אַז נור זיי בעזיצען די אמת'ע רעליגיעזע וואַהרהייטען, וועלכע זיי האָבען אָנ־גערופען „גנאָזיס" — וויסען — און „גנאָסטיציזם", אַ בעגריף, וועלכער איז אויך געווען בעקאַנט צו די אידען אין אלכסנדריא פון מצרים.

עס בלייבען נור איבער אויף מיין צינענעם טעלער, אָדער זיינען אַראָב געפאַלען אויף מיין גראָבען האַנדטוך וועלכען איינער בענוצט אַלס טישטוך בכדי נישט צו בעשמוצען זיין טיש; און איך טהו דאָס נישט מחמת הונגער — איך בעקום איצטער איבערגענוג צום עסען — נאָר פשוט, בכדי אַז קיין זאַך זאָל נישט געהן לאיבוד פון דאָס וואָס מען גיעט מיר. אָט אַזוי האָט מען זיך גע־זאָלט בעגעהן מיט דער ליעבע.

ישו ווי אַלע בעצויבערנדע פערזענליכקייטען איז געווען בכח נישט נור אַליין צו זאָגען שענע זאַכען, נאָר אויך צו מאַכען אַז אַנדערע לייט זאָלען זאָגען עפּעס שענעס; און איך ליעב די געשיכטע וועלכע מאַרקוס דערצעהלט אונז פון די גריכישע פרוי, וועלכע, בעת ישו כדי אויסצופּרובירען איהר גלויבען האָט צו איהר געזאָגט, אַז ער קאָן איהר נישט אַוועקגעבען די ברויט פון די בני ישראל, האָט איהם געענטפערט אַז די קליינע הינטע־לעך — (קוּנאַהריאַ, „קליינע הינטעלעך" זאָל מען דאָס איבערזעצען) — וואָס זיינען אונטער'ן טיש עסען פון די ברעקלעך וואָס די קינדער וואַרפען אַרונטער.

דאָס רוב מענשען לעבען פאַר ליעבע און בעוואונדערונג. אָבער מיר האָבען געזאָלט לעבען דורך ליעבע און בעוואונדערונג. אויב מען בעווייזט אונז וועלכע עס איז ליעבע דאַן זאָלען מיר אַנערקענען אַז מיר זיינען איהר נישט ווערטה. קיינער פערדיענט נישט געליעבט צו ווערען. דער פאַקט אַז גאָט ליעבט די מענשען בעווייזט אונז אַז אין דעם געטליכען סדר פון די אידעאַלע גיטער שטעהט געשריבען אַז אייביגע ליעבע זאָל געשענקט ווערען צו דעם אייביג אונווירדיגען. אָדער, אויב אָט דער זאַץ קלינגט צו ביטער נאָמיר אַזוי זאָגען: יעטוועדער איינער איז ווערטה געליעבט צו ווערען, אַחוץ דער יעניגער וועלכער מיינט אַז ער האָט דאָס פערדיענט. ליעבע איז אַ סאַקראַמענט*) וועלכען מען דאַרף

*) די צערעמאָניע פון דער קריסטליכער גאָטעס-דיענסט ביי דעם „אָבענד-מאָהל" — אַ רמז אויף דעם מאָהלצייט וואָס ישו האָט געגעסען

ערהאַלטען קניענדיג, און דאָס „דאָמינע נאָן סום דיגנוס*) זאָל שוועבען אויף די ליפּען און זיין איינגעקריצט אין די הערצער פון אָט די וואָס ערהאַלטען דאָס.

אויב איך וועל ווען עס איז ווידער אַמאָל שרייבען, אין דעם זין צו שאַפען עפּעס אַ קונסטווערק, יעמאָלט זיינען גראַדע דאָ צוויי טהעמען איבער וועלכע און דורך וועלכע איך האָב חשק מיך אויסצודריקען: דאָס איינע הייסט „ישו אַלס פּאָרלייפער פון דער ראָמאַנטישער בעוועגונג אים לעבען"; דאָס אַנדערע הייסט „דאָס קינסטלער לעבען און זיין שייכות צו דער לעבענס קונסט". דאָס ערשטע איז, על פי טבע, שטאַרק אָנציהענד, דען איך זעה אין ישו נישט נור די עצם סמנים פון'ם העכסטען ראָמאַנטישען טיפּ, נאָר אויך די צופעליגקייטען, און זאָגאַר די קאַפּריזען פון דעם ראָמאַנטישען טעמפּעראַמענט. ער איז געווען דער ערשטער פּערזאָן וועלכער האָט ווען אַמאָל געזאָגט צו די מענשען אַז זיי זאָלען לע־בען „בלומען-גלייכע לעבענס". ער האָט פעסטגעשטעלט דעם אויס־דרוק. ער האָט בעטראַכט די קינדער אַלס דעם מוסטער צו וועלכען די מענשען זאָלען שטרעבען צו ווערען. ער האָט זיי געהאַלטען אַלס אַ ביישפּיעל אַנטגעגען זייערע עלטערן, וואָס דאָס איז לויט מיין מיינונג נאָך דער הויפּט נוץ פון די קינדער, אויף וויפיעל דאָס פאָלקאָמענע דאַרף איבערהויפּט האָבען אַ תכלית. דאַנטע בעשרייבט די נשמה פון אַ מענשען, ווי זי געהט אַרויס פון דעם בורא'ם האַנד „ווייגענדיג און לאַכענדיג ווי אַ קליין קינד", און אויך ישו אַנערקענט אַז די נשמה פון יעטווועדען איינעם האָט געזאָלט

מיט זיינע תלמידים דעם לעצטען אָבענד פאַר זיין געפאַנגענשאַפט. עס ווערט רעפּרעזענטירט דאָס הייליגע ברויט, די פריעסטער פערטיילען די געטליכע גנאָד, דער עולם שווערט טרייהייט מיט הבטחות און קללות.

*) „אָה גאָט, איך בין דאָס נישט ווערטה".

זיין a guisa di fanciulla che piangendo e ridendo pargoleggia*).

ער פֿיהלט אַז דאָס לעבען איז וועקסעל-פֿול, פֿליסיג, האַנדלונגס-רייך, און אויב מען זאָל דאָס אַריינצווינגען אין ערגעץ וועלכער פֿעסטע פֿאָרמע דאַן איז דאָס דער טוידט. ער האָט נאָכגעזעהן אַז די מענשען זאָלען נישט נעהמען צו ערנסט די גשמיות'דיגע, טאָגטעגליכע אינטערעסען: אַז עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיין אונפראַקטיש: אַז מען זאָל זיך נישט צופֿיעל קימערן וועגען האַנדעל און וואַנדעל. די פֿויגעל קימערן זיך נישט, למאי זאָל זיך דער מענש קימערן? ער איז בעצוויבערנד ווען ער זאָגט: „זאָרגט נישט פֿאַר דעם מאָרגען; איז דען די נשמה נישט ווערטה מעהר ווי די שפּייז? איז דען דער גוף נישט ווערטה מעהר ווי די קליידונג?" די לעצטע פֿראַזע האָט געקאָנט בענוצען אַ גריעך. עס איז אַזוי פֿול אין דעריין מיט גריעכישען דיינקען און פֿיהלען. אָבער נור ישו אַליין האָט געקאָנט זאָגען ביידעס, און דערמיט פֿולשטענדיג צוזאַמענפֿאַסען פֿאַר אונז דעם גאַנצען סך הכל פֿון דאָס לעבען.

זיין מאָראַל איז בעגרינדעט גאַנץ אויף מיטלייד, טאַקע דאָס וואָס מאָראַל דאַרף זיין. אויב אפילו אַז ער וואָלט נישט מעהר געהאַט געזאָגט ווי אָט דאָס: „איהרע זינד זיינען פֿערגעבען מחמת זי האָט אַ סך געליעבט", יעמאָלט האָט זיך אויך געלויהנט זאָגאַר צו שטאַרבען דערפֿאַר, אַבי דאָס צו האָבען געזאָגט.

זיינע גערעכטיגקייט איז דורכאויס פּאָעטישע גערעכטיגקייט, גענוי דאָס וואָס גערעכטיגקייט דאַרף זיין. דער בעטלער קומט אַריין אין גן עדן מחמת ער איז געווען אונגליקליך. איך קאָן מיך נישט פֿאָרשטעלען אַ בעסערען טעם פֿאַר זיין ווערען אַהער געשיקט. די לייט וועלכע אַרבייטען אַ שעה אין ווייַן גאָרטען אין דער קיהלקייט פֿון אָבענד, ערהאַלטען אָקוראַט אַזוי פֿיעל שכר ווי די וועלכע האָבען שווער געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג אין דער הייסער זון. למאי אויך נישט? משמעות אַז קיינער פֿון זיי האָט

*) גלייך צו אַ בתולה וועלכע וויינט און לאַכט ווי אַ קליין קינד.

עפּעס וואָס פּערדיענט. אָדער אפשר זיינען זיי געווען פּערשיע־דענע מינים מענשען.

ישו האָט נישט געקאָנט אויסשטעהן די טעמפּע, לעבען־טויטענדע מעכאַנישע סיסטעמען וועלכע בעהאַנדלען די מענשען אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען זאַכען, און דריבער בעהאַנדלען זיי אַלעמען גלייך: פאַר איהם האָט נישט עקזיסטירט קיין רעגלען: פאַר איהם זיינען געווען לויטער אויסנאַהמען, פּינקט אַזוי ווי יעטוועדער, אָדער יעטוועדעס, וואָלט געהאַט אַזאַ'ן אויסזעהן ווי עס איז נישטאָ צו איהם קיין גלייכען אויף דער וועלט.

דאָס וואָס דער גרונד-טאָן איז אין דער ראָמאַנטישער קונסט דאָס איז פאַר איהם געווען דער אייגענטליכער פונדאַמענט פון דאָס נאַטירליכע לעבען. ער האָט קיין אַנדער יסוד נישט געזעהן. און בעת ווען די סופרים און פרושים האָבען צו איהם געבראַכט אַן אשת איש וועלכע מען האָט געכאַפּט ביי דער סאַמע עבירה און זיי האָבען איהם געוויזען איהר פּסק ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה, און איהם געפרעגט וואָס עס זאָל געשעהן, האָט ער בשעת מעשה געשריבען מיט זיין פינגער אויף דער ערד אָט אַזוי ווי ער וואָלט כלל נישט געהערט וואָס זיי פרעגען, און צום סוף, ווען זיי זיינען צו איהם צוגעשטאַנען איבער אַ נייעס, האָט ער אויף זיי אַ קוק געטהאָן און געזאָגט: „ווער פון אייך ס'איז ריין פון זינד, דער זאָל וואַרפען דעם ערשטען שטיין אויף איהר.״ עס לויהנט זיך די טרחה צו לעבען, אַבי דאָס צו האָבען געזאָגט.

גלייך ווי אַלע פּאָעטישע נאַטורען האָט ער געליעבט די עם הארצים. ער האָט געוואוסט אַז אין דער נשמה פון איינעם וואָס איז אונוויסענד איז שטענדיג פאַרהאַן פּלאַץ פאַר אַ גרויסע אידעע. אָבער ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען קיין שוטים, ספּעציעל די יעניגע וועלכע די ערציעהונג האָט געמאַכט פאַר אידיאָטען: פּערזאָנען וועלכע האָבען אַ פולען קאָפּ מיט מיינונגען פון וועלכע זיי פערשטעהען נישט אפילו איינעם אויך נישט, אַן אייגענטהימ־ליכער מאָדערנער טיפּ, וועלכער ווערט ערקלערט דורך ישו'ן ווען ער בעשרייבט איהם אַלס דעם מוסטער פון אַזוינעם וואָס האָט

די שליסעל פון וויסען, ער גופא קאָן עס נישט בענוצען, און וויל פון דעסטוועגען נישט ערלויבען קיין צווייטען עס צו בענוצען, חאָטש אפילו מען קאָן מיט דעם שליסעל עפענען די טויערן פון גאָט'ס מלוכה.

זיין הויפּט מלחמה איז געווען געציעלט אַנטקעגען די פּיליס־טער. דאָס איז דער קאַמפּף וואס יעטוועדעס קינד פון דער ליכט האָט צו פיהרען. דאָס פּיליסטערטום איז געווען דער צייכען פון דעם דור און פון דער מדינה אין וועלכע ער האָט געלעבט. אין זייער שווערפעליגע נישט צוגענגליכקייט צו אידעען, זייער תמ'עוואַטע בכבוד'יגקייט, זייער לאַנגווייליגע אָרטהאָדאָקסיע, זייער פאַלען כורעים פאַר די מוצלחים פון טאָג, זייער פולשטענדיגער פאָר־אורטהייל אין גראָב מאַטעריאַליסטישע לעבענס פראַגען, און זייער לעבערליכער איבערשעצונג פון זיך גופא און זייער וויכטיגקייט, זיינען די אידען פון ירושלים אין דער צייט פון ישו געווען גענוי גלייך־אויף־גליך מיט דעם ענגלישען פּיליסטער פון אונזערע טעג.

ישו האָט חוזק געמאַכט פון די „אויסגעקאַלכטע קברים" פון דער בכבוד'יגקייט, און האָט פעסטגעשטעלט דעם דאָזיגען אוים־דרוק פאַר אַלע צייטען. ער האָט בעהאַנדעלט די וועלטליכע הצלחה ווי עפּעס אַזוינס וואָס איז לחלוטין צו פעראַכטען. ער האָט איבערהויפּט גאָרנישט געזעהן אין דעריין. ער האָט געקוקט אויף די עשירות ווי אויף אַ שווערע משא פאַר דעם מענשען. ער האָט נישט געוואָלט הערען פון קיין לעבען וועלכען מען איז מקריב צו וואָסער עס איז פּילאָזאָפישען אָדער מאָראַלישען סיסטעם. ער האָט קלאָר געמאַכט אַז מנהגים און צערעמאָניעס זיינען געשאַפען פאַר דעם מענשען, נישט דער מענש פאַר די מנהגים און צערעמאָניעס. ער האָט בעטראַכט די חומרות און גזרות פון שבת אַלס אַ מוס־טער פון די יעניגע זאַכען וואָס דאַרפען בטל ומבוטל ווערען. די קאַלטע פּילאַנטראָפּיע, די בערימהמעריי פון די עפענטליכע צדקה אַנשטאַלטען, די לאַנגווייליגע פאָרמאַליטעטען וואָס זיינען אַזוי איינגעבאַקען אים האַרצען ביי דעם מיטעל־קלאַס, זיינען פון איהם אַרונטערגעריסען געוואָרען מיט געוואַלטיגער און אומבאַרמהערציגער

שפּאָט. בײַ אונז, וואָס מיר בעצײכענען מיט דעם וואָרט אָרטהאָ־דאָקסיע איז נישט מעהר ווי אַ בעקוועמליכע, אונפֿערשטענדליכע שטיל-שווײַגענדע הסכמה; בײַ זײַ אָבער, און אין זײַערע הענד, איז דאָס געוואָרען אַ מורא'דיגע און אַ פּאַראַליזירענדע טיראַניי. ישו האָט זײַ אויסגעראָמט. ער האָט בעוויזען אַז עס ווענדעט זיך אַלץ אָן דעם גייסט. עס האָט איהם פֿערשאַפֿט אַ שטאַרקע פֿרייד זײַ קלאָר צו מאַכען אַז חאָטש אפילו זײַ לײַענען די תורה און די נביאים, האָבען זײַ דאָך נישט בפּועל ממש די קלענסטע פֿאָר־שטעלונג פֿון דאָס וואָס אײַנע אָדער די אַנדערע מײַנען. אַלס סתירה צו זײַער מעשר געבען פֿון יעטוועדען אײַנציגען טאָג אין דעם פֿעסטען פֿערשטײַנערטען סדר פֿון די פֿאָרגעשריבענע פֿליכ־טען, ווי זײַ גיעבען מעשר פֿון מיענטע, ענעס און קימעל, האָט ער געפּרעדיגט די געוואַלטיג גרויסע וויכטיגקײַט פֿון לעבען פֿולשטענדיג פֿאַר דעם אויגענבליק.

די וועלכע ער האָט ערלעזט פֿון זײַערע זינד, די זײַנען געוואָרען ערלעזט פּשוט פֿאַר די שענע מאָמענטען פֿון זײַער לעבען. מרים מאַגדאַלענע, בעת זי זעהט ישו'ן, צוברעכט די קאָסטבאַרע וואַזע פֿון אַלבאַסטער וועלכע אײַנער פֿון איהרע זיעבען ליעבהאָבער האָט איהר געשענקט, און גיעסט אויס די וואויל-שמעקעדיגע בשמים איבער זײַנע פֿערמאַטערטע פֿערשטויבטע פֿיס, און פֿאַר אָט דעם איין מאָמענט זיצט זי לדור דורות צוזאַמען מיט רות און בעטרים אונטער די גירלאַנדען פֿון שנעע ווײַסע רויזען אין גן עדן.*)

אַלץ וואָס ישו רעדט צו אונז אין אַ לײַכטען מוסר'דיגען טאָן איז, אַז יעטוועדער אויגענבליק זאָל זײַן שען, אַז די נשמה זאָל תמיד זײַן צוגעגרייט צו דעם קבלת פּנים פֿון דעם חתן, אימער וואַרטענדיג אויף די שטימע פֿון דעם געליעבטען.

דאָס פֿיליסטערטום איז פּשוט דער טייל פֿון מענשליכען וועזען, וועלכער ווערט נישט בעלויכטען דורך דער פֿאַנטאַזיע.

---

*) לויט דאַנטעס בעשרייבונג. וועגען בעטרים זעה אויבען זײַטע 69.

ישו בעטראַכט אַל די ליעבליכע איינפֿליסע פֿון'ם לעבען אַלס פֿאָרמען פֿון ליכט: די פֿאַנטאַזיע גופא איז דאָס וועלטען-ליכט, „טאָ פאָהס טוה קאָסמו". די וועלט איז פֿון איהם געשאַפֿען און די וועלט קען עס דאָך נישט משיג זיין: דאָס איז מחמת דעם וויל די פֿאַנטאַזיע איז בלויז אַן ענטפלעקונג פֿון דער ליעבע און דאָס איז די ליעבע און די פֿעהיגקייט צו ליעבען וואָס אונטער־שיידען איין מענשליכען וועזען פֿון צווייטען.

אָבער מעהרסטענטהייל ראָמאַנטיש, אים זינען פֿון מעהר־סטענטהייל רעאַליסטיש, איז ישו בעת ער האָט אַן עסק מיט אַ זינדיגען. די וועלט האָט תמיד געליעבט דעם הייליגען אַלס אַזוינס וואָס איז די מעגליכסט נאָהענטע מדרגה צו דער פֿערפֿאָלקאָמונג פֿון גאָט. ישו, אַדאַנק זיין געטליכען אינסטינקט, שיינט תמיד געליעבט צו האָבען דעם זינדיגען אַלס אַזוינס וואָס איז די מעג־ליכסט נאָהענטע מדרגה צו דער פֿערפֿאָלקאָמונג פֿון דעם מענשען. זיין העכסטער וואונש איז נישט געווען אויסצובעסערן לייטען, אַקוראַט אַזוי ווי עס איז געווען זיין העכסטער וואונש צו לינדערן יסורים. צו פֿערוואַנדלען אַן אינטערעסאַנטען גנב אין אַ לאַנגווייליגען אַנשטענדיגען מענשען איז נישט געווען זיין כונה. ער וואָלט ווייניג וואָס געהאַלטען פֿון אַ געזעלשאַפֿט צו דער אונטער־שטיצונג פֿון פֿריי געוואָרענע אַרעסטאַנטען און דער גלייכען מאָדערנע בעוועגונגען. די בעקעהרונג פֿון אַן אַקציזניק אין אַ פרוש האָט איהם געוויס נישט אויסגעזעהן קיין גרויסע העלדענטהאַט. נאָר אין אַן אופן וועלכען די וועלט קאָן נאָך לעת עתה נישט בעגרייפֿען האָט ער בעטראַכט די זינד און דאָס ליידען אַלס אַזוינס וואָס איז פֿאַר זיך גופא עפּעס שענעס און הייליגעס, אַלס פֿאָרמען פֿון פֿערפֿאָלקאָמונג.

דאָס זעהט אויס אַ זעהר געפֿערליכע אידעע. דאָס איז דאָס טאַקע — אַלע גרויסע אידעען זיינען געפֿעהרליך. אַז דאָס איז געווען ישו'ס אמונה בלייבט נישט איבער קיין ספק. אַז דאָס איז די ריכטיגע אמונה בין איך נישט מסופק.

על פי טבע מוז דער זינדיגער חרטה האָבען. אָבער וואָרום?

פשוט מחמת דעם ווייל ער וואָלט אויף קיין אַנדער אופן נישט געווען ביכולת צו בעגרייפען אָט דאָס וואָס ער האָט געטהאָן. דער מאָמענט פון חרטה איז דער מאָמענט פון אַן התחלה צום גוטען. יאָ, נאָך מעהר: עס איז דאָס מיטעל דורך וועלכען איינער ענדערט אום זיין פערגאַנגענהייט. די גריעכען האָבען דאָס געהאַל־טען פאַר נישט מעגליך. זיי זאָגען אָפט אין זייערע קורץ געפאַסטע אַפאָריזמען: „אפילו די געטער קאָנען נישט אומענדערן די פער־גאַנגענהייט". ישו האָט בעוויזען אַז דער געמיינסטער רשע איז דאָס ביכולת צו טהאָן; אַז דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס ער קאָן טהאָן. ישו, אויב מען וואָלט איהם געווען פרעגען, וואָלט ער געוויס געזאָגט — איך בין אין דעריין בטוח — אַז אָט דער פערלאָרענער זוהן, *) וואָס האָט גע'פטר'ט זיין גאַנצע נחלה אויף זונות, וואָס איז געוואָרען אַ פאַסטוך פון חזירים, געליטען הונגער און חשק געהאַט צו די שאָלאַכץ און מעקענע וואָס די חזירים האָבען געגעסען — אַז אין דעם כהרף עין, בעת ער איז געפאַלען אויף זיינע קניע און געוויינט, יעמאָלט האָט ער אַלע די דאָזיגע שלעכטע נסיונות אומגעוואַנדעלט אין די שענסטע און הייליגסטע מאָמענטען פון זיין לעבען.

פאַר דאָס רוב מענשען איז די דאָזיגע אידעע שווער צו בע־גרייפען. טאָ לאָם איך אייך דערום זאָגען, אַז מען דאַרף געהן אין תפיסה, בכדי דאָס צו פערשטעהן. אויב יאָ אַזוי, אפשר איז טאַקע כדאי די טרחה צו זיצען אין תפיסה.

אין ישו'ס געשטאַלט איז פאַרהאַנען עפּעס אַזוי איינציגעס. געוויס, גראַדע אַזוי ווי עס איז פאַרהאַן אָבנאַרענדיגע ליכט-שימערם איידער עס הייבט אָן צו טאָגען, און ווינטערדיגע טעג וועלכע זיינען אַזוי פול מיט פלוצלימדיגע העלע זונען-שיינונגען, אַז זיי פערנאַרען דעם פאָרזיכטיגען זאַפרען בלום, צו פערשווענדען זיין גאָלד פאַר דער צייט, און מאַכען ערגעץ וועלכען נאַרישען פויגעל רופען זיין ווייבעל, צו בויען דאָס נעסט אויף נאַקעטע צווייגען,

*) אין די משלים פון ישו (לוקס, ט"ו 11).

אָט אַזוי האָט דאָס אויך געגעבען קריסטען בעפֿאָר קריסטוס. צום אונגליק האָט דאָס אָבער זייט דעם נישט מעהר געגעבען. איך מאַך נור איין אויסנאַהמע: דער הייליגער פֿראַנץ פֿון אססיסי. אָבער דאָס איז באשר איהם האָט גאָט אַריינגעגעבען ביי זיין געבורט די נשמה פֿון אַ דיכטער, פּונקט אַזוי ווי ער גופא, בעת ער איז נאָך יונג געוועזען, האָט ער אין אַ חתונה על פּי סוד, אויסגעוועהלט די אָרעמקייט צו זיין כלה; און מיט דער נשמה פֿון אַ דיכטער און דעם גוף פֿון אַ בעטלער האָט ער געפֿונען דעם וועג צו דער פֿערפֿאָלקאָמונג אָהן שוועריגקייט. ער האָט פֿערשטאַנען ישו׳ן, און מחמת דעם איז ער געוואָרען עהנליך צו איהם. מיר פֿערלאַנגען נישט קיין בעלעהרונג פֿון דעם ליבער קאָנפֿאָרמיטאַטום״ *) אַז דאָס לעבען פֿון דעם הייליגען פֿראַנץ איז געוועזען די אמת׳ע אימיטאציאָ קריסטי,**) אַ געדיכט, לגבי וועלכען דאָס בוך מיט יענעם נאָמען איז לויטער פּראָזאַ.

אין דער אמת׳ן, נאָך אַלעם דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען מכח ישו׳ן, בעשטעהט זיין כשוף אין דעריין: ער איז לגמרי גלייך צו אַ קונסט ווערק. ער לעהרנט איינעם בפועל ממש גאָרנישט, נור מען ווערט עפּעס וואָס עס איז, דורך דעם וואָס מען קומט אין זיין געגענוואַרט. און יעטוועדען איינעם איז בעשערט צו זיין פֿון זיינע מקורבים. לכל הפּחות איינמאָל אים לעבען וואַנדעלט יעטוועדער מענש מיט ישו׳ן קיין עממאַוס.***)

---

*) בוך פֿון דאָגמעס, אני מאמין׳ס. (ספר העקרים.)

**) נאָכאַהמונג פֿון ישו׳ן.

***) עממאַוס, אַ דערפֿיל ניט וויט פֿון ירושלים. לויט דער קריסטליכער לעגענדע (לוקס כ״ד, 13—31) האָט ישו, דעם דריטען טאָג נאָך זיין ערמאָרדונג, געוואַנדעלט אַלס אונבעקאַנטער און פֿרעמדער מיט צוויי פֿון זיינע תלמידים דעם וועג פֿון ירושלים קיין עממאַוס. ביים אָבענדעסען, אין עממאַוס, האָבען זיי איהם דערקענט און דאַן איז ער תיכף פֿערשוואונדען.

בנוגע צו דאָס אַנדערע טהעמאַ, די שייכות'ן פֿון דאָס קינסטלער לעבען צו דער לעבענס-קונסט, וועט דאָס אויך בלי ספק אויסזעהן משונה'דיג, אַז איך זאָל דאָס אויסקלייבען. די מענשען ווייזען אויף דעם צוכטהויז פֿון רעדינג און זאָגען: „דאָס איז דער אָרט וואוהין עס פֿיהרט אַ מענשען דאָס קינסטלער לעבען". מילא, עס קאָן איינעם פֿיהרען נאָך צו ערגערע פלעצער. דאָס רוב מעכאַנישע מענשען פֿאַר וועמען דאָס לעבען איז אַ ליסטיגע ספעקולאַציאָן, וועלכע הענגט אָב פֿון אַ פֿאָרזיכטיגער בערעכענונג פֿון די דערצו נעטהיגע דרכים און אופנים, ווייסען אין אַלע צייטען וואוהין זיי געהען, און געהען אויך אַהין. זיי טרעטען אַריין אים לעבען מיט דעם אידעאַלען וואונש צו ווערען קירכען שמשים, און אין וואָס נור פֿאַר אַ סביבה זיי ווערען הערייננעשטעלט זיינען זיי מצליח צו ווערען קירכען שמשים, אָבער נישט מעהר. אַ מאַן וועמעס תשוקה עס איז צו זיין עפעס אַזוינס וואָס ליעגט נישט אין איהם גופה, דהינו צו זיין אַ פֿאָלקס פֿערטרעטער אין פֿאַר־לאַמענט, אָדער אַ מוצלח'דיגער בשמים קרעמער, אָדער אַ מפורסמ'דיגער אַדוואָקאַט, אָדער אַ ריכטער, אָדער עפעס וואָס אַנדערס פֿון דעם מין לאַנגווייליגעס, דערגרייכט אַלע מאָל דאָס וואָס ער האָט געוואונשען צו זיין. דאָס איז זיין עונש. ווער עס וויל אַ מאַסקע דער מוז זי אויך טראָגען.

דאָך מיט די טרייבענדע כוחות פֿון'ם לעבען, און די יעניגע אין וועמען אָט די טרייבענדע כחות זיינען פֿערקערפערט, פֿער־האַלט זיך דאָס גאַנץ אַנדערש. מענשען וועמעס פֿערלאַנגען עס איז איינציג און אַליין די פֿערפֿאָלקאָמונג פֿון זייער אייגענעם איך, ווייסען קיינמאָל נישט וואוהין זיי געהן. זיי קאָנען דאָס נישט וויסען. אין איין זין פֿון דעם וואָרט איז דאָס על פי טבע נעטהיג, ווי דער גריעכישער אָראַקעל פֿלעגט זאָגען, צו קענען זיך גופא: דאָס איז די ערשטע מדרגה פֿון דאָס וויסען. אָבער די ידיעה אַז די נשמה פֿון אַ מענשען איז נישט צו דערקענען, איז די לעצטע מדרגה פֿון דער חכמה. דער סוד כל הסודות זיינען מיר גופא. אויב מען האָט געוואָגען די זון אויף די וואָגשאָלען, און געמאָסטען

דעם גלגל פון דער לבנה, און אויסגעפּאָרשט די זיעבען הימלען שטערן פאַר שטערן, יעמאָלט בלייבט נאָך איינס איבער: מיר גופא. ווער קאָן בערעכענען דעם גלגל פון זיין אייגענער נשמה? בעת דער זוהן איז אַרויסגעגאַנגען צו זוכען זיין פאָטערס עזעלינען, האָט ער נישט געוואוסט אַז גאָט'ס אַ מאַן וואַרט אויף איהם מיט דעם סאַמע זאַלבונגס-אויל פון דער קרוינונג, און אַז זיין אייגענע נשמה איז שוין תחילת געווען די נשמה פון אַ מלך.

איך האָף נאָך צו לעבען לאַנג גענוג און צו שאַפען ווערק פון אַזאַ חאַראַקטער, אַז איך וועל זיין ביכולת ביי דעם סוף פון מיינע טעג צו זאָגען: „יאָ, אָט זעהט איהר דאָס טאַקע וואוהין דאָס קינסטלער לעבען פיהרט אַ מענשען!"

צוויי פון די פערפאָלקאָמסטע לעבענס וועלכע איך האָב בעגעגענט אין די ערפאַהרונגען פון מיין אייגענעם לעבען, זיינען די לעבענס פון פאָל ווערלען און פירסט פעטער קראָפּאָטקין: ביידע פון זיי זיינען מענער וועלכע האָבען פערבראַכט יאָהרען לאַנג אין דער תפיסה: דער ערשטער, דער איינציגער קריסטליכער דיכטער זינט דאַנטע; דער אַנדערער אַ מאַן אַ מיט נשמה פון יענעם שענעם ווייסען קריסטוס וועלכער שיינט הערויסצוקומען פון רוסלאַנד. און פאַר די לעצטע זיעבען אָדער אַכט חדשים טראָץ אַ רייהע געוואַלטיגע צרות וועלכע האָבען צו מיר הערייג־געדרונגען פון דער אויסענוועניגסטער וועלט כמעט אָהן אונטער־ברעכונגען, בין איך געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט אַ נייעם גייסט וועלכער בעזעעלט מענשען און זאַכען אין דער דאָזיגער תפיסה, וואָס האָט מיר געהאָלפען מעהר וויפיעל עס איז מעגליך דאָס אויסצודריקען אין ווערטער: אַזוי אַז וועדליג פאַר דעם ערשטען יאָהר פון מיין זיצען אין תפיסה האָב איך נישט אַנדערש געטהאָן, און קאָן מיך נישט דערמאָנען עפּעס אַנדערש געטהאָן צו האָבען, אַחוץ ווי געבראָכען די הענד אין אָהנמעכטיגען יאוש און אויסגערופען: „וואָס פאַר אַ סוף, וואָס פאַר אַ שרעקליכער סוף!" פרוביר איך אַצינד זאָגען צו זיך אַליין, און מאַנכמאָל,

בעת איך פײניג מיך נישט גופא, זאָג איך באמת און מיט'ן גאַנצען האַרצען: „וואָס פאַר אַן אָנפאַנג, וואָס פאַר אַ וואונדער־באַרער אָנפאַנג!" הלואי זאָל דאָס נור אין דער אמת'ן אַזוי זיין. הלואי זאָל דאָס מקוים ווערען. אויב דאָס ווערט מקוים, וועל איך אַ סך דאַנקבאַר זיין צו אָט די נייע פּערזענליכקייט וואָס האָט איבערגעאַנדערשט יעטוועדען מענשענס לעבען אין דעם דאָזיגען פּלאַץ.

(יעטוועדער זאַך פאַר זיך אַליין שפּיעלט אַ קנאַפּע ראָלע— לאָמיר לכל הפחות איינמאָל דאַנקען פאַר עפּעס די פּילאָזאָפיע, וואָס זי האָט אונז געלערנט — איך מיין נישט די פאָרשריפטען, דען די זיינען בעשטימט לויט אייזערנע כללים, נאָר דעם גייסט וועלכער הערשט אין זיי.)

איהר קאָנט זיך דאָס פאָרשטעלען בעת איך פּערזיכער אייך אַז אויב איך וואָלט געוואָרען בעפרייט אין דער־לעצטען מאַי, ווי איך האָב מיך בעמיהט דאָס צו ווערען, וואָלט איך פערלאָזען דעם דאָזיגען פּלאַץ פול מיט עקעל און יעטוועדען בעאַמטען אין איהם מיט אַזאַ ביטערע שנאה, אַז דאָס וואָלט געהאַט פערסמ'ט מיין לעבען. איך בין געווען געצוואונגען צו זיצען נאָך אַ יאָהר אין תפיסה, אָבער מענשליכקייט האָט זיך הערייננעקליעבען אין די דאָזיגע מויערן פאַר אונז אַלעמען, און אַצינדערט אַז איך געה אַרויס וועל איך מיך תמיד דערמאָנען די גרויסע פריינדליכקייט וואָס איך האָב דאָ כמעט פון אַלעמען ערהאַלטען, און אין דעם טאָג פון מיין בעפרייאונג וועל איך געבען אַ סך דאַנקען צו אַ סך פערזאָנען, און זיי מיינערזייטס בעטען אַז זיי זאָלען מיר בע־האַלטען אין זייער זכרון.

די תפיסה איינאָרדנונג איז דורך און דורך קאַפּויער. איך וואָלט אַלצדינג אַוועקגעגעבען אַבי צו זיין ביכולת דאָס צו איבער־אַנדערשען, בעת איך וועל פון דאַנען אַרויסגעהן. איך האָב מיך פאָרגענומען דאָס צו פּרובירען. אָבער קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט אַזוי קאַפּויער בכדי אַז דער גייסט פון הומאַניטעט,

ויעלכער איז דער גייסט פֿון ישו, וועלכען מען טרעפֿט נישט אין די קירכען, זאָל דאָס נישט קאָנען מאַכען, אויב נישט צורעכט, לכל הפחות מעגליך צו דערטראָגען אָהן צופֿיעל האַרצענס פֿער־ביטערונג.

איך ווייס אויך אַז פֿיעלעס וואַרט אויף מיר אין דרויסען וואָס איז זעהר מחיה'דיג, וואָס דער הייליגער פֿראַנץ פֿון אססיסי רופֿט אָן „מיין ברודער דער ווינד און מיין שוועסטער דער רעגען",ביידע פֿון זיי זיינען ליעבליכע זאַכען, ביז הערונטער צו די אויס־שטעלונגם פֿענסטער פֿון די קראָמען און דעם זונען אונטערגאַנג אין גרויסע שטעדט. אויב איך זאָל מאַכען אַ רשימה פֿון אַל דאָס וואָס איז נאָך אין מיר געבליבען, ווייס איך נישט וואו איך זאָל זיך אָבשטעלען: ווייל גאָט האָט, אין דער אמת'ן געשאַפֿען די וועלט גראַדע אַזוי גוט פֿאַר מיך ווי פֿאַר עמיץ וועלכען עס איז אַנדערן. אפשר וועל איך נאָך גאָר אַרויסטרעטען מיט עפּעס אַזוינס וואָס איך האָב פֿריהער נישט בעזעסען. איך דאַרף אייך נישט זאָגען אַז פֿאַר מיר זיינען רעפֿאָרמען אין דער מאָראַל אַזוי אָהן אַ זין און אָהן אַ טעם ווי רעפֿאָרמען אין רעליגיאָן. דאָך ווערדליג עס איז אַ שטיק עם האַרצ'ישע צביעות פֿאָרצושלאָגען פּלענער ווי צו זיין אַ בעסערער מענש, איז דאָס דאָס פּריווילעגיע פֿון די דאָזיגע וועלכע האָבען געליטען צו ווערען טיעפֿערע נאַ־טורען. און אַזוינס דיינק איך איז דער פֿאַל ביי מיר.

אויב נאָכדעם ווי איך בין פֿריי זאָל איינער פֿון מיינע פֿריינד פֿעראַנשטאַלטען אַ באַל און מיך דערצו נישט איינלאַדען, וועט דאָס מיר כלל נישט אַרען. איך קאָן זיין פֿולשטענדיג גליקליך מיט מיר אַליין. מיט פֿרייהייט, בלומען, ביכער, און די לבנה, ווער קאָן נישט זיין פֿולשטענדיג גליקליך? אַ חוץ דעם, בעלער זיינען נישט מעהר פֿאַר מיר. איך האָב צופֿיעל פֿעראַנשטאַלטעט, אום נאָך צו געפֿינען אַן אינטערעס אין זיי. דער דאָזיגער טהייל פֿון'ם לעבען איז שוין פֿאָראיבער פֿאַר מיר — צו מיין גליק, ווילט זיך מיר זאָגען.

אָבער אויב נאָכדעם ווען איך בין פֿריי זאָל מיינער אַ פֿריינד

האָבען אַן עגמת נפש און מיר נישט וועלען ערלויבען זיך מיט איהם צו טײלען, דאָס וועט אויף מיר מאַכען אַ ביטערען אײנ־דרוק. אויב ער וועט פאַר מיר פערשליסען די טויערן פון דאָס טרויער הויז וועל איך אַלע ווײלע צוריק קומען און בעטען מען זאָל מיר אַרײנלאָזען, בכדי איך זאָל קאָנען נעהמען אַ טהײל אין וואָס איך בין בערעכטיגט אַנטהײל צו נעהמען. אויב ער האַלט מיך פאַר נישט ווירדיג, פאַר נישט פאַסענד צו װײנען מיט איהם, יעמאָלט וועל איך דאָס בעטראַכטען ווי די שרעקליכסטע בזיונות וועלכע מען האָט מיר ווען אַמאָל געקאָנט אָנטהאָן. אָבער דאָס קאָן כלל נישט זײן. איך האָב אַ רעכט אַנטהײל צו נעהמען אין צער, און דער וואָס קאָן אָנקוקען די ליעבליכקײט פון דער וועלט און טהײלען איהר צער, און תופס זײן עפּעס וואָס פון די פלאי פלאים וואָס ליעגט אין זײ בײדען, יענער שטעהט אין נאָהענטער בעריהרונג מיט דאָס געטליכע, און איז געקומען אַזוי נאָהענט צו גאָט'ס סוד וויפיעל נור אימיצער איז ביכולת דערצו.

אפשר דרינגט אויך אַרײן אין מײן קונסט, נישט וועניגער ווי אין מײן לעבען אַ נאָך טיעפערער טאָן, אַ טאָן פון גרעסערער אײנהײטליכקײט פון די לײדענשאַפטען און דירעקטערער טרײב־קראַפט. נישט ברײטקײט נאָר טיעפקײט איז דער אמת'ער תכלית פון דער מאָדערנער קונסט. מיר האָבען אין דער קונסט נישט מעהר צו טהאָן מיט די רעגלען, נאָר מיט די אויסנאַהמען. אַז איך קאָן נישט ברײנגען מײנע לײדען אין אַ פאָרמע אין וועלכע זײ זײנען פאָרגעקומען, פערשפאַר איך צו זאָגען. די קונסט בעגינט ערשט דאָ וואו די נאָכאַהמונג הערט אויף, אָבער עפּעס מוז דאָך ווי עס איז אַרײנקומען אין מײן ווערק, אפשר פולערע עראינערונגס קלאַנגען, ווערטער פון רײכערער מעלאָדיע, זעלטענערע פאַרבען־ווירקונגען, פשוט'ערע אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען, על כל פנים פון מאַנכען עסטהעטישען ווערטה.

בשעת מאַרסיאַס*) איז געוואָרען „אַרויסגעצויגען פֿון'ם שייד פֿון זיינע גליעדער" — Della vagina della membre sue, בכדי צו בענוצען איינעם פֿון דאַנטע'ס אימה'דיגסטע טאַציטאַנישע אויסדריקע**) — איז געווען אַ סוף צו זיין געזאַנג, האָבען געזאָגט די גריעכען. אַפּאָלאָ איז געבליעבען דער בעל נצחון. די לירע האָט גובר געווען דאָס פּאַסטוכשע פּייפּעל. אָבער ווער וויים, אפשר האָבען די גריעכען אַ טעות געהאַט. איך הער אין אַסך מאָדערנע קונסט דעם קול פֿון מאַרסיאַס. ער איז ביטער ביי באָדלער, זיס און קלאָגענדיג ביי לאַמאַרטין,***) פֿול מיט סודות ביי ווערלען. ער איז אין די צוריקגעהאַלטענע אויפֿלעזונגען פֿון שאָפּען'ס מוזיק. ער איז אין דער נישט צופֿריעדענהייט וואָס איז אויסגעדריקט אויף די שטענדיג ווידערקעהרענדע פֿרויען-פּנים'ער ביי באָירן-דזשאָנס. אפילו מעטיו אַרנאָלד, וואָס זיין ליעד „קאַלליקלעס" דערצעהלט פֿון דעם „טריאומף פֿון דער זיסער איבערצייגענדער לירע", און דעם „בעריהמטען ענדליכען נצחון", אין אַזעלכע העלע טענער פֿון לירישער שענהייט, אפילו ער האָט אויך נישט וועניג דערפֿון, אין דער קומערפֿולער אונטער-שטימע פֿון ספקות און עגמת נפש וועלכע הערען זיך תמיד אַרוים פֿון זיינע פֿערזען; נישט געטהע און אויך נישט וואָירדסוואָירטה האָבען איהם געקאָנט עפּעס וואָס העלפֿען דערצו, האָטש אפילו ער האָט זיךביידען אַמאָל דעם און אַמאָל יענעם אָנגעשלאָסען, און בעת ער פֿערזוכט צו בעקלאָגען „טהירזיס" אָדער ער זינגט פֿון דעם „ציגיינער שטודענט", אַזוי מוז ער זיך נעהמען צו דאָס פּאַסטוכשע פּייפּעל, בכדי איבערצוגעבען זיין נגון. אָבער אויב דער וואַלד-גאָט פֿון פֿריגיען איז יאָ אַנט-שוויגען געוואָרען אָדער נישט, איך קאָן דאָס נישט. דאָס אויסדרי-

---

*) זעה אויבען זייטע 88.

**) אין דעם שטאַרקען, שטורמדיגען, נביא'שען סטיל פֿון בעריהמטען רוימישען היסטאָריקער קאָרנעליוס טאַציטוס (117—54).

***) לאַמאַרטין (1869—1790), פֿראַנצויזישער דיכטער, פּאָליטיקער און היסטאָריקער

קען זיך איז פֿאַר מיר אַזוי נעטהיג אָט אַזוי ווי בלעטער און בליהונג זיינען נעטהיג פֿאַר די שוואַרצע צווייגען פֿון די בוימער וועלכע הייבען זיך אַרויס איבער די מויערן פֿון דער תפיסה און שאָקלען זיך מיט התמדה אין דעם ווינד. צווישען מיין קונסט און די וועלט עפֿענט זיך אַצינד אַ ברייטער אָבגרונד, אָבער צווישען די קונסט און מיר איז נישטאָ קיין מחיצה. איך האָף לכל הפחות אַז עס איז נישטאָ.

יעטוועדען איינעם פֿון אונז איז אָנגע'חתמ'עט אַן אַנדער מזל: פֿרייהייט, פֿרעהליכקייט, נחת, תענוגים, אויף מיין גורל איז אויס-געפֿאַלען עפֿענטליכע זלזולים, לאַנג-דויערדיגעם צוכט-הויז, עלענד, באַנקראָט, שאַנדע, דאָך בין איך דאָס נישט ווערטה — נאָך נישט אַצינד, על כל פנים.

איך דערמאָן מיך אַז איך בין געוועהנט געוועזען צו זאָגען אַז איך דיינק איך קאָן אַריבערטראָגען אַ ווירקליכע טראַגעדיע אויב זי זאָל צו מיר קומען אין דעם פורפור מאַנטעל און אין דער מאַסקע פֿון אַ נאָבעלען צער, אָבער דאָס שרעקליכע פֿון דער מאָדערנע איז וואָס זי טהוט אָן די טראַגעדיע אין די מלבושים פֿון דער קאָמעדיע, אַזוי אַז די גרויסע ווירקליכקייטען זעהען אויס וואָכעדיג, האָבען אַ פנים פֿון'ם חוזק און אָהן אַ שום סטיל. בנוגע דער מאָדערנע איז דאָס גאַנץ ריכטיג, דאָס איז מסתמא שטענדיג ריכטיג געוועזען בנוגע דאָס ווירקליכע לעבען. עס איז געזאָגט גע-וואָרען אַז אַלע מאַרטירערייען זעהען אויס געמיין אין די אויגען פֿון דעם צוקוקער. דאָס נייִנצעהנטע יאָהרהונדערט מאַכט נישט קיין אויסנאַהמע פֿון אָט דעם דאָזיגען רעגעל.

אַלצדינג וואָס איז נוגע מיין טראַגעדיע איז געוועזען מיאוס געמיין, אַבשטויסענד, אָהן סטיל; שוין אונזער הלוך אַליין מאַכט אונז אויסזעהן משונה'דיג. מיר זיינען די בדחנים פֿון'ם לײדען. מיר זיינען פּאַיאַצען מיט געבראָכענע הערצער. מיר זיינען ספּע-ציעל בעשטימט צו ווירקען אויף דעם חוש פֿון לאַכען

דעם דרייצעהנטען נאָוועמבער, 1895, בין איך אַראָב גע־בראַכט געוואָרען אַהער פֿון לאָנדאָן. פֿון צוויי אַזייגער ביז האַלב דריי דעם זעלביגען טאָג האָב איך דענסטמאָל געמוזט שטעהן אויף דער צענטראַלער פּלאַטפֿאָרמע פֿון דער סטאַציאָן קלעפּהעם דזשאַנקשאָן אין אַרעסטאַנסקע קליידער, און מיט קייטען אויף די הענד, אויסגעשטעלט פֿאַר די בליקען פֿון דער גאַנצער וועלט. איך בין אַרויסגענומען געוואָרען פֿון דער קראַנקען־אָבטיילונג, נישט ווערענדיג אַ רגע פֿריהער צוגעגרייט דערצו. אונטער אַלע די פֿערוואָרפֿענע בין איך געווען דער לעכערליכסטער. די לייט האָבען זיך פֿערנאַנדער געלאַכט ווען זיי האָבען מיר דערזעהן. יעטוועדער נייער צוג וועלכער איז אָנגעקומען האָט פֿערגרעסערט דעם געזע־מעל. זייער שפּאַס האָט נישט געקענט קיין גרענעץ. דאָס איז געווען, על פּי טבע, איידער זיי האָבען געוואוסט ווער איך בין געווען. אַזוי גיך אָבער ווי זיי האָבען זיך דאָס דערוואוסט האָבען זיי נאָך מעהר געלאַכט. אַ האַלב שעה לאַנג בין איך דאָרט געשטאַנען אין דעם גראָהען נאָוועמבער רעגען אַרומגערינגעלט פֿון אַן המון כת ליצנים.

אַ גאַנץ יאָהר נאָכדעם ווי דאָס האָט מיר פּאַסירט, האָב איך געוויינט יעטוועדען טאָג אין די זעלבע שטונדע און פֿאַר דער זעלבער גלייכער צייט. דאָס איז נישט אַזוי טראַגיש ווי דאָס קאָן משמעות קלינגען אין אייערע אויערן. ביי די יעניגע וועלכע זיצען אין תפיסה זיינען טרעהרען אַ טהייל פֿון זייערע טעגליכע איבער־לעבענישען. אַ טאָג אין תפיסה אין וועלכען מען האָט נישט געוויינט איז אַ טאָג אין וועלכען אונזער האַרץ איז פֿערהאַרטעוועט, נישט קיין טאָג אין וועלכען אונזער האַרץ איז גליקליך.

וואויל, ערשט איצטער הייב איך אָן ווירקליך צו פֿיהלען מעהר בעדויערן פֿאַר די לייט וואָס האָבען פֿון מיר געלאַכט ווי פֿאַר מיר גופא. בעת זיי האָבען מיך געזעהן בין איך אודאי נישט געשטאַנען אויף מיין פּעדעסטאַל, איך בין געשטאַנען אין קונע. אָבער נור אַזוינע נפשות וואָס האָבען נישט קיין ברעקעל פֿאַנטאַזיע קימערן זיך בלויז פֿאַר לייט אויף זייער פּעדעסטאַל. אַ פּעדעסטאַל קאָן

זיין עפּעס זעהר נישט ווירקליכעס. די קונע איז אַן אימה'דיגע ווירקליכקייט. זיי האָבען געזאָלט בעסער וויסען ווי אַזוי מפורש צו זיין דעם צער. איך האָב שוין געזאָגט אַז הינטער דעם צער פערבעהאַלט זיך שטענדיג נור דער צער. עס וואָלט געווען נאָך מעהר חכמה צו זאָגען אַז הינטער דעם צער פערבעהאַלט זיך שטענדיג אַ נשמה. און צו פערשפּאָטען אַ נשמה אין איהר פּיין איז עפּעס שרעקליכעס. ווער דאָס טהוט, דעם'ס לעבען איז נישט שען. אין דער מערקווירדיג פּשוט'ער בעל הבית'ישקייט פון דער וועלט בעקומען די מענשען נור מדה כנגד מדה; און צו די דאָזיגע וועלכע האָבען נישט גענוג פאָרשטעלונגס קראַפט דורכצוקוקען די בלויזע חצוניות פון די מעשים, און צו פיהלען מיטלייד, וואָס פאַר אַ מיטלייד קאָן צו זיי געגעבען ווערען אַ חוץ דאָס פון דער פעראַכטונג?

איך פערשרייב דעם דאָזיגען דין וחשבון פון דעם אופן ווי אַזוי איך בין אַריבערגעפיהרט געוואָרען אַהער אין דער דאָזיגער תפיסה, פּשוט בכדי אַז עס זאָל זיין פערשטענדליך ווי שווער עס איז פאַר מיר געווען אַרויסצוטראָגען פון מיין שטראָף עפּעס אַנדערש ווי פערביטערונג און פערצווייפלונג. איך מוז, פון דעסטוועגען, דאָס טהאָן, און צייטענווייז האָב איך מאָמענטען פון הכנעה און מקבל־באהבה־זיין. דער גאַנצער פריהלינג קאָן זיך פערבעהאַלטען אין דער איינצעלנער בלומען-קנאָספּע, און דאָס נעסט פון דער לערכע אין די אַקער־בייטען קאָן אַריינגעהמען די גרויסע פרייד וועלכע האָט אַמאָל געאיילט פאָראויס פאַר דאָס אָנקומען פון מאַנכע רויז־רויטע פריהמאָרגענס. אַזוי איז אפשר אַל די שענקייט, וועלכע דאָס לעבען האָט נאָך פאַר מיר איבערגעלאָזען, ענטהאַלטען אין אַ מאָמענט פון הכנעה, שפלות און ענוות. איך קאָן, על כל פנים, נור געהן ווייטער אין די דרכים פון מיין איינענער ענטוויקלונג, און דורך דעם וואָס איך בין מקבל באהבה אַלץ וואָס האָט מיר פּאַסירט, מאַך איך זיך גופא ווירדיג דערצו.

די מענגע פלעגט מיר נאָכזאָגען אַז איך בין צופיעל אינדי־ווידואַליסטיש. איך מוז נאָך ווערען אַ פיעל גרעסערער אינדיווידואַ־ליסט ווי איך בין ווען אַ מאָל געווען. איך מוז נאָך ווייט מעהר אַרויסקריגען פון זיך אַליין וויפיעל איך האָב דאָס ווען אַ מאָל געטהאָן, און פערלאַנגען ווענינער פון דער וועלט ווי איך האָב ווען אַ מאָל פערלאַנגט. כלעבען, מיין חרבן איז נישט געקומען פון אַ צו גרויסען אינדיווידואַליזם אים לעבען, נאָר פון אַ צו קליינעם. די איינציגע שענדליכע, נישט פערצייהליכע, און פאַר אַלע צייטען פעראַכטליכע האַנדלונג פון מיין לעבען איז בעשטאַ־נען אין דעריין וואָס איך האָב מיך ערלויבט צו אַפעלירען צו דער געזעלשאַפט פאַר הילף און שוץ.*) פון אינדיווידואַליסטישען שטאַנד־פונקט אַרויס וואָלט שוין אויך גענוג שלים געוועזען צו האָבען געמאַכט אַזאַ סאָרט אַפּיל; אָבער וואָס פאַר אַן ענטשולדיגונג קאָן דאָ טאַקע ווערען אַ מאָל הערויסגעשטעלט הלמאַי איך האָב דאָס געטהאָן? עס פערשטעהט זיך ממילא אַז אַזוי באַלד ווי איך האָב נור איינמאָל געבראַכט אין בעוועגונג די כוחות פון דער געזעלשאַפט, האָט זיך די געזעלשאַפט געווענדעט אַנטגעגען מיר און אַזוי געזאָגט: „די גאַנצע צייט האָסט דו געלעבט אויף־צו־להכעיס פון מיינע געזעצען, און אַצינד רופסט דו די דאָזיגע געזעצען צום שוץ? דו זאָלסט בכן ווערען בע'הבנ'ט אין די דאָזיגע געזעצען מיט אַלע זייערע פרטים און דקדוקים. דו זאָלסט אויך טראָגען די אחריות דערפאַר וואָס דו האָסט אַפעלירט". דער פועל יוצא איז אַז איך בין אין צוכטהויז. און איך האָב אין דעם משך פון מיינע דריי פראָצעסען ביטער געפיהלט די חרפות און ביושים פון מיין מצב.

זיכערליך איז קיין איין מענש קיינמאָל נישט געפאַלען אַזוי מיאוס ווי איך, און דורך אַזעלכע מיאוס'סע ווערקצייג. אין איין שטעלע פון מיין „דאָריאַן גריי" שטעהט געשריעבען: „מען קאָן נישט זיין גענוג פאָרזיכטיג אין דער וואַהל פון זיינע פריינד".

---

*) זעה אויבען זייטע 16.

עס האָט זיך מיר דאָס קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט, אַז איך זאָל דורך פּאַריאַס אַליין אַרונטערזינקען צום פּאַריאַ. דעריבער פּעראַכט איך מיך אַזוי.

דאָס פּיליסטערהאַפּטע עלעמענט אים לעבען בעשטעהט נישט אין דער אונפעהיגקייט צו בעגרייפען די קונסט. בע'חנ'טע מענשען, ווי כדומה למשל פישער, פּאַסטוכער, אַקערער, בווערים און דער גלייכען, ווייסען גאַרנישט מכח דער קונסט און זיינען דאָך די סאַמע זאַלץ פון דער ערד. דער עכטער פּיליסטער איז אָט דער וועלכער האַלט אונטער און שטיצט די שווערפעליגע, לעסטיגע, בלינדע מעכאַנישע כחות פון דער געזעלשאַפט, און דער וועלכער אַנערקענט נישט די טרייבענדע קראַפט בעת ער בעגעגענט איהר אויף זיין וועג אין אַ מענשען אָדער אין אַ בעוועגונג.

מען האָט מיר שרעקליך בערעדט נאָכשאָל איך האָב איינגעלאַדען צו מיין טיש די פסולת פון'ם לעבען און געפונען פערגניגען אין זייער חברותא. דאָך אַנדערערזייטס, פון דעם שטאַנדפונקט אַרויס דורך וועלכען איך, אַלס קינסטלער אים לעבען, האָב מיך צו זיי דערנעהנטערט, זיינען זיי געווען הערליך אָנרעגענדע רייץ־מיטעל. דאָס איז געווען פונקט אַזוי ווי מען זאָל באַלעווען מיט לעמפּערטען. די סכנה איז געווען אַ העלפט פון דער אויפרעגונג.

איך בין מיר פאָרגעקומען ווי דער שלאַנגען בעשווערער, ווען ער פערנאַרט די גיפטיגע קאָברא, כדי זי זאָל זיך אויפהעבען פון דער קאָלירטער טוך אָדער פון דעם ראָהר געפלאָכטענעם קאָרב, און לאָזט זי אויף זיין בעפעהל פונאַנדער נעהמען איהר שילד און אויסשפּרייטען אין דער לופט, אַקוראַט ווי אַ פּלאַנצע בעוועגט זיך רוהיג אין דעם שטראָם. זיי זיינען געווען אין מיינע אויגען די לויכטעדיגסטע פון אַלע פערגאָלדעטע שלאַנגען, און זייער גיפט איז געווען אַ טהייל פון זייער פאָלקאָמענהייט. איך שעהם מיך בשום אופן נישט, זיי צו האָבען געקענט. זיי זיינען געווען העכסט אינטערעסאַנט. אָבער מיט וואָס איך שעהם מיך

יאָ, דאָס איז געווען די שרעקליך פֿיליסטערישע אַטמאָספֿערע, אין וועלכע איך בין געוואָרען הערייננעשלעפּט.

מיין פּלאַץ אַלס קינסטלער איז געווען ביי דער זייט פֿון אַריעל. איך אָבער האָב מיך אַרונטער געלאָזען צו ראַנגלען זיך מיט קאַליבאַן.*)

אָנשטאָט צו שרייבען פּראַכטפֿול פֿאַרביגע, מוזיקאַלישע ווערק, ווי „סאַלאָמע", די „פֿלאָרענטינישע טראַגעדיע" און La Sainte Courtisane, האָב איך מיך געזעהן געצוואונגען, צו שרייבען לאַנגע געריכטליכע בריף, און איך בין געווען גענעטהיגט, מיך צו בעגעבען אונטער דעם שוץ פֿון גראַדע אָט די זאַכען, אַנטגעגען וועלכע איך האָב מיך תמיד בעוואַהרט. — — —און— — — זיינען געווען וואונדערפֿול אין זייער ניעדערטרעכטיגער מלחמה אַנטגעגען דאָס לעבען. דער עלטערער דיומאַ, צעלליני, גאָיאַ, עדגאַר עללען פּאָע, באָדלער וואָלטען געהאַט געטהאָן גענוי דאָס זעלבע...**)

*) אַריעל און קאַליבאַן, פֿיגורען פֿון שעקספּיער'ס דראַמאַ „שטורם". אַ ר י א ל, אַ „גייסט פֿון דער לופֿט", איז אַ רואה ואינו נראה, און פֿיהרט דורך גוטע שליחות. ק אַ ל י ב אַ ן, אַ „ווילדער מיאוס'ער קנעכט" דער זוהן פֿון אַ העסליכער מכשפה, הבר'ט זיך מיט שכורים און גנבים. (אין די פֿאַבלען פֿון מיטעל-אַלטער איז אַ ר י א ל דער מלאך וואָס איז ממונה איבער די צניעות.)

**) אלכסנדר ד י ו מ אַ (70—1802), דער פֿראַנצויזישער ראָמאַנען-שרייבער. (צוויי פֿון זיינע ראָמאַנען, „גראַף מאָנטאַ קריסטאָ" און „די אייזערנע מאַסקע", זיינען איבערזעצט אויך אין יודיש.)—בענווענוטאָ צ ע ל ל י נ י (1500—71), איטאַליענער גאָלדשמיעד, סקולפּטאָר און גראַווירער. ער איז אויך בעריהמט דורך זיין אינטערעסאַנטע לעבענס-בעשרייבונג, געשריעבען פֿון איהם אַליין.—פֿראַנציסקאָ יאָזע דע ג אָ י אַ (1764—1828) גרויסער שפּאַנישער מאַלער, פֿון פֿיעלער בעדייטונג פֿאַר די מאָדערנע קונסט.—עדגאַר עללען פּ אָ ע (41—1809), דער אַמעריקאַנער דיכטער, (מאַנכע פֿון זיינע ליעדער און סקיצען זיינען איבערזעצט אין יודיש.)—שאַרל ב אָ ד ל ע ר (זעה אויבען זייטע 87.)

מיינער אַ גוטער פֿריינד — אַ פֿריינד וועלכער איז מיר צעהן יאָהר טריי געווען — האָט מיר אַנומאָלט בעזוכט און האָט צו מיר געזאָגט אַז ער גלויבט נישט קיין איינציגעס וואָרט פֿון וואָס עס איז פֿאָרגעבראַכט געוואָרען אַנטגעגען מיר; און האָט מיר געגעבען צו פֿערשטעהן אַז ער בעטראַכט מיר פֿאַר גאַנץ אונשול-דיג, און האַלט מיך פֿאַר דעם קרבן פֿון אַן עקעלהאַפֿטער אינ-טריגע. איך האָב אויסגעבראָכען אין טרעהרען בעת ער האָט אַזוי גערעדט צו מיר, און האָב איהם געזאָגט אַז אויב אפילו עס זיינען פֿאַרהאַן אַ סך פונקטען פֿון דער אָנקלאַגע וועלכע זיינען זעהר נישט אמת און זיינען אַרויפֿגעוואָרפֿען געוואָרען אויף מיר דורך הימעל-שרייענדער רשעות, דאָך איז מיין לעבען געווען פֿול מיט פערווערזע תענוגים און נישט נאַטירליכע תאוות; און כל זמן ער נעהמט דאָס נישט אָן אַלס אַ פֿאַקט און אַנערקענט נישט גאַנץ און גאָר אַז אָט אַזוי בין איך געווען, יעמאָלט איז מיר נישט מעג-ליך צו קאָנען לענגער זיין מיט איהם פֿריינד, אָדער ווען אַ מאָל פֿערברייננגען ווידער אין זיין געזעלשאַפֿט. דאָס איז געווען פֿאַר איהם אַ שרעקליכער קלאַפּ; דאָך זיינען מיר נאָך בעפֿריינדעט, און איך האָב זיין פֿריינדשאַפֿט נישט אַרויסגענאַרט דורך פֿאַלשע תירוצים. זאָגען דעם אמת איז עפּעס וואָס פיינליכעס; אָבער צו מוזען ריידען שקרים איז אַ סך שלימער.

דאָס איז פֿאָרגעקומען בשעת מיין לעצטען פּראָצעס, איך בין געזעסען אויף דער זינדער-באַנק און געהאָרכט לאָקוואוד׳ס אַניע-דערשמעטערנדע אָנקלאַגע; זי האָט זיך געהערט ווי אַ שטעלע פֿון טאַציטוס, אַ פֿערז פֿון דאַנטע, ווי איינע פֿון סאַוואָנאַראָלאַ׳ס בראַנד רעדען אַנטגעגען די פּאַפּסטען.*) מיך האָט אָנגעכאַפּט אַן עקעל פֿון דעם, וואָס מיין אויער האָט פֿערנומען. דאָ איז מיר פּלוצלינג דורכגעפֿלייגען דורכ׳ן קאָפּ: „ווי גרויס-אַרטיג וואָלט

*) סאַוואָנאַראָלאַ (1452—98), בעריהמטער איטאַליענער פּאָליטישער און רעליגיאָנס רעפֿאָרמער. (זעה אויבען זייטע 76.)

דאָס געווען, ווען איך גופא וואָלט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט איבער מיך!" תיכף איז מיר קלאָר געוואָרען: אַז דאָס, וואָס ווערט פֿון אַ מענשען געזאָגט, איז גאָרנישט; עס ווענדעט זיך דער עיקר ווער דאָס זאָגט. דער העכסטער אויגענבליק פֿון אַ מענשען — אין דעריין האָב איך נישט דעם מינדעסטען ספק — איז דער, ווען ער וואַרפֿט זיך אים שטויב, שלאָגט זיך אין די ברוסט און איז זיך מתודה אויף אַלע חטאים פֿון זיין לעבען...

געפֿיהלס־כחות, ווי איך זאָג ערגעץ וואו אין די „אינטענ־שאָנס", זיינען אַזוי בעשרענקט אין זייער אויסשפּרייטונג און דויערקייט ווי די כחות פֿון דער פֿיזישער ענערגיע. דער קליינער בעכערעל וואָס איז געמאַכט געוואָרען צו ענטהאַלטען אַ געוויסען שיעור, קאָן אַריינגעהמען נור אַזוי פֿיעל און נישט מעהר, בעת אפילו אַלע פּורפּור פֿעסער פֿון בורגונד זיינען געפֿילט מיט וויין ביז צום פֿולען און די קעלטערער שטעהען ביז די קניע אין די קופּעס טרויבען פֿון די שטיינערדיגע וויין־גערטנער אין שפּאַניען. קיין טעות איז נישט מעהר פֿערברייטערט ווי די מיינונג אַז די יעניגע וועלכע זיינען די אורזאַכען אָדער די פֿעראורזאַכער פֿון גרויסע טראַגעדיעס נעהמען אַנטהייל אין די פֿיהלונגען וועלכע זיינען געהעריג צו דער טראַגישער שטימונג: קיין טעות איז נישט מעהר נעפֿעהרליך ווי עפּעס אַזוינס צו ערוואַרטען פֿון זיי. דער מאַרטירער אין זיין „פֿלאַמען־העמד" דערבליקט אפשר דעם פּנים פֿון גאָט, אָבער פֿאַר דעם יעניגען וועלכער לעגט צוזאַמען די בינטלעך טרוקענע שייטלעך האָלץ, אָדער שאַרט פֿונאַנדער די האָלעוועשקעס כדי דער ווינד זאָל קאָנען דורכבלאָזען, פֿאַר איהם בעדייט די גאַנצע סצענע נישט מעהר ווי דאָס קוילען פֿון אַן אָקס איז פֿאַר דעם קצב, אָדער ווי דאָס אויסהאַקען פֿון אַ בוים איז פֿאַר דעם האָלץ־קויהלען ברענער אים וואַלד, אָדער ווי דאָס פֿאַלען פֿון אַ בלום פֿאַר איינעם וועלכער שניידט אָב דאָס גראָז מיט אַ קאָסע. גרויסע ליידענשאַפֿטען זיינען פֿאַר גרויסע נשמות, און די

גרויסע בעגעבענהייטען קאָנען נור דערקענט ווערען פֿון די וועלכע שטעהען אויף אַ גלייכע מדרגה מיט זיי.

* * *

איך קען קיין זאַך נישט אונפֿערגלייכליכערעס אין דער גאַנצען דראַמאַטישען ליטעראַטור וואָס זאָל זיין, פֿון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט אַרויס, אָנרעגענדער אין זיין פֿיינקייט פֿון דער בעאָבאַכטונג, ווי שעקספּיער׳ס צייכענונג פֿון ראָזענקראַנץ און גילדענשטערן. זיי זיינען האַמלעט׳ס אוניווערזיטעטס פֿריינד. זיי זיינען געוועזען זיינע חברים. זיי ברייננען מיט זיך זכרונות פֿון צוזאַמען פֿערבראַכטע פֿרעהליכע טעג. אין דעם כהרף עין בעת זיי בעגעגענען האַמלעט׳ן אין דער דראַמאַ, טרייסעלט ער זיך אונטער דעם לאַסט פֿון אַ שווערער משא וועלכע איז אונער־טרעגליך פֿאַר אַ מענשען פֿון זיין טעמפּעראַמענט. דער מת איז אויפֿגעשטאַנען בעוואַפֿענט פֿון קבר כדי הערויפֿצולעגען אויף איהם אַ מיסיאָן וועלכע איז צו גלייכער צייט צו גרויס און צו נידעריג פֿאַר איהם. ער איז אַ טרוימער, און ער איז בערופֿען צו האַנדלען. ער האָט די נאַטור פֿון אַ דיכטער און מען פֿערלאַנגט פֿון איהם ער זאָל זיך ראַנגלען מיט דער געוועהנטליכער פֿערפּלאָנטערונג פֿון אורזאַכע און ווירקונג, מיט דעם לעבען אין זיין פּראַקטישער גע־שטאַלט, פֿון וועלכען ער ווייסט גאָרנישט, נישט מיט דעם לעבען אין זיין אידעאַלער עסענץ פֿון וועלכען ער ווייס אַזוי פֿיעל. ער האָט קיין השגה נישט וואָס ער זאָל טהאָן, און זיין שטות בעשטעהט אין דעריין וואָס ער פֿערשטעלט זיך כלומר׳שט צום שוטה. ברו־טוס*) האָט בענוצט די מרה שחורה אַלס אַ מאַנטעל צו בעהאַלטען

*) ברוטוס, דער גרויסער רוימישער רעפּובליקאַנער, וועלכער האָט ערמאָרדעט זיין גוטען פֿריינד יוליוס צעזאַר (ווען ער האָט כח גע־קראָגען צו ווערען אַ קיסר) בכדי רוים זאָל בלייבען אַ רעפּובליק.

אונטער איהם דעם שווערד פֿון זיין קונה, דעם שפּיעז פֿון זיין רצון, אָבער האַמלעט׳ס משוגעת איז בלויז נור אַ מאַסקע צו בעהאַלטען זיין שוואַכקייט. אין דאָס מאַכען העויות און טרייבען קאַטאָוועס געפֿינט ער אַ געלעגענהייט אָבצולעגען זיין אויפֿגאַבע. ער שפּיעלט תמיד מיט דער טהאַט ווי אַ קינסטלער שפּיעלט מיט אַ טהעאָריע. ער מאַכט זיך גופא צום שפּיאָן פֿון זיינע אייגענטהימליכע האַנדלונגען, און האָרכט זיך איין צו זיינע אייגענע ווערטער, הגם ער ווייס אַז זיי זיינען „ווערטער, ווערטער, ווערטער״. אַנשטאָט זיך צו בעמיהען צו ווערען דער העלד פֿון זיין אייגענער געשיכטע, זוכט ער צו זיין דער צוקוקער פֿון זיין אייגענער טראַגעדיע. ער גלויבט אין קיין שום זאַך נישט, שוין זיך אויך אַריינגענומען אין כלל, און דאָך העלפֿט איהם נישט זיין צווייפֿלען, דען דאָס שטאַמט ניט אַרויס פֿון דעם סקעפּטיציזם, נאָר פֿון אַ צושפּאַלטענעם ווילען.

פֿון אָט דאָס אַלץ בעגרייפֿען גילדענשטערן און ראָזענקראַנץ קיין זאַך נישט. זיי פֿערבויגען זיך און מאַכען חנ׳דעלעך און שמייכלען, און וואָס דער איינער זאָגט, חזר׳ט איבער דער צווייטער מיט אַן עקעלהאַפֿטען נגון. בעת, צום סוף, מיט דער הילף פֿון שפּיעל אים שפּיעל, און די ליאַלקעס אין זייער קונצענמאַכעריי, האַמלעט פֿאַנגט דעם קעניג אין דעם „נעץ פֿון זיין געוויסען״, און יאָגט אַרויס דעם נידערטרעכטיגען מאַן פֿול מיט פחד פֿון זיין טראָהן, זעהען גילדענשטערן און ראָזענקראַנץ אין זיין הנהגה נישט מעהר ווי עפּעס אַ פּיינליכע איבערטרעטונג פֿון דער הויף עטיקעטע. דאָס איז אַלץ וויפֿיעל זיי קאָנען דערלאַנגען אין דעם „בעטראַכטען דעם ספּעקטאַקעל פֿון דאָס לעבען מיט אייגענע געפֿיהלען.״ זיי זיינען אויף דער שפּור צו זיין עצם סוד און ווייסען כלל נישט דערפֿון. עס וואָלט אויך קיין תכלית נישט געווען זיי אָנצופֿערטרויען. זיי זיינען די קליינע בעכערלעך וועלכע קאָנען אַריינעהמען נור אַזוי פֿיעל און נישט מעהר. אַנטגעגען שלום ווערט אָנגעדייטעט אַז אַריינפֿאַלענדיג אין אַ גרוב געגראָבען פֿאַר אַן אַנדערן, האָבען זיי געפֿונען אָדער וועלען נאָך געפֿינען אַ

געוואַלטזאַמען פלוצלימדיגען טוידט. אָבער אַ טראַגישער סוף פֿון דעם מין, הגם אפילו בעשטריכען דורך האַמלעט'ס הומאָר איינגעמאַסען מיט דער איבערראַשונג און דער גערעכטיגקייט פֿון דער קאָמעדיע, איז אין דער אמת'ן נישט פֿאַר אַזוינע נפשות ווי זיי. זיי שטאַרבען קיינמאָל נישט. האָראַציאָ, וועלכער כדי „ריכטיג צו ערקלערען האַמלעט'ן און זיין זאַך פֿאַר די נישט בעפֿריעדיגטע",

„דערוויטערט זיך אַ ווילע פֿון דער גליקזעליגקייט,
און אָטהעמט מיט מיהע אין דער דאָזיגער ביטערער וועלט",

— האָראַציאָ שטאַרבט (אויב אפילו נישט פֿאַר די צוהערער, און לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין ברודער), אָבער גילדענשטערן און ראָזענקראַנץ זיינען אונשטערבליך ווי אַנזשעלאָ און טאַרטיף,*) און האָבען געזאָלט שטעהען מיט זיי אין איין שורה. זיי זיינען אַ ביישטייערונג פֿון דאָס מאָדערנע לעבען צו דעם אַלטערטהימליכען אידעאַל פֿון פֿריינדשאַפֿט. ווער עס וועט אין דער צוקונפֿט שרייבען אַ נייעס בוך De Amicitia**) מוז געפֿינען אַ ווינקעל פֿאַר זיי, און בעשרייבען זייערע שבחים אין ציצעראָ'ניאַנישע פּראָזאַ. זיי זיינען טיפען פֿעסטגעשטעלט פֿאַר אַלע צייטען. זיי טאַדלען, וואָלט אויסגעזעהן ווי „אַ חסרון אין דער ריכטיגער אָבשאַצונג". זיי זיינען פשוט אַרויסגעפֿאַלען פֿאַר זייער סביבה און בעגרייפֿען נישט וואָס עס געהט העכער פֿון זייער האָריזאָנט: דאָס איז אַלץ. אין זעלען פֿאָרנעהמקייט איז נישט פֿאַרהאַנען קיין אָנשטעקונג. ערהאַבענע געדאַנקען און ערהאַבענע געפֿיהלען זיינען אָבגעזונדערט דורך זייער עצם עקזיסטענץ.

---

*) בעקאַנטע האַראַקטערען אין די פֿראַנצויזישע דראַמען „אַנזשעלאָ", פֿון וויקטאָר הוגאָ, און „טאַרטיף", פֿון מאָליער.

**) איבער די פֿריינדשאַפֿט, דאָס בוך „לאַעליוס, אָדער געשפּרעך איבער די פֿריינדשאַפֿט", פֿון דעם רוימישען פּראַכטפֿולען רעדנער און בעריהמטען שטאַאַטסמאַן מאַרקוס טוליוס ציצעראָ (43—106, פֿאַר די קריסטליכע צייטרעכנונג).

איך וועל ווערען בעפרייט, אויב אַלץ געהט כשורה ביי מיר, אַרום ענדע מאַי, און יעמאָלט האָף איך צו פאָהרען תיכף נאָך אַ קליינעם דערפעל ביים ים אין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט ראָבבי'ן און מאָר — — —.

דער ים, ווי איירפידעס זאָגט אין איינע פון זיינע איפיגעניע-טראַגעדיעס,*) שווענקט אַוועק די פלעקען און די וואונדען פון דער וועלט.

איך האָף צו פערברייגגען לכל הפחות אַ חודש מיט מיינע פריינד, און צו געווינען אין זייער געזונדען, ליעבע-פולען געזעל-שאַפט פריעדען און גלייכגעוויכט, און וועניגער שברת הלב, און אַ מילדערע זאַנפטערע שטימונג. איך האָב אַ מאָדנעם פערלאַנגען נאָך די גרויסע פשוטע קדמונים, אַזוינע ווי דער ים, וועלכער איז מיר נישט וועניגער מוטער ווי די ערד. עס זעהט מיר אוים אַז מיר קוקען אויף די נאַטור צו פיעל, און לעבען מיט איהר צו וועניג. איך זעה אַסך געזונדען פערשטאַנד אין דער שטעלונג פון די גריעכען צו דער נאַטור. זיי האָבען קיין מאָל נישט געפלוידערט מכח זונען-אונטערגאַנגען, אָדער דיסקוטירט די פראַגע אויב די שאָטענס אויף דעם גראָז זיינען ממש פיאָלעט אָדער נישט. אָבער זיי האָבען איינגעזעהן אַז דער ים איז פאַר דעם שווימער, און דער זאַמד פאַר די פים פון דעם וועט-לויפער. זיי האָבען געליעבט די בוימער צוליעב דעם שאָטען וועלכען זיי וואַרפען, און דעם

---

*) איירפידעס (406—480, פאַר די קריסטליבע צייטרעכענונג), גריעכישער טראַגעדיען דיכטער, פערפאַסער פון אַן ערך 80 דראַמען. (איינע פון זיינע איפיגעניע טראַגעדיעס איז עהנליך צו די אַלט-יודישע טראַגעדיע פון יפתח'ס טאָכטער. איפיגעניע'ס פאָטער, קעניג אַגאַמעמנאָן, זעה אויבען זייטע 77, ברייגגט זי צו דער עקדה, מחמת זיין נדר צו דער געטין.)

װאַלד פֿאַר זײַן שטיל-שװײַגען מיטטאָג צײַט. דער װײַן-גערטנער אין דעם װײַן-גאָרטען בעקראַנצט זײַנע האָר מיט װינטער-גרין, כדי עס זאָל איהם פֿערהיטען פֿון די שטראַהלען פֿון דער זון, בעת ער נײַגט זיך איבער די יונגע שפּראָצען, און פֿאַר דעם קינסטלער און דעם בעל כח, די צװײ טיפּען װעלכע גריכענלאַנד האָט אונז געגעבען, האָבען זײ געפֿלאָכטען צום קראַנץ די בלעטער פֿון דעם ביטערען לאָרבער-בױם און פֿון דער װילדער פּעטרעשקע, װעלכע װאָלטען איוף קײן אַנדער אופן נישט געבראַכט קײן נוצען פֿאַר דעם מענשען.

מיר רופֿען אונז אָן אַ דור פֿון ניצליכקײט, און מיר װײסען נישט די נוצבאַרקײט פֿון קײן אײנציג זאַך. מיר האָבען פֿערגעסען אַז װאַסער קען רײניגען, און פֿײער לױטערן, און אַז די ערד איז אונזער אַלעמענס מוטער. אַלס פועל יוצא דערפֿון איז אונזער קונסט פֿון דער לבנה און שפּיעלט זיך מיט שאָטענס, װעדליג די גריעכישע קונסט איז פֿון דער זון און בעפֿאַסט זיך דירעקט מיט די זאַכען זעלבסט. איך בין איבערצײַגט אַז אין די עלעמענטאַרישע כּהות איז פֿאַרהאַן לױטערונג, און איך װיל צוריקקעהרען צו זײ און לעבען אין זײער געזעלשאַפֿט.

געװיס פֿאַר אײנעם װעלכער איז אַזױ מאָדערנע װי איך, אַזױ פֿיעל Enfant de mon Siecle *), װעט דאָס תמיד זײַן אַ חיות נור צו קוקען איוף דער װעלט. איך ציטער פֿאַר פֿרײד בעת איך דײנק װעגען דעריין, אַז אין דעם עצם טאָג פֿון מײַן פֿערלאָזען די תפיסה װעלען בײדע אי דער גאָלדרעגען און אי דער האָלונדער בליהען אין די גערטנער, און אַז איך װעל זעהען װי דער װינד בעװעגט אין רוהעלאָזער שענהײט דאָס אַרונטערהײנגענדיגע גאָלד פֿון דעם אײנעם, און צופּט די בלאַס פּורפּורנע פֿעדערן פֿון דעם אַנדערן, אַזױ אַז די גאַנצע לופֿט װעט זײַן פֿאַר מיר אַראַביען. לינגע **) איז געפֿאַלען כורעים און געװײנט פֿאַר שמחה, װען ער

---

*) אַ קינד פֿון מײַן דור.

**) ליננע (1707—78), דער שװעדישער װעלט-בערימטער נאַטור-פֿאָרשער.

האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן די לאַנגע סטעפּע פון אַן ענג־לישען בערג-לאַנד, געפּאַרבט געל מיט די ברוין-געלבע אַראָמאַטישע בליהונגען פון דעם געוועהנטליכען גינסטער; און איך ווייס אַז פאַר מיר, ביי וועמען בלומען זיינען אַ חלק פון דער בענקשאַפט, זיינען פאַרהאַנען טרעהרען וועלכע וואַרטען אויף מיר אין די בלעטעלעך פון אַ רויז. דאָס איז תמיד אַזוי געוועזען ביי מיר, פון מיין קינדהייט אויף. עס גיעט נישט קיין איינציגע קאָליר פערבע־האַלטען אין דעם בעכער פון אַ בלום, אָדער אין דער רונדונג פון אַ מעער־קעפּיל, וועלכע זאָל, אַ דאַנק דער צאַרטער סימפּאַטיע מיט דער עצם נשמה פון אַלער בעשעפעניש, נישט געפינען קיין אָבקלאַנג אין מיין נאַטור. פונקט ווי גאָטיע,*) בין איך תמיד געוועזען איינער פון די דאָזיגע

'pour qui le monde visible exist' **)

דאָך, איך בין אַצינדערט בעוואוסט אַז הינטער אַל די דאָ־זיגע שענקייט, מעג זי אויך זיין ווי איבערצייגענד, איז פערבע־האַלטען אַ גייסט פון וועלכען די פיעל פאַרביגע געשטאַלטען און מוסטערן זיינען נור ענטפּלעקונגס פאָרמען, און אָט מיט דעם דאָזיגען גייסט ווינש איך מיך צו ברייגנען אים איינקלאַנג. איך בין שוין געוואָרען איבערדריסיג פון דעם דייטליך פערנעהמבאַרען אויסדרוק פון די מענשען און זאַכען. דאָס מיסטישע אין דער קונסט, דאָס מיסטישע אים לעבען, דאָס מיסטישע אין דער נאַ־טור — דאָס איז דאָס נאָך וואָס איך קוק אַרויס, און אין די גרויסע מוזיק-סימפאָניעס, דעם געהייליגטען שמערץ און די אָב־גרונדען פון ים וועל איך דאָס אפשר געפינען. יאָ, עס איז לחלוטין נעטהיג פאַר מיר דאָס ערגעץ וואו צו געפינען.

אַלע משפטים זיינען יום הדין'ם אויף דעם מענשענס לעבען, גענוי אַזוי ווי אַלע אורטהיילען זיינען טוידס-אורטהיילען; און דריי

*) גאָטיע Gautier (1811—72), מאָדערנער פראַנצויזישער דיכ־טער און קונסט קריטיקער.

**) „פאַר וועלכע די וועלט עקזיסטירט זעהר דייטליך".

מאָל בין איך געווען גע׳משפּט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך פערלאָזען די אָנקלאַגע באַנק כדי צו ווערען פון דאָרט אויס אַרעסטירט. דאָס צווייטע מאָל, כדי אַלס אונטערזוכונגס אַרעסטאַנט צו ווערען צוריק געפיהרט אין דאָס אַרעסט-הויז, דאָס דריטע מאָל כדי צו ווערען איינגעשפּאַרט אין אַ צוכטהויז-צעלל פאַר צוויי יאָהר. די געזעלשאַפט, אַט אַזוי ווי מיר האָבען זי איינגעאָרדענט, וועט נישט האָבען קיין פּלאַץ פאַר מיך, האָט מיר קיינעם נישט אָנצובאָטען; אָבער די נאַטור, וועמענס זיסע רעגענס עס פאַלען פאַר דעם צדיק ווי פאַר דעם רשע, וועט פאַר מיר האָבען שלוכ-טען אין די פעלזען-שטיינער וואו איך וועל מיך קאָנען פערבע-האַלטען, און געהיימע טהאָלען אין וועמענס שטיל-שווייגען איך וועל מעגען ווייגען נישט געשטערט. זי וועט בעהיינגען די נאַכט מיט שטערען, אַזוי אַז איך וועל קאָנען אויסוואַנדערען קיין אויס-לאַנד נישט ווערענדיג געשטרויכעלט אין דער פינסטערניש, און זי וועט לאָזען דעם ווינד פערוועהען די שפּורען פון מיינע טריט, אַזוי אַז קיינער זאָל מיך נישט קאָנען נאָכשפּירען צו מיין שאָדען: זי וועט מיך רייניגען אין גרויסע וואַסערן, און היילען מיט בי-טערע קרייטיכער.

אסקאר ווײַלד

בריף פֿון תּפֿיסה

בריף פֿון תפיסה*)

6 יאַנואַר 1896.

מיין ליעבער ראָבבי

איבערלעג דיך אַצינדערט מיין פֿאָרשלאַג. איך בין משער, אַז מיין פֿרוי, וועלכע איז אין געלד זאַכען זעהר פֿאָרנעהם און הויכהערציג, וועט צוריק אַוועקגעבען די אויסגעצאָהלטע 75 פֿונט וועלכע קומען אויס אויף מיין חלק. איך בין אין דעריין נישט מסופק. אָבער די אָנבאָטונג האָט דאָך בעדאַרפֿט אַרויסגעהן פֿון מיר און איך וואָלט נישט וועלען פֿון איהר קיין זאַך אָננעהמען אַלס הכנסה: איך קאָן אָננעהמען וואָס מען גיעט מיר מחמת ליעבע און הערצליכער צונייגונג, אָבער נישט, וואָס מען וואַרפֿט מיר צו נישט וועלענדיג אָדער אונטער תנאים. זאָנסט וואָלט איך מיין פֿרוי ליעבער געגעבען גט. יעמאָלט מעג זי זיך ווידער פֿערהייראַטען. על כל פנים גלויב איך, אַז זי וועט מיר ערלויבען, אויב זי וועט זיין פֿריי, צו זעהן מיינע קינדער פֿון צייט צו צייט. דאָס

---

*) די פֿאָלגענדע בריף, ווי אויך דער וועלכער איז אויבען איבער- געגעבען אַלס „פֿאָררעדע", זיינען געשריעבען צו ראָבערט ראָסס, דער ליטעראַרישער צואה ערפֿילער פֿון אָסקאַר ווײַלד. די פֿאָלגענדע בריף, אַ טהייל פֿון דער פֿאָררעדע און מאַנכע אַנדערע פערזענליכע שטעלען זיינען אין דער ענגלישער אויסגאַבע נישט פֿאַרהאַנען און זיינען אַרויסגע- נומען פֿון מאַקס מייערפֿעלד'ס דייטשע אויסגאַבע.

איז טאַקע גראַדע דאָס וואָס איך וויל דערגרייכען. דאָך קודם כל מוז איך זי לאָזען פרײַ. איך האָב דאָס געוואָלט טהאָן ווי עס פּאַסט פאַר אַן עהרענמאַן, מיט אַן אײַנגעבויגענעם קאָפּ, אינדעם איך בין אַלץ מקבל באהבה.

זײַ זיך מישב דעם גאַנצען ענין נאָך איין מאָל, ווי ער איז אַצינדערט געוואָרען דורך דיך, דורך דײַנע נישט אויסגערעכענטע מעשים. זײַ מיר דאַן מודיע, וואָס דו האַלסט דערפון און וואָס אַנדערע דײַנקען. דו האָסט יאָ זעלבסטפערשטענדליך נור דאָס בעסטע געוואָלט; אָבער דײַן אויפפאַסונג איז גראַדע געווען פאַלש. איך קאָן זאָגען אָפען און עהרליך: ביסלעכווײַז קום איך צו דער איבערצײַגונג, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר, איז פון אונזער טובה וועגען. אפשר איז דאָס פילאָזאָפיע אָדער די מײַנונג פון אַ גע־בראָכענעם האַרצען אָדער רעליגיאָן אָדער די תמ'עוואַטע גלײַכ־גילטיגקייט פון דער פערצווייפלונג. אַלץ איינס, וועלכען מקור דאָס געפיהל האָט: עס איז שטאַרק אין מיר. בינדען צו מיר מײַן פרוי אַנטגעגען איהר ווילען, דאָס וואָלט געווען אַן עולה. זי האָט געננוג גרונד צו פאָדערן איהר פרײַהייט. און עס וואָלט בײַ מיר געווען אַ שמחה, ווען איך זאָל נישט ווערען פון איהר אונטער־שטיצט, צו ווערען פון איהר אונטערהאַלטען, וואָלט געווען אַ חרפה און אַ שאַנד. האַלט זיך אַן עצה וועגען דעם מיט מאָר — — לאָז דיר פון איהם ווײַזען דעם בריף וועלכען איך האָב געשריעבען. בעט אויך דײַן ברודער, מיר צו געבען זײַן עצה. ער האָט גלענצענדען געשעפטס פערשטאַנד.

אַצינד צו אַנדערע זאַכען.

איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין געלעגענהייט, דיר צו דאַנקען פאַר די ביכער. זײַ זײַנען מיר געווען זעהר ווילקאָמען. אַז די צײַטונגען זײַנען מיר געוואָרען פערבאָטען, איז געווען אַ שווערער קלאַפּ; אָבער דער ראָמאַן פון מערעדיטה*) האָט מיך מחיה

*) דזשאָרדזש מערעדיטה (1828—1909), דער „אונפערגלײַכלי־כער" ענגלישער נאָוועליסט. אין די „מענשליכע נשמה" שרײַבט אָסקאַר

געוועז. וואָס פאַר אַ געזונדע קינסטלער נאַטור! ער האָט דורכ־אויס רעכט וואָס ער שטעלט אַרויס דאָס געזונדע אַלס הויפּט זאַך; נישקשה, ביז אַצינדערט האָבען געגאָלטען נור די נישט נאָרמאַלע אים לעבען און אין דער ליטעראַטור.

ראָזעטי'ס בריף*) זיינען מורא'דיג דורכזיכטיגע פעלשונגען פון זיין ברודער. נישט קוקענדיג אויף דעם האָב איך מיט אינ־טערעסע זיך דערפון דערוואוסט אַז מיין עלטער־פעטערס „מעלמאָטה" און מיין מוטערס „סידאָניע" זיינען געוועזען אונטער די ביכער וועלכע האָבען איהם בעצויבערט אין זיין יוגענד.**)

ווילד, אַז „צו דזשאָרדזש מערעדיטה געהערט די פילאָזאָפיע אין נאָוועלען. נישט נור וואָס זיינע ראָלען־שפּיעלער לעבען, נאָר זיי לעבען אין געדאַנקען. מען קאָן זיי בעמערקען פון צעהנדליגע טויזענדער שטאַנדפּונקטען. זיי זיי־נען בעלעהרענד" —— מערעדיטה האָט געשריעבען „נור צוליעב זיין אייגענעם פערגעניגען". ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקימערט צו וויסען וואָס דאָס פובליקום וויל, אדרבה, „ער האָט זיך אימער מעהר און מעהר פער־שאַרפט און פערשטאַרקט זיין אייגענע פערזענליכקייט, און האָט אַרויסגע־געבען זיינע אייגענע אינדיווידועלע ווערק". תחילת האָט איהם קיינער נישט בעמערקט. „איהם האָט דאָס אָבער נישט געקימערט". נאָבדעם זיינען גע־קומען די וועניגע. „דאָס האָט איהם נישט איבערגעמאַכט אָדער געענדערט". „אַצינד זיינען שוין געקומען צו איהם די פיעלע. ער איז נאָך אימער דערזעלבער. ער איז אַ נאָוועליסט אָהנע גלייכען." אין יאָהר 1896 איז ערשינען זיין ראָמאַן ‚Amazing marriage', עהנליך צו טביה דעם מילכיגער'ס אַ געשיכטע, איבערגעגעבען פון שלום עליכם.

*) דאַנטע גבריאל ראָזעטי (1828—82), מאָדערנער ענגלישער מאַלער און דיכטער. בעגרינדער פון דעם ענגלישען קינסטלער בונד „פרע־ראַפאַעליט", וועלכער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער נאַטירליכקייט און תמימות פון דער קונסט „פאַר־ראַפאַעל", צו דער יעניגער תקופה וועלכע ווילד רופט אָן: „ישו'ס אייגענע רענעסאַנס" (זעה אויבען זייטע 90).

**) אָסקאַר ווילד'ס עלטער־פעטער טשאַרל מאַטורין, (1782-1824) דער פריינד פון געטהע און באַיראָן, איז דער פערפאַסער פון אייגענטהימליכע

(בנוגע דער פֿערשווערונג, וועלכע האָט געזאָלט שפּעטער האָבען בעשטאַנען אַנטגעגען איהם, אַזוי גלויב איך, אַז זי איז באמת פֿאַרהאַנען געווען און אז די מיטעל דערצו זיינען געליפֿערט געוואָרען פֿון הייק׳ס באַנק. דאָס פֿערהאַלטען פֿון אַ דראָסעל אין טשייני-וואָק שיינט העכסט פֿערדעכטיג, הגם וויליאַם ראָזעטי זאָגט: „איך האָב אין דעם זינגען פֿון דער דראָסעל כלל נישט געקאָנט ענטדעקען עפּעס וואָס אונגעוועהנליכעס. *)

געווי אַזוי זיינען אויך סטיפֿענסאָן׳ס בריף **) אַ ביטערע

ראָמאַנען, און זיין ראָמאַן „מעלמאָטה דער וואַנדערער" האָט געהאַט נישט קיין קליינעם איינפֿלוס אויף די פֿראַנצייזישע ראָמאַנטיק פֿון יאָהר 1830.— „סידאָניע די מכשפה", היסטאָרישע ערצעהלונג, איבערזעצט פֿון דייטש. (איין קאַפּיטעל הייסט „שם המפורש" און רעדט וועגען יודען און יודענטום, אין נישט קיין פֿריינדליכען אופן.)

*) אין יאָהר 1871 נאָכדעם ווי ד. ג. ראָזעטי האָט פֿערעפֿענט-ליכט זיינע לידער וועלכע מען האָט אַרויסגעגראָבען פֿון זיין ווייבס קבר (זעה די בעמערקונג סוף בריף), דענסטמאָל האָט אַ געוויסער ענגלישער קריטיקער זעהר שטאַרק אַטאַקירט די פּערזענליכקייט פֿון דיכטער און איהם געשטעלט אין איין רייהע מיט מאַנכע פֿראַנצויזישע אונמאָראַלישע שריפֿט-שטעלער. ראָזעטי, וועמעס נערווען עס זיינען שוין געווען אָנגעגריפֿען נאָך פֿון זיין פֿרוי׳ס פֿריהצייטיגען טויט, האָט זיך בכן איינגעבילדעט — לויט די מיינונג פֿון זיין ברודער וויליאַם אין די פֿאַמיליע בריף (זייטע 303—332) איז זיין פֿאַנטאַזיע געווען פֿון אַן היפּאָכאָנדריק, ניט פֿון קיין משוגע׳נעם — אַז מען פּלאַנט אַנטגעגען איהם אַ קאָנספּיראַציע און אין יעטוועדער טרעפֿונג האָט ער געזעהן אַ פֿערשווערונג. — טשייני וואָק, Cheyne Walk איז אַ גאַס אין טשעלסי, לאָנדאָן, וואו ראָזעטי האָט געהאַט זיין הויז און גאָרטען. (מערעדיטה און דער גרויסער דיכטער סווינבאָירן (1837—1909) זיינען ביי איהם געווען שכנים.) — דער דיכטער דר. טהאָמאַס גאָרדאָן ה י י ק Hake איז געווען ראָזעטי׳ס פֿריינד און אַרצט.

**) ראָבערט לואיס סטיפֿענסאָן (1850—94), ענגלישער דיכטער און נאָוועליסט. צוליעב זיין שוואַכען געזונד האָט ער די לעצטע פֿינף יאָהר פֿון זיין לעבען געוואָהנט אויף דער אינזעל סאַמאָאַ. אין יאָהר 1895 זיינען ערשינען די בריף, Vailima Letters, מכח וועלכע ווילד רעדט.

ענטטוישונג. פֿאַר אַ ראָמאַנטיסטישען שרייבער קאָן נישט געבען קיין ערגערע סביבה ווי אַ ראָמאַנטישע — — דאָס ווערט מיר דערפֿון קלאָר. אין גאָוער סטריט וואָלט סטיפֿענסאָן געקאָנט שרייבען אַ נייעס בוך אַ לאַ „דריי מוסקעטיערען". *) אויף סאַמאָאַ האָט ער געשריעבען בריף צו די „טיימס" איבער די דייטשען. איך זעה אויך שפּורען דערפֿון, וואָס פֿאַר אַן אימה'דיגען קאַמפּף דאָס קאָסט אָב, בעת מען וויל פֿיהרען אַ נאַטירליכעס לעבען. ווער עס האַקט האָלץ פֿון זיין אייגענער טובה וועגען אָדער צום נוצען פֿאַר אַנדערע, דער זאָל נישט זיין ביכולת, צו בעשרייבען ווי דאָס איז צוגעגאַנגען. דאָס נאַטירליכע לעבען איז אין דער אמת'ן נישט בעוואוסטער נאַטור. סטיפֿענסאָן פֿערברייטערט נור דעם בעצירק פֿון דאָס געקינסטעלטע דורך דעם וואָס ער גיעט זיך אָב מיט דאָס גראָבען. איך האָב עפּעס וואָס געלערנט פֿון דעם נישט ערקוויקליכען בוך: ווען איך זאָל פֿערברייגען מיין קומענדיגען לעבען דערמיט, צו לייענען באָדלער אין אַ קאַפֿע, אַזוי וועל איך פֿיהרען אַ נאַטירליכערעס לעבען, ווי בעת איך וועל טהאָן די אַרבייט פֿון אַ בוימלעך בעשניידער אים וועלדעל אָדער פֿלאַנצען שאָקאָלאַדע-בוימער אין שלאַמיגען זומפּ.

הויסמאַנס'ס „ען רוט" **) ווערט זעהר איבערגעשעצט. עס איז פּשוט'ער זשורנאַליזם. מען הערט אין ערגעץ נישט איין נאָט פֿון דער מוזיק, וועלכע ווערט בעשריעבען אין דעם דאָזיגען בוך: דאָס טהעמאַ איז ענטציקענד, אָבער דער סטיל גאַנץ געוויס אָהן אַ שום ווערטה, אויסגעטראָטען, שלאַף. דאָס פֿראַנצויזיש איז נאָך שלעכטער ווי ביי אָהנע. ***) אָהנע בעמיהט זיך אָבגעדראָשען צו

---

*) בעריהמטער ראָמאַן, פֿון'ם עלטערן דיומאַ.

**) זשאָרעס קאַרל הויסמאַנס, מאָדערנער נאָוועליסט אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. זייט דעם יאָהר 1891 איז זיין נאָמען פֿערבונדען מיט דער ניי-מאָדנער קבלה און דאָס מתפלל זיין צום שטן.

***) זשאָרזש אָהנע, דער פּאָפּולערער פֿראַנצויזישער ראָמאַנען שרייבער. מאַנכע פֿון זיינע ראָמאַנען האָבען געהאַט הונדערט אויפֿלאַגען.

זײן, און דאָס געלינגט איהם אויך; הויסמאַנס פּלײסט זיך דאָס נישט צו זײן, און איז דאָס...

האַרדי׳ס ראָמאַן איז אַן עונג און דער פון העראָלד פרעדעריק שטאָפּליך זעהר אינטערעסאַנט... *)

דאָ אין תּפיסה איז כמעט ווי נישטאָ קײן ראָמאַנען, וועלכע מײנע אָרימע מיט-געפאַנגענע זאָלען קאָנען לײענען, דערום טראַכט איך צו געבען שפּעטער אַ מתּנה דער ביבליאָטעק אַן ערך פון אַ טוץ גוטע ראָמאַנען, דהינו: סטיפענסאָן (גאָרנישט פאַרהאַנען אויסער 'The Black Arrow'), טהעקעריי (גאָרנישט פאַרהאַנען) פון דזשײן אָסטין (גאָרנישט פאַרהאַנען) און אַ פּאָר גוטע ביכער פון דעם זאָרט ווי דעם עלטערען דיומאַ׳ס, למשל פון סטענליי וויימאַן און פון מאָדערנע יונגע לײט. דו האָסט גערעדט פון אַ מקורב הענלי׳ס? אויך אײנער פון ענטאָני האָפּ׳ס קרײז קומט אין בעטראַכט. **)

נאָך פּסח קאָנסט דו אויפשטעלען אַ רשימה פון אַן ערך פיערצעהן ביכער און זאָרגען דערפאַר, אַז זײ זאָלען מיר ווערען צוגעשיקט. די ווענינגע וועלכע ווערען נישט נתפּעל פון גאָנקור׳ס

---

*) טהאָמאַס האַרדי, ענגלאַנד׳ס גרויסער נאָוועלען שרײבער. סוף יאָהר 1895 איז ערשינען זײן מאָדערנער זעלטענער ראָמאַן 'Jude the Obscure', אין וועלכען ער שילדערט די מלחמה צווישען לײב און זעעלע בײ צאַהרטע פײן-פיהלענדע נאַטורען. — העראָלד פרעדעריק (1856—98), אַמעריקאַנער נאָוועליסט. אין יאָהר 1896 איז ערשינען זײן ראָמאַן 'Illumination' אָדער 'The Damnation of Theron Ware', אַן ערצעהלונג פון אירלענדישען רעליגיעזען לעבען אין אַמעריקאַ.

**) טהעקעריי (1811—63), דזשײן אָסטען (1775—1817), סטענלי וויימאַן (געב. 1855) און ענטאָני האָפּ האָוקינס: (געב. 1863) ענגלישע נאָוועלען שרײבער. (פון טהעקעריי איז איבערזעצט אין העברעאיש „דאָס בוך פון סנאָבס״.) — ווילױאַם ערנסט הענלי, ענגלישער דיכטער און קריטיקער, איז געווען רעדאַקטאָר פון אַ סך ליטעראַרישע אויסגאַבען.

טאַגעבוך *) וועלען זיי געפֿעלען. פֿערגעס נישט, אַז איך בין געוען אַליין פֿאַר זיי צו בעצאָהלען.

מיט שווערער דיינק איך אָן דעריין, הערויסצוטרעטען אין דער וועלט, נישט קאָנענדיג אָנרופֿען קיין איין איינציגעס בוך מיין. אפשר וועלען מיר איניגע פֿון מיינע פֿריינד שענקען אַ פּאָאר ביכער, למשל — — — — — — — — — — — — —?

דו ווייסט, וועלכע ביכער איך וואָלט וועלען האָבען: פֿלאָבער, סטיפֿענסאָן, באָדלער, מעטערלינק, דער עלטערער דיומאַ, קיעט, מאַרלאָו, טשעטערטאָן, קאָלערידזש, אַנאַטאָל פֿראַנס, גאָטיע, דאַנטע און די גאַנצע ליטעראַטור איבער דאַנטע, געטהע א.ז.וו. **) איך

---

*) אין דאָס טאַגע-בוך פֿון די ברידער זשול (1830—70) און עדמאָנד (1822—96) גאָנקור, ווערט דערצעהלט ווי אַזוי די דאָזיגע פֿראַנצויזישע ראָמאַנען שרייבער האָבען פֿערשטאַנען זייער קונסט. דער יחיד און זיין זעלען-לעבען האָט זיי ווייניג וואָס געקימערט. זיי האָבען דער עיקר געוואָלט ווייזען דעם איינפֿלוס פֿון די געזעלשאַפֿטליכע אָרד-נונגען אויף די מענשען פֿון 19-טען יאָהרהונדערט.

**) גוסטאַוו פֿלאָבער (1821—80), דער פֿראַנצויזישער ראָמאַ-ניסט, וועלכען ווילד בעצייכענט אין דער „מענשליכער נשמה", אַלס „אַן אויסערגעוועהנליכען קינסטלער". (איין ראָמאַן זיינער, „סאַלאַמבאָ" איז גע-ווען איבערזעצט אין יודיש.) — באָדלער, זעה אויבען זייטע 87 און 117.

פֿון מאָרים מעטערלינק, דעם „בעלגישען שעקספּיער" איז ערשינען אין יודיש „מאָנאַ וואַנאַ" (אים זעלבען פֿערלאַג), „די בלינדע" און „דער אונבעקאַנטער". — דער עלטערער דיומאַ, זעה אויבען זייטע 117.

קיעט (1795—1821), דער גרויסער ענגלישער דיכטער וואָס האָט געזונגען דאָס אויבען דערמאָנטע (זייטע 91) „וואונדערבאַרע" געדיכט 'La Belle Dame sans merci', וועלכען ראָזעטי האָט פֿערהערליכט דורך זיינע צוויי בילדער מיט דעם זעלבען נאָמען. (אָסקאַר ווילד, אין דער „מענשליכער נשמה", רעכענט אַריין קיעט און פֿלאָבער צווישען די

זועל דאָס בעטראַכטען פֿאַר אַ גרויסע אַרטיגקייט, אויב עס װעלען זיין צוגעגרייט פֿאַר מיר ביכער — און אפשר האָב איך נאָך פֿריינד, וועלכע וואָלטען גרייליך וועלען עפּעס וואָס טהאָן פֿאַר מיר. מען איז וואַהרהאַפֿטיג זעהר דאַנקבאַר, אפילו בעת דאָס האָט ליידער דעם אויסזעהן, אַזוי ווי איך וואָלט דאָס נישט געוועז. אָבער דו מוזט מיר דן זיין לכף זכות, דען אַחוץ דעם לעבען אים צוכטהויז האָב איך נאָך בעשטענדיג געהאַט שברת הלב און אונ־בעקוועמליכקייטען.

אַלס תשובה אויף דעם קאָנסט דו מיר שיקען אַ לאַנגען בריף, וועלכער זאָל זיך עוסק זיין נור אין טהעאַטער-שטיק און ביכער. דיין כתב אין לעצטען בריף איז געוועז אַזוי שרעקליך, אַקוראַט ווי דו וואָלסט געשריעבען אַ דריי בענדיגען ראָמאַן מכח די בעאונרוהיגענדע פֿערברייטונג פֿון קאָמוניסטישע אידעען אונ־טער די גבירים אָדער דו מאַכסט סתם אַ תל פֿון דיין יוגענד, וועלכע איז אימער געוועזן אַזוי פֿיעל צוזאָגענדיג און וועט דאָס תמיד בלייבען. טהו איך דיר אַן עולה וואָס איך גיעב אָן אַ פֿאַלשען טעם, דאַן מוזט דו דאָס שטעלען אויפֿ'ן חשבון פֿון דער קראַנקהאַפֿטער גערייצקייט, וועלכע איז אַ פועל יוצא פֿון דעם לאַנגדויערדיגען צוכטהויז לעבען. אָבער ביטע שרייב דייטליך. ווען

יעניגע וועלכע זיינען „אים שטאַנד זיך אָבצוזונדערן, אויסצומיידען די פֿאָ־דערונגען פֿון אַנדערע" און „אויף אָט דעם אופן צו פֿערווירקליכען די פֿערפֿאָלקאָמענהייט פֿון די אַלע פֿעהיגקייטען, וועלכע זיי בעזיצען אין זיך — צום גרעסטען פֿערגניגען פֿון זיי גופא און דעם גרעסטען און אונענד־ליכען געווינס פֿון דער גאַנצער וועלט".)

מ אַ ר ל אָ ו (1564—93), דער גרעסטער ענגלישער דראַמאַטורג פֿאַר שעקספּיער. ער האָט אויך געשריעבען אַ מין „שיילאָק": „דער יוד פֿון מאַלטאַ". — ט ש ע ט ע ר ט אָ ן און ק אָ ל ע ר י ד ז ש, זעה אויבען זייטע 91. — אַ נ אַ ט אָ ל פֿ ר אַ נ ס (געב. 1844), דער בעדייטענדסטער פֿון די געגענווערטיגע פֿראַנצויזישע שריפֿטשטעלער. — ג אָ ט י ע, זעה אויבען זייטע 125. — ד אַ נ ט ע, זעה אויבען זייטע 60, 69 און 85.

נישט זעהט דאָס אויס, פונקט ווי דו האָסט גאָרנישט וואָס צו פערהייהלען.

אין דעם דאָזיגען בריף שטעהט וואויל מאַנבעס וואָס איז אָבשטוימענד. אָבער איך מוז דיך טאַדלען פאַר דיר אַליין, נישט פאַר אַנדערע. גיעב מיין בריף לעזען צו מאָר — — —. העררים וועט מיך בעזוכען האָפענטליך שבת.

גרים פון מיר אַרטור קליפטאָן און פרוי — איך געפין, זי האָט אַזוי פיעל עהנליכקייט מיט ראָזעטי'ס פרוי: דאָס גלייכע הערליכע האָאר, אָבער זי איז נאַטירליך אַ זיסערעס וועזען, הגם אפילו מיסס סידאַל איז אויך בעצויבערנד און איהר געדיכט געוויס *)

תמיד דיין

אסקאר ווײלד.

---

10 מערץ, 1896.

מיין ליעבער ראָבבי!

ביטע לאָז שרייבען אַ בריעף צו דעם אַדוואָקאַט מר. — —, מיט פאָלגענדען אינהאַלט, היות ווי מיין פרוי האָט צוגעזאָגט, אָבצושרייבען מיר אַ דריטעל, אין דעם פאַל ווען זי שטאַרבט פריהער פאַר מיר, ווינש איך קיינערליי התנגדות אַנטגעגען די דאָזיגע לעבענס לענגליכע הכנסה. איך ווייס גאַנץ גוט אַז איך

---

*) מיס עליזאַבעט עליענאָר סידאַל. מחמת איהר בעצויבערענדער שענהייט האָט זי, נאָך זייענדיג אַ פשוט'ע מאָדיסטקע, פיגורירט אַלס מאָדעל פאַר פיעלע פון ראָזעטי'ס געמעלען. אונטער זיין השפעה האָט זי זיך ענטוויקעלט צו אַ מאַלערין און דיכטערין. זומער 1860 האָט ראָזעטי מיט איהר חתונה געהאַט און אָנהייב יאָהר 1862 איז זי פלוצלונג געשטאָרבען. ראָזעטי האָט אין זיין „צער און יאוש" איהר מיטגעגעבען אין קבר זיינע געשריעבענע ליעדער. אויף דעם פערלאַנג פון זיינע פריינד האָט ער סוף יאָהר 1869 איינגעוויליגט צו דער אויסגראָבונג פון זיין כתב יד, און יעמאָלט האָט ער פערעפענטליכט די אויבען דערמאָנטע ליעדער.

האָב געבראַכט אַזוי פֿיעל אונגליק אויף איהר און אַזאַ חרבן אויף מיינע קינדער, אַז איך האָב לכל הדעות נישט קיין רעכט, אויף וועלכען אופן עס איז צו זיין געגען איהרע ווינשען. זי איז היער געוועזן פֿריינדליך און גוט אַנטגעגען מיך, בעת זי האָט מיך בעזוכט. איך האָב צו איהר אַ פֿולען פֿערטרויען. ביטע לאָז דאָס באַלד אויספֿיהרען און דאַנק מיינע פֿריינד פֿאַר זייערע געפֿעליגקייטען. איך פֿיהל אַז איך טהו ריכטיג, ווען איך לאָז דאָס איבער מיין פֿרוי.

ביטע שרייב אויך צו סטואַרט מעריל אין פאַריז אָדער צו ראָבערט שעראַרד, ווי איך האָב מיך געפֿרייט איבער די אויפֿפֿיהרונג פֿון מיין שטיק, און גיעב איבער מיין דאַנק צו לואיניע-פאָע*): עס איז דאָך עפּעס וואָס אַז נישט קוקענדיג אויף די חרפות און בזיונות ווער איך נאָך בעטראַכט אַלס קינסטלער. איך וואָלט געוואונשען, מיך צו קאָנען נאָך מעהר פֿרייען, אָבער איך בין בעשיינפערליך אָבגעשטאָרבען פֿאַר אַלע געפֿיהלען, אויסער פֿאַר צער און יאוש. אַליץ איינס — טהייל מיט לואיניע-פאָע, אַז איך ווייס ווי צו שעצען דעם כבוד וועלכען ער האָט מיר אָנגעטהאָן. ער איז זעלבסט אַ דיכטער.

איך האָב מורא, דו וועסט מיין כתב נור שווערליך קאָנען לעזען, אָבער מען ערלויבט מיר נישט צו בענוצען קיין שרייבגעצייג, און עס ווייזט אויס, ווי איך וואָלט פֿערגעסען דאָס שרייבען. דו מוזט מיר בכן ענטשולדיגען.

דאַנק מאָר — — — פֿאַר זיין טרחה, מיר צו שיקען ביכער; צום אונגליק לייד איך פֿון קאָפּ-שמערצען, אַזוי גיך ווי איך לייען מיינע גריעכישע און רוימישע דיכטער. זיי האָבען מיר

*) סטואַרט מעריל, מאָדערנער פֿראַנצויזישער דיכטער. — ראָבערט שעראַרד, ענגליש-פֿראַנצויזישער שריפֿטשטעלער, דער טרייער פֿריינד פֿון אָסקאַר וויילד און פֿערפֿאַסער פֿון דעם בעריהמטען בוך: „אָסקאַר וויילד, די געשיכטע פֿון אַן אונגליקליכער פֿריינדשאַפֿט.“ — לואיניע-פאָע, פֿראַנצויזישער אַקטיאָר, בעריהמט דורך זיינע אויפֿפֿיהרונגען פֿון איבסען׳ס און אַנדערע מאָדערנע דראַמען.

דעריבער נאָך נישט פּיעל געהאָלפּען — אָבער עס איז געווען זעהר פריינדליך פון איהם מיר צו בעזאָרגען די רשימה.

בעט איהם אויך אויסצודריקען מיין דאַנק פאַר די דאַמע וועלכע וואָהנט אין — — — — — — — — — — — — — —.

אַלס ענטפּער אויף דעם שרייב מיר איבער די ליטעראַטור: וועלכע נייע ביכער זיינען ערשינען א. ד. ג. אויך איבער דאָס שטיק פון דזשאָנס און פאָרבס ראָבערטסאָן'ס טהעאַטער דירעקציאָן;*) איבער ערגעץ וועלכע עס איז נייע טענדענצען אים פּאַריזער אָדער לאָנדאָנער טהעאַטער לעבען. בעמיה זיך צו קריגען זעהן, וואָס לעמעטר, בויער און סאַרסי**) האָבען געזאָגט איבער „סאַלאָמע", און גיעב מיר אַ קורצען אויסצוג דערפון. ביטע שרייב הענרי בויער, איך בין געריהרט איבער זיין פריינדליכען אַרטיקעל. ראָבערט שעראַרד קען איהם. עס איז געווען זעהר פיין פון דיר אַז דו האָסט מיר בעזוכט. דו מוזט דאָס נעקסטע מאָל ווידער קומען. דאָ רינגעלט מיך אַרום די אימה פון'ם טוידט. וועדליג דאָס לעבען היער איז נאָך אימה'דיגער. שוויינענדיג און עלענד***) — — — — — — — — — — — — — — — — —

---

*) הענרי אַרטהור דזשאָנס (געב. 1851), מאָדערנער ענגלישער דראַמאַט רג. — פאָרבס-ראָבערטסאָן, בעריהמטער לאָנדאָנער אַקטיאָר.

**) בעקאַנטע פּאַריזער קונסט קריטיקער. זשול לעמעטר (געב 1853) איז אויך בעקאַנט אַלס דראַמאַטורג און פּאָליטיקער. — סאַרסי Sarcey (1828—99) איז בעריהמט דורך זיינע פעליעטאָנען איבער טהעאַטער. זיין מיינונג איבער אַ טהעאַטער שטיק האָט געגאָלטען אין פראַנקרייך אַלס די העסטע אויטאָריטעט.

***) דער אויסשניט אין דעם דאָזיגען בריף איז געמאַכט דורך די שער פון מאַיאָר אייזעקסאָן, דער דירעקטאָר פון תפיסה. מסתמא איז דאָרטען געווען גערעדט פון אכזריות און נגישות, וועלכע ווילד ווי אויך די אַנדערע אַרעסטאַנטען האָבען געהאַט אויסצושטעהן אונטער איהם. באַלד נאָך דעם איז אַריינגעטראָטען אַ מענשען-פריינדליכער בעאַמטער אויף זיין שטעלע, מאַיאָר נעלסאָן, וועמענס גוטסקייט ווילד נאָך זיין אַרויסגאַנג פון תפיסה האָט נישט געקאָנט גענוג ריהמען און פון וועמען עס איז איהם קיינמאָל נישט נמאס ומאוס געוואָרען צו דערצעהלען. (די

תמיד דײנק איך מיט טיעפער צונײגונג אָן דיך.

איך האָב געװאונשען, אַז — — — — — װעט אָבנעהמען אין אָוקלי סטריט*) מײן רײזע־זאַק, מײן פעלץ, מײנע קלײדער און מײנע אײגענע ביכער, װעלכע איך האָב געשענקט מײן ליעבע מוטער. פרעג — — —, אויף װעמענס נאָמען איז גענומען געװאָרען דער קבר פון מײן מוטער.

אימער דײן פרײנד

אסקאר װײלד.

---

6. אפריל 1896.

— — — אויף אָט די רײן געשעפטליכע אַנגעלעגענהײטען װעט אפשר — — — זײן אַזוי גוט צו ענטפערן. װען זײן בריף איז זיך עוסק נור אין געשעפטליכע ענינים, יעמאָלט מעג איך איהם ערהאַלטען. איך מײן, ער װעט נישט קומען אין װעג דײן ליטערארישען בעריכט; װאָס עס איז נוגע דעם דאָזיגען, אַזוי האָט מיר דער דירעקטאָר טאַקי אָקאָרשט ערשט פאָרגעלעזען דײן פרײנדליכע מעלדונג.

פערזענליך, מײן ליעבער ראָבבי, האָב איך דיר נור װעניג צו זאָגען, װאָס זאָל דיך דערפרײען. דער אָבזאָגענדער ענטפער אויף מײן בעגנאַדיגונגס־בקשה האָט מיך געטראָפען װי אַ קלאַפ פון אַ בלײענעם שװערט. אַ טעמפער שמערץ־געפיהל האָט מיך בעטויבט. איך האָב געהאַט געצערט פון דער האָפענונג, און איצט צערט פון מיר די פײן אין איהר הײסען הונגער, אָט אַזוי װי זי װאָלט װערען פער׳חלש׳ט אין איהר אײגענעם אַפעטיט.

דאָזיגע בעמערקונג שטאַמט פון דער דײטשער אויסגאַבע. אַלע אַנדערע בעמערקונגען אין דעם דאָזיגען בוך זײנען געשריעבען פון דעם איבערזעצער.)

*) די גאַס אין טשעלסי, (לאָנדאָן) װאו װײלד׳ס מוטער האָט געװאוינט, און װאו ער האָט זיך געפונען די לעצטע טעג פאַר זײן פערורטײלונג.

דאָך פֿריינדליכערע עלעמענטען ווי פֿריהער זיינען אַצינדערט אין דער דאָזיגער שלימער תפיסה־לופֿט: מען האָט נישט פֿער־פֿעהלט מיך צו ווייזען סימפּאַטיע, איך פֿיהל מיך נישט מעהר לגמרי אויסגעשלאָסען פֿון מענשליכע פֿיהלונגען—וואָס דאָס האָט מיר פֿריהער גורם געווען שרעקעניש און עגמת נפש. איך לייען ווענינגסטענס דאַנטע און מאַך מיך נאָטיצען און אויפֿצייכענונגען פֿאַר שמחה, אַז איך מעג ווידער בענוצען טינט און פֿעדער. עס זעהט אויס ווי עס וואָלט מיר אין אַ סך בעציהונגען געגאַנגען בעסער. איך וועל אויך ווידער אָנהייבען צו לערנען די דייטשע שפּראַך. דער־פֿאַר זעהט אויס די תפיסה צו זיין באמת דער פּאַסענדסטער פּלאַץ.

אָבער נאָך שניידט מיר אַ דאָרן אין דאָס פֿלייש — אַ דאָרן אַזוי שפּיציג ווי דער וועלכען פּאַולוס האָט געהאַט,*) הגם ער איז פֿון אַ גאַנץ אַנדער זאָרט — און איך מוז איהם אַרויסציהען אין דעם דאָזיגען בריף. זיין סיבה איז די נאַכריכט, וועלכע דו האָסט מיר געשריעבען אויף אַ שטיק פּאַפּיער. אויב איך וועל זי האַלטען בסוד, יעמאָלט וועט זי אויסוואַקסען אין מיין קאָפּ (ווי גיפֿטיגע פֿלאַנצען וואַקסען אין דער טונקעל) און זיך בעהעפֿטען מיט די אַנדערע שרעקליכע מחשבות, וועלכע זויגען אין מיר...

פֿאַר די וועלכע זיצען דאָ שטום און ביחידות געשמידט אין קייטען, איז דאָס טראַכטען קיין לעבעדיגע בריאה מיט פֿליגעל, ווי פּלאַטאָ האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, נאָר אַ פּגר וואָס בריהעט אויס שווערהאַפֿטעס, ווי אַ זומפּ, וועלכער ווייזט די לבנה פֿערזעהענישען.

איך מיין נאַטירליך מכח דעם וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז עס ווערט מיר פֿערפֿרעמדט דאָס מיט־געפֿיהל פֿון אַנדערע, אָדער אַז עס איז פֿאַרהאַנען אַ סכנה דערצו, דורך די טיעפֿע ביטערקייט פֿון מיינע געפֿיהלען — — — — — — — — — — — — —

*) דער אַפּאָסטעל פּאַולוס שרייבט אין צווייטען בריעף צו די קאָרינטער (י״ב 7): „כדי איך זאָל מיך נישט צופֿיעל איבערנעהמען דורך דער שפּע פֿון ענטפּלעקונגען, איז מיר אַריינגעגעבען געוואָרען אַ דאָרן אין מיין פֿלייש, דער שליח פֿון שטן זאָל מיר שלאָגען מיט׳ן פֿויסט כדי איך זאָל מיך נישט איבערנעהמען״.

איך גלויב, מיין בריף איז געוואָרען געליהען און געוויזען צו אַנדערע. איך פֿערלאַנג אָבער נישט אַז מיינע בריף זאָלען ווערען אַרומגעוויזען אַלס קוריאָזיטעטען; דאָס איז מיר העכסט צואווידער. איך שרייב צו דיר אָפֿען, ווי צו איינעם פֿון די ליעבסטע פֿריינד, וועלכע איך האָב, אָדער האָב ווען אַ מאָל געהאַט; מיט ווייניג אויס־נאַהמען בעריהרט מיך דאָס מיטגעפֿיהל פֿון אַנדערע, אַזוי ווייט ווי דאָס געהט, כמעט כלל נישט.

אַ מענש פֿון מיין שטאַנד קאָן נישט פֿאַלען אין דעם שמוץ פֿון לעבען, אָהן דעם אַז לייט וועלכע שטעהען אונטער איהם, זאָלען האָבען פֿאַר איהם מיטלייד אין רייכען מאָס. איך ווייס אויך אַז דאָס פובליקום ווערט מיעד ווען די שטיק דויערט צו לאַנג. מיין טראַגעדיע האָט פֿיעל צו לאַנג געדויערט; זי האָט שוין אַריבער געטראָטען איהר העכסטען פונקט; איהר סוף איז געמיין.

און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז בעת עס וועט זיך דערנעהנטערן דער סוף, וועל איך צוריקקעהרען ווי אַן אונגעבעטענער גאַסט אין דער וועלט, וועלכע טראָגט נאָך מיר קיין פֿערלאַנגען. ווי אַ Revenant*), ווי די פֿראַנצויזען זאָגען, ווי איינער, וועמענס פנים עס איז, דורך דאָס לאַנגע זיצען אין תפיסה, געוואָרען גראָה און פֿערדאָרבען פֿון וועהטאָג. ווי אימה'דיג מתים זיינען, בעת זיי שטעהען אויף פֿון זייערע קברים: די לעבעדיגע, וועלכע קומען אַרויס פֿון קבר, זיינען נאָך אימה'דיגער. דאָס אַלץ ווייס איך גאָר צו גוט. איז מען אַקאָרסט געוועזען אַכטצעהן שרעקליכע חדשים אין אַ צעל פֿון תפיסה, דאַן זעהט מען מענשען און זאַכען, ווי זיי זיינען בפועל ממש. דער אָנבליק פֿערשטיינערט איינעם.

גלויב נישט אַז איך מאַך ערגעץ וועמען עס איז שולדיג פֿאַר מיינע חטאים. מיינע פֿריינד האָבען דערמיט אַזוי ווייניג צו טהאָן געהאַט ווי איך מיט זייערע חטאים. די נאַטור, אונזער אַלעמענס שטיעפֿמוטער איז געווען דערביי אין שפּיעל. איך מאַך זיי אַ פֿאָר־וואורף נור דורך דעם וואָס זיי האָבען נישט געוואוסט ווי צו האַלטען בכבוד דעם מאַן פֿון וועלכען זיי האָבען געמאַכט אַ תל.

*) אַ גייסט פֿון יענער וועלט.

בל זמן אַז מיין טיש איז געווען רויט פֿון וויין און רויזען, וואָס האָט דאָס זיי געאַהרט? מיין זשעני, מיין לעבען אַלס קינסטלער מיינע אַרבייטען און די מנוחה, וועלכע איך האָב דערצו נעטהיג געהאַט האָט פֿאַר זיי נישט געגאָלטען.

איך בין מודה, אַז איך האָב פֿערלאָרען דעם קאָפּ. איך בין געווען צומישט, האָב נישט געהאַט מעהר קיין אורטהיילס־קראַפֿט. איך האָב געמאַכט דעם איין אונגליקליכען טראַט,*) און איצט — — איצט זיץ איך דאָ אויף אַ בענקעל אין אַ צעל פֿון צוכטהויז.

אין אַלע טראַגעדיעס ליעגט אַ קאָמישער עלעמענט. דו קענסט דאָס קאָמישע אין מיין טראַגעדיע. גלויב נישט, אַז איך מאַך מיך נישט קיין פֿאָרווירפֿע. איך פֿערשילט זיך ביי נאַכט און ביי טאָג, איבער מיין נאַרישקייט, צו האָבען געגעבען אַ געוויסער מאַכט די הערשאַפֿט איבער מיר. ווען עס וואָלט געגעבען אַ ווידער־קול אין די דאָזיגע מויערן, יעמאָלט וואָלט דאָס אָהן אַן אויפֿהער אָבגעקלונגען פֿון די ווענד: „נאַר, נאַר!" איך שעהם מיך גאָר זעהר מיט מיינע פֿריינדשאַפֿטען.

דען זאָג מיר ווער איז דיין פֿריינד, און איך וועל דיר זאָגען ווער דו ביסט. דאָס איז אַ פּרוביר שטיין פֿאַר יעטווועדען איינעם. און מיך ערפֿילט מיין חבר'שאַפֿט מיט ברענענדיגע בושה.

טעגליך איז דאָס פֿאַר מיר אַ קוואַל פֿון גייסטיגער ערניע־דערונג. אָן עטליכע פֿון זיי טראַכט איך קיינמאָל נישט. זיי בע־אונגרוהיגען מיך נישט. זיי זיינען פֿאַר מיר אָהן אַ שום ווערדע...

בלעבען, מיין גאַנצע טראַגעדיע זעהט מיר אויס לעכערליך און נישט מעהר. דען אַלס פּועל יוצא דערפֿון, וואָס איך האָב מיך געלאָזט אַריינגאַרען אין נעץ, זיץ איך אים טיעפֿסטען זומפּ פֿון מאַלעבאָלגע**) צווישען זשיל דע רעטץ און דעם מאַרקיז דע סאַד.***) אין געוויסע ערטער איז נישט ערלויבט צו לאַכען, מיט אויסנאַהמע פֿון די עכטע משוגעים; און אויך אין זייער פֿאַל איז דאָס אַ

---

*) זעה אויבען זייטע 16 און 115.

**) אַזאַ פּלאַץ אין גיהנם, לויט דער בעשרייבונג פֿון דאַנטע. (זעה אויבען זייטע 59.)

***) זעה אויבען זייטע 35.

פֿערברעכען אַנטגעגען דאָס רעגעלמענט: ווען נישט וואָלט איך איבער דעם לאַבען.

אגב זאָל זיך קיינער נישט איינריידען, אַז איך שטעל אונ־ווירדיגע כונות אויף דעם חשבון פֿון אַנדערע. זיי האָבען איבער הויפּט נישט געהאַט קיין מאָטיווען אים לעבען. מאָטיווען געהערען אין דער ממשלה פֿון דעם פֿערשטאַנד. זיי האָבען נישט געקענט עפּעס אַנדערש אַ חוץ תאוות, און אַזעלכע תאוות זיינען פֿאַלשע געטער, וועלכע פֿערלאַנגען קרבנות מעג דאָס קאָסטען מי יודע וויפֿיעל און אין אָט דעם פֿאַל האָבען זיי געפֿונען אַ קרבן, ווען עס איז געווען „געפֿלאָכטען דער לאָרבער קראַנץ אַרום דעם שטערן".

אָט אַזוי האָב איך טאַקע איצטער אין מיין בריף הערויס־געצויגען דעם דאָרן. די קורצע, פֿון דיין האַנד אויסגעקריצעלטע שורה האָט מורא'דיג געאייטערט. איצטער דיינק איך דערפֿון אַז דו זאָלסט ווערען ווידער פֿאָלקאָם געזונד און צו גוטער לעצט אויפֿשרייבען די וואונדערפֿולע געשיכטע פֿון — — — — — —
— — — — — — — — — — — —.

ביטע גרים פֿון מיך מיט דעם אויסדרוק פֿון מיין דאַנק דיין ליעבע מוטער און אויך עליק'ן. די „פֿערגאָלדעטע ספֿינקס" איז משמעות נאָך אימער פּראַכטפֿול. און שיק אין מיין נאָמען אַלץ, וואָס איז גוט אין מיינע געדאַנקען און געפֿיהלען, און אַזוי פֿיעל גריסען און הולדיגונגען וויפֿיעל זי וויל פֿון מיר אָננעהמען, צו לײדי— — — וועמעס נשמה עס איז אַ בית המקדש פֿאַר די פֿערוואונדעטע און אַן ערי מקלט פֿאַר די ליידענדע.

ווייז קיינעם נישט דעם דאָזיגען בריף און דערמאָן קיין וואָרט נישט וועגען דעם אין דיין תשובה. דערצעהל מיר פֿון דער וועלט פֿון שאָטטען, וועלכע איך האָב אַזוי געליעבט. און פֿון'ם לעבען און די לעבעדיגע. איך האָב געוואוסט גאָר צו גערן עפּעס וואָס פֿון דעם פֿליעג וואָס האָט מיך געביסען, און מיין וועהטאָג קאָן נאָך האָבען רחמנות.

דיין
אסקאר ווײלד